STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01631

DER MENSH BYALIK

Eliezer L. Sherman

Permanent preservation of this book was made possible
by Paul D. Neuwirth
in honor of
Anna & Benjamin Neuwirth

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אליעזר שערמאַן

דער מענטש ביאַליק

זכרונות און איינדרוקן

וועגן דער ליכטיקער פערזענליכקייט
פונ׳ם גרויסן נאַציאָנאַלן דיכטער

ח. נ. ביאַליק

PUBLISHED BY
BER-KAY PRESS
236 South Eighth Street
Philadelphia, Pa.

Copyright by
ELIEZER L. SHERMAN

פאָרוואָרט

דער שרייבער פון די זכרונות האט געהאט דעם גרויסן כבוד און פארגעניגן צו זיין פערזענלאך באקאנט אין פארלויף פון פיל יארן מיט דעם גרויסן אידישן דיכטער, חיים נחמן ביאליק, אין ארץ-ישראל.

א סך מאל האב איך זיך מיט אים באגעגנט אין זיין פראכטפול קינסטלעריש-אויסגעשטאט הויז אין תל-אביב, — א הויז וואס איז געווען א בית-ועד לחכמים, א הויז וואס האט געהאט אן אפענע טיר פאר יעדן באדערפטיקן; אויך זיך געטראפען מיט אים אין תל אביב׳ער שטאָט-ראט, אין „אוהל-שם", אין קלוב פון אגודת הסופרים און אין אנדערע ערטער. איך האב דעריבער פיל צו דערציילן וועגן ביאליק שבעל-פה, ביאליק דער מענש.

דאך האָב איך פיל נאָכגעדיינקט און אויך געצווייפלט, צי זאל איך פארעפענטלאכן מיינע זכרונות וועגן ביאליק׳ן. מיינע ספקות האבן זיך גענומען דערפון, וואס אפ׳ן שטעל פלעג איך ניט אויפשרייבן דאס וואס כ׳האב פון דיכטער געהערט, און כאטש כ׳בין זיכער, אז מיר וועט זיך איינגעבען איבערצוגעבן ריכטיק דעם תוכן פון זיינע רייד, ווייל איך פלעג אלע מאל זיך צוהערן צו זיינע רייד, צו זיינע שיחות-חולין, מיט א באזונדער אויפמערקזאם, וועל איך דאך ניט זיין אומשטאנד איבערצוגעבן זיינע שמועסן אין זיין גלענצענדן, מייסטערהאפטן סטיל, כלשונו וכצורתו. אגב, דאס איז בכלל ניט פון די לייכטע זאכן.

נאך א לענגערן ישוב-הדעת האָב איך דאך באשלאָסן צו פארעפענטלאכן די זכרונות, און אט צוליב וואס:

אין מיינע שמועסן מיט ביאליק׳ן האב איך אים א פאר מאל באמערקט, אז ס׳איז א שאד וואס ער האט ניט ווי ג ע ה ט ע זיין עקערמאן, אדער ווי ס׳פלעגט זיין ביי די פארצייטיקע רביים א חוזר, א חסיד א בר-אורין, וואס פלעגט אויפשרייבן דעם רבינ׳ס תורות און שמועסן און אפדרוקן פון זיי א ספר.

אף מיין באמערקונג האט ביאליק געענטפערט, אז אויך ער דענקט דאס אייניקע פון זיינע רעדעס און פריוואטע שמועסן וואלטן געדארפט פארעפענטלאכט ווערען, און אז ס׳טוט אים לייד וואס דאס ווערט ניט געטאן דורך זיינע פריינד.

עס איז דעריבער קלאר פאר מיר, אז זיין רצון איז געווען אז די פערזאנען מיט וועלכע ער האט געשמועסט (אויך מיין ווייניקייט בתוכם) זאלן אויפשרייבן און פארעפנטלאכן זיינע באלערענדע און גייסטרייכע שמועסן און אויך אינטערעסאנטע עפיזאדן פון זיין לעבן.

מיינע זכרונות האב איך געזאלט פארעפענטלאכן נאך, ווען דער דיכטער האט געלעבט. נאר פלוצלינג איז געקומען די ידיעה וועגן דעם טויט פון דעם „ארי שבחבורה", דער לייב צווישן די אידישע שרייבער. וואס האט מיך דערשלאגן און דערשיטערט. . . ווען איך האב זיך געזעגנט מיט אים א יאר, בערך, פאר זיין טויט, איז ער געווען פול מיט לעבנס-ענערגיע. יונגער אין גייסט פון אנדערע יונגע שרייבער. מיט גרויס באגייסטערונג האט ער גערעדט וועגן פארשיידענע ליטעראַרישע פלענער פון זיינע אייגענע יצירות און אויך וועגן קאלעקטיווע שאפונגען צוזאמען מיט מיטארבעטער. און פלוצלינג האט א קליינע „אמבולא", א בלוט קייקעלע אפגעשטעלט דאס גרויסע הארץ פון דער אידישער אומה—אין דער איצטיגער שווידערליכער תקופה פון אונזער געשיכטע. . .

באלד נאך זיין טויט האב איך פארעפענטלאכט א קליי־נעם טייל פון מיינע זכרונות אין די היגע אידישע ציטונגען. איך האב ערוואַרטעט אז די היגע אידישע פרעסע וועט געוויס זיך ניט באגנוגענען מיט די בחפזון׳דיקע זכרונות, וואס זיינען פארעפענט־לאכט געווארען באלד נאך זיין טויט, נאר אז זי וועט ערמוטיקן די אלע וואס האבן וואס צו דערציילן וועגן דער פערזענלאכקייט און דעם לעבן פון דעם גרויסן דיכטער, אז זיי זאלן דאס טון.

אינגיכן אבער האָב איך זיך איבערצייגט אז כ׳בין נאָך א גרוי־נער אין לאנד. בערך א חודש נאך זיין טויט האב איך אנגעבא־טען א פארשטייער פון א נאציאנאלער אידישער צייטונג צו פאר־עפענטלאכן מיינע זכרונות וועגן ביאליק׳ן. דער פארשטייער האט מיר געענטפערט כהאי לישנא: „באלד נאכן טויט פון ביאליק׳ן האָבן מיר פארעפענטלאכט אן ארטיקעל זכרונות וועגן אים פון איינעם פון אונזערע מיטארבייטער. מיט דעם האבן מיר „גע־קאוועט״ ביאליק׳ן. איצט איז ער פאר אונז טויט און באַגראָבן.״

איך האב אויפגעשוידערט פון דעם גראבן און ציניש׳ן ענט־פער און מיט בושה און צער פארלאזט די רעדאקציע. . . ווען איך האב זיך בארוהיגט האב איך מהרהר געווען: „אפשר איז דער בעל־דבר גערעכט. עס איז ווירקלאַך א פחיתת־הכבוד פאר דעם גרויסן דיכטער, אז זכרונות וועגן אים זאלן פארעפענט־לאכט ווערן אין די ציטונגען, וואו ס׳ווערן פארעפענטלאכט זכ־רונות וועגן חזנים און בדחנים, אַקטיאָרן און אַקטריסעס, ראמאנען וכדומה. „בקהלם אל תחד כבודי״—וואלט ביאליק גע־זאגט אין אזא פאל.״

עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער צייטונגסמאן איז גע־ווען גערעכט אין זיין באהויפטונג אז ביאליק איז פאר געוויסע זשורנאליסטן „געקאוועט״. צום ערשטן יארצייט נאך זיין טויט

האבן די היגע צייטונגען זיך באנוגנט בלויז מיט א פאר סקארבאווע ארטיקלען וועגן דיכטער.

אנדערש איז געווען די באציאונג פון די ארץ ישראל׳דיקע צייטונגען. דארטן איז געשריבן געווארן זעהר פיל וועגן ביאליק׳ן. זיינע קאלעגן און פריינד האבן פארעפענטלאכט זעהר אינטערעסאנטע זכרונות וועגן אים. עס זענען אויך פארעפענטלאכט געווארן צוויי אינטערעסאנטע ביכער — „ח.נ. ביאליק, דברים שבעל פה״.

אין מיין בוך באנוץ איך זיך מיט טיילן פון די דאזיקע ביכער און אויך מיט די זכרונות אויף וויפיל זיי דערגענצן דאס בילד פון דער פערזענלאכקייט פונ׳ם גרויסן נאציאנאלן דיכטער.

עס זענען פאראן שרייבער, וועלכע נוצן אויס זייער גאנצן טאלאנט, זייערע בעסטע גייסטיקע און אינטעלעקטועלע כוחות פאר זייערע ווערק, שעפן אויס דעם קוואל פון זייער יצירה אין זייערע שאפונגען, איבערלאזנדיק קנאפ אין רעזערוו פאר זיך אליין, פאר זייער טאג-טעגלאכן לעבן.

דעריבער פאסירט אפט, אז גרויסע פארערער פון א שרייבער, וועלכע טרוימען וועגן דער גליקלאכער שעה, ווען זיי וועלן זיך מיט אים טרעפן פנים אל פנים, ווערן ביטער אנטוישט בעת זיי באגעגנען זיך מיט אים און געפינען אויס, אז ער איז אומאינטערעסאנט אין לעבן — עס איז הציץ ונפגע.

חיים נחמן ביאליק איז אין דעם פרט געווען א גליקלאכער אויסנאם. ער איז געווען אויך אין לעבן א מעין הנובע, א שטענדיק-שפרודלנדער קוואל פון תורה און חכמה. ער איז געווען א וואונדערבארער שמועסער. זיינע שמועסן האבן געפינקעלט און געבליצט מיט אריגינעלע רעיונות, אפאריזמען (לויט דעם תלמודישען שטייגער), עכט אידישן וויץ און הומאר.

אין איינעם פון זיינע בריוו שרייבט ער: „יפה שיחה אחת שבעל פה מאלף מכתבים”, איין מינדלאכער שמועס איז בעסער פון טויזנטער בריוו. משמעות, אז ער האָט געפילט דעם גרויסן באַדייט פון זיינע שמועסן.

אליעזר שערמאַן, פילאַדעלפיא, יאַנואַר 1936

מיין ערשטע באקאנטשאפט מיט ביאליק'ן

אין יענע יארן, אין אנהויב פון דעם איצטיקן יארהונ--דערט, ווען די רוסישע רעוואלוציע האט זיך פאנאנדערגעפלא-קערט ווי א וואלד-פייער אין אלע טיילן פון דער ריזיקער רוסלאנד, האט די אידיש-רוסישע אינטעליגענץ, ווי באוואוסט, געשפילט א זייער וויכטיקע ראל אין דער באוועגונג.

די זעלבע אינטעליגענץ, וועלכע האט מיט א קורצער צייט צוריק געלערנט אין די ישיבות, וואס האט נאכדעם אונטער דער השפעה פון דער העברעאישער השכלה ליטעראטור פארבי-טען אביי'ן און רבא'ן אויף פרץ סמאלענסקי'ן און י. ל. גאר-דאן, אויף בעלינסקי'ן און פיסארעוו'ן, האט איצט צובראכן און צושמעטערט אויך די נייע געטער און געטשקעס.

אלס קינדער פון דעם עמא פזיזא, דאס לייכטזיניקע פאלק, האבן זיי איצט געקוקט מיט ביטול און שפאט אויף דער העברע-אישער ליטעראטור.

אנשטאט דער השכלה- ליטעראטור, האט די אידיש - רעווא לוציאנערע יוגענט זיך איצט איבערגעגעבן דער שטודיע פון דער מארקסיסטישער ליטעראטור. די שארפע מהר"שא קעפלאך, וואס האבן מיט עטלאכע יאר צוריק שטודירט דעם „מורה נבוכים" פון רמ'בם און דעם „מורה נבוכי הזמן" פון ר' נחמן קראכמאל, האבן איצט מיט גרוים תשוקה געשטודירט די שווערע סוגיא'ס פון מארקס „קאפיטאל". און די ווייניקער שארפע קעפ האבן זיך באניגענט מיט'ן „קיצור שלחן ערוך"—מיט דער „ערפורטער פראגראם" אדער מיט קויטסקי'ס ווערק.

אויך די פּועלי ציון, פון וועלכע איך בין דאַן געווען א חבר, האָבן זיך צו יענער צייט דערוויטערט פון דער העברעאישער ליטעראַטור, און אַט פאַרוואָס:

אונזער רבי, בער באָרוכאָוו, וועלכער איז געווען א גרויסער בקי אין הלכות מאַרקסיזם, האָט מיט שאַרפזיניקע פּשטלאַך און האַרשפּאַלטעריי דערוויזן, אַז ציוניזם און מאַרקסיזם איז היינו הך. ער האָט על פּי תורת מאַרקס אויסגע׳פשט׳לט, אַז דער „סטיכישער פּראָצעס" פירט דערצו, אַז דער אידישער פּראָלעטאַריאַט זאָל זיך קאָנצענטרירן דוקא אין ארץ ישראל, וואו ער וועט שאַפן זיין „סטראַטעגישע באַזע".

וואָס שייך אָבער דער העברעאישער ליטעראַטור, האָט באָרוכאָוו געהאַט פון איר א קנאַפּן באַגריף, און דאָס האָט ממילא גורם געווען, אַז ער זאָל זיך צו איר באַציען נעגאַטיוו. נו, אַז דער רבי זאָגט בים, זאָגן די חסידים בים-באַם . . .

צו יענער צייט האָב איך געוואוינט אין אָדעס. מיין חבר באָריס מאַטוועיעוויטש (זיין ריכטיקער נאָמען איז געווען ברוך שלמה זאַנוויל מלמד׳ס) א פאַרביסענער אַסימילאַנט, אַן „איסקראַוועץ", וועלכער פלעגט עפּענטלאַך שאַרף קריטיקירן דעם בונד אַלס א נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, האָט מיר פאַרטרויליך דערציילט, אַז ער ליינט אויך איצט מיט גרויס פאַרגעניגן ביאַליק׳ן און שניאור׳ן.

די פאַרטרוילאַכע ידיעה פון „טאָוואַרישטש" באָריס איז געווען פאַר מיר א גרויסע איבעראַשונג, און האָט אויך ביי מיר אַרויסגערופן פילע זכרונות פון דער נאָהענטער פאַרגאַנגענהייט:—

אין מיין געבורט-שטעטעל קריוואָזער, וואָס געפינט זיך ניט אויף דער געאָגראַפישער מאַפּע, אפשר דערפאַר וואָס די געאָגראַפן האָבן ניט געוואוסט, צי דאָס שטעטל געהערט צום ים, אָדער צו דער יבשה, מחמת די שטענדיקע גרויסע בלאָטעס וועל-

כע פארטרונקן דאס שטעטל, דארט פלעג איך אין די גרעסטע בלאטעס און זאווערוכעס גיין צו דער פאסט אפצונעמען דעם „השלח" מיט די גרינע שער-בלעטלאך, וואו עס האבן זיך גע-דרוקט די נייע הלכה, אחד העמ׳ס עסייען און די נייע אגדה— ביאליק׳ס שירים. א באזונדערן פארגעניגן פלעג איך האבן פון ביאליק׳ס שירים, וועלכע האבן מיך געמאכט פארגעסן אין דער וואכעדיקייט און שפלות פון דעם קליינעם שטעטל. אין דעם טאג וואס איך פלעג ליינען ביאליק׳ס א פאעמע, האב איך אלע מאל געפילט יום-טובדיק, שמחת-תורה׳דיק.

מיט א פאר יאר שפעטער, ווען איך האב געוואוינט אין אדעס האב איך מיט גרויס באגייסטערונג און התלהבות גע-ליינט ביאליק׳ס פאעמע „משא נמירוב", וועלכע איז געווען פאר אונז אן אנטפלעקונג, א מעכטיקער אויסגעשריי און רוף צום קאמף קעגן אונזערע אונטערדריקער און פארפאלגער פון די אומות העולם.

דער באוואוסטער ציוניסטישער פיהרער מנחם מענדיל שיינקין ע"ה, וואס איז דעמאלט געווען ראבינער אין באלטע, האט צו אונז, א גרופע יוגענטלאכע ציוניסטן, געזאגט:

„נאכ׳ן קישענעווער פאגראם האב איך באגלייט ביאליק׳ן אויף זיין רייזע קיין קישענעוו. און וואס איז דער פועל יוצא פון מיין באזוך? א פאר צענדליק רעדעס, וועלכע איך האב גע-האלטען אין פארשיידענע שטעט, שילדערענדיק די גרויזאמקייט פון דעם פאגראם. אויפן שטעל האבן מיינע רעדעס געמאכט א גרויסן רושם: טייל פרויען האבן גע׳חלשט און מענער האבן היסטעריש געוויינט, ווען זיי האבן געהערט מיינע רעדעס. ליי-דער אבער וועלן מיינע רעדעס אינגיכן פארגעסן ווערן. דאגעגן די אומשטערבלאכע פאעמע פון ביאליק׳ן וועגן קישע-נעווער פאגראם „משא נמירוב" וועט פארבלייבן אין גע׳דעכעניש

פון יעדן אידן כל זמן דאס אידישע פאלק וועט לעבן."

שיינקין האט קיין נייעם אמת ניט ענטדעקט, אבער אויף מיר האבן זיינע רייד געמאכט א באזונדערן רושם. די געבענשטע גליקלאכע יוגנט! אלץ קלינגט ניי און קריצט זיך איין אין זכרון!

ווי געזאגט, האב איך אין דער צייט וואס חבר באריס האט מיר מגלה געווען, אז ער לייענט ביאליק'ן, געוואוינט אין אדעס. ביאליק'ס פאעמע „משא נמירוב" איז דעמאלט דערשינען אין אן אידישער איבערזעצונג פון י. ל. פרץ און אויך אין א רוסישער איבערזעצונג פון וולאדימיר זשאבאטינסקי. די איבערזעצונגען האבן געבראכט דערצו, אז ביאליק איז געווארן פאפולער און בארימט אויך אין די אידיש און רוסיש לייענענדע קרייזן. אין אדעס פלעגט מען אויף געהיימע פארזאמלונגן פארלייענען פון א העקטאגראפירטער העפט „פראראטשעסטווא א פאגראמע", זשאבאטינסקי'ס רוסישע איבערזעצונג פון ביאליק'ס פאעמע.

באזונדערס גליקלאך זענען געווען די יעניגע, וועלכע האבן זוכה געווען צו הערן זשאבאטינסקי'ן אליין פארלעזן די פאעמע, ווייל זשאבאטינסקי איז ניט נאר א גלענצענדער און טאלאנטפולער שרייבער, נאר אויך אן אויסערגעוויינלאך ארטיסטישער פארלעזער.

די פאעמע „משא נמירוב" האט געהאט א גרויסע השפעה אויך אויף די בונדיסטן וואס זענען געווען קעגן דער אידישער זעלבסטשוץ דערפאר, ווייל אידן דארפן זיך ניט אפטיילן פון דעם אלגעמיינעם פראלעטאריאט. (אויף דער פארטיי טערמינאלאגיע האבן זיי דאס גערופן „סעפאראטיזם").

אין אדעס איז צו יענער צייט געשאפן געווארן א שטארקע זעלבסטשוץ ארגאניזאציע פון אלע רעוואלוציאנערע פארטייען, וואס האט זיך אין יאר 1905 אויסגעצייכנט אין איר קאמף קעגן די רוסישע שווארץ-מאה'ניקעס, וועלכע האבן דעמאלט געמאכט א

שוידערלאכן פּאָגראָם אויף דעם אידישן ישוב אין אדעס.

ח. נ. ביאליק האָט דאמאלט געוואוינט אין אדעס. אזוי ווי דאס רוב לעזער און פארערער פון א שרייבער שטרעבן צו דעם, אז זיי זאלן זיך פערזענלאך מיט אים באקענען, האב אויך איך, א גרויסער פארעהרער פון ביאליק׳ן, געוואלט זיך מיט אים באקענען. איך בין דעריבער געווען זעהר צופרידן, ווען איך האב זיך דערוואוסט, אז ביאליק וואוינט אין אדעס, און אז מען קען אים טרעפן אין דער ציוניסטישער שוהל „יבנה״.

איך האב זיך באזונדערס געגרייט צו דער באגעגעניש מיט דעם משורר, און אין מיין פאנטאזיע האב איך מיר פארגעשטעלט ווי ער זעהט אויס: א בלאנדער יונגערמאן פון מיטעלן וואוקס, מיט פאר׳חלומ׳טע, בלויע אויגן, לאנגע, געקרייזלטע האָר, א שעהן קמץ-בערדעלע און איבער דעם דיכטער׳ס אקסלען איז אריבערגעוואָרפען א שווארצע פעלערינע. אָט ווי דער משורר דארף אויסזעהן.

ווי ענטוישט בין איך אבער געווארן, בעת מ׳האט מיר אנגעוויזן אויף ביאליק׳ן און איך האב דערזעהן א טיפ פון א קליינשטעטלדיקן סוחר. באזונדערס האט מיך שאקירט זיין אויפפירונג אין דער „יבנה״ שול. ער האָט דארט זיך געהאלטן כאחד הנערים. ער פלעגט ניט זיצן אויף א באשטימטן פלאץ, נאר ארומגיין אדער ארומלויפן אין דער שול. איבערהויפט איז ער געווען טעטיק אין פאליש פון שוהל, וואו ער פלעגט זיך אָפּשטעלן לעבען פארשיידענע רעדלעך, פארטיפטע אין אונענדלאכע דיסקוסיעס וועגן ציוניזם, טעריטאָריאליזם, סאציאליזם וכדומה.

דער דיכטער האט זיך באטייליגט אין די דעבאטן אויף זיין אייגענעם אָריגינעלן אופן און די דעבאטאנטן, וואס זענען גרייט געווען קורע כדג זיין, פארפאָרן אין באק אריין זייערע געגנער, האבן מיט גרויס דרך ארץ זיך צוגעהערט צו זיינע קאָנסערוואטיוו נאציאנאליסטישע אנשויאונגען.

אין יענער צייט פלעגט די „יבנה" באזוכט ווערן פון די אדע-סער פראמינענטע ציוניסטן: מ. מ. אוסישקין, דר. י. קלויזנער, לעווינסקי, דר. סאפיר, א.א. גדולים. די דאזיקע ציוניסטישע גדולים האבן זיך אלעמאל געהאלטן מיט גרויס ווירדע, ווי עס פאסט פאר כהנים גדולים. דער איינציקער כהן-גדול, וואס האט זיך גע'חבר'ט מיט „עמך" איז געווען ביאליק.

אין „יבנה" האבן די ציוניסטישע פירער געהאלטן לעקציעס אלע שבת. זענען חברה צוגעשטאנען צו ביאליק'ן, אז אויך ער זאל האלטן א לעקציע. האט ער זיך אפגעזאגט דאס צו טון, ווייל ער איז ניט קיין רעדנער. (ערשט מיט יארן שפעטער האט ער צוזאמען מיט זיינע פריינד ענטדעקט זיין באדייטנדן רעדנער-טאלאנט).

איינמאל האט זיך איינגעגעבן זיינע פריינד אים צו באוועגן, אז ער זאל שבועות רעדן אין „יבנה". דער משורר האט אויף דער יבנה'ר בימה גערעדט מיט גרויס באגייסטערונג און התלהבות וועגן קבלת התורה, וועגן דעם גרויסן באדייט פון דער תורה פאר'ן אידישן פאלק א. ד. גל.

די אנוועזענדע אין שול האבן מיט שטארקן אינטערעס און פיל שפאנונג זיך צוגעהערט צו זיין גייסטרייכע און באלערנדע רעדע, אבער אנשטאט צו ענדיקן די רעדע האט ער פארלאזן די בימה אינמיטן. (א קאפריז פון א פאעט!)

כאראקטעריסטיש איז די באציהונג פון „ציידען", מענדעל-ע'ן צו ביאליק'ן. די ערשטע צייט, ווען ביאליק האט אנגעהויבן פארעפענטלאכן זיינע שירים, איז מענדעלי געווען קאלט צו אים. בן עמי, א הייסער חסיד פון ביאליק'ן, האט אייניקע מאל גע-שמועסט מיט מענדעלי'ן מיט גרויס התפעלות וועגן ביאליק'ן, אבער מענדעלי א איד א קפדן, א גרויסהאלטער, האט געענטפערט,

אז דער יונגערמאַן אינטערעסירט אים ניט. שפּעטער אבער, ווען ביאַליק האט פאַרעפענטלאַכט זיין „המתמיד", איז בן-עמי געקומען צו מענדעלע'ן און אים געזאגט, אז ער איז אויף אים נוזר, אז ער זאל ליינען די פאָעמע מיט אַ וואך שפּעטער האט מענדעלי גע- זאגט צו בן-עמי'ן: — „שיק צו דעם יונגעמאַן צו מיר". אויך מענ- דעלי איז מיט דער צייט געווארן אַ הייסער חסיד פון ביאַליק'ן.

אמאל, חול-המועד פסח, איז דער „זיידע" געקומען פאַר אַ באַ- זוך צו ביאַליק'ן צוזאַמען מיט זיין טאכטער. האט די טאכטער פאַרקלאַגט איר טאַטן פאַר די געסט, אז הגם ער איז לעצטענס שוואך אין געזונד, האט ער דאך ניט געוואלט פאָרן אויף אַ „דראזשקע" און געגאַנגען צופוס, אַ גרויסן מהלך. האט דער „זיידע" געשמייכעלט און געזאגט צו דער טאכטער: „האסט פאַרגעסן, טאָכ- טער לעבן, אַ בפירוש'ן דין אין דער גמרא: חיב אדם ללכת לקבל פני רבו ברגל, און צו ביאַליק'ן—אונזער אלעמענס רבי—איז אודאי כדאי צו גייען צו פוס."

פּרץ הירשביין האט אין יענער צייט געוואוינט אין אדעס, וואו ער האט געשאַפן און אנגעפירט דעם ערשטן אידישן קונסט טעאַטער. די נאַציאָנאַלע אידישע אינטעליגענץ אין אדעס האט אויפגענומען מיט גרויס באַגייסטערונג די פאַרשטעלונגען פון היר- שביין'ס טרופּע. הירשביין אבער האט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט די פאַרשטעלונגען אין אידיש. ער האט געשטרעבט דערצו, אז זיינע דראַמען זאלן אויפגעפירט ווערן אויך אין רוסיש. (שלום אַש'ס דראַמע „גאָט פון נקמה" אין אַ רוסישער איבערזעצונג איז דע- מאלט אויפגעפירט געווארן מיט גרויס ערפאָלג אויף דער רוסישער בינע).

אין איין שיינעם טאג האבן מיר זיך דערוואוסט, אז אין אדעסער שטאָט-טעאַטער וועט אויפגעפירט ווערן אין רוסיש הירש-

ביינ׳ס דראמע „פון יענער זייט טייך״. די ידיעה איז אויפגענומען געוואָרן מיט גרויס פרייד פון דער אידישער אינטעליגענץ אין אדעס.

צו דער ערשטער פאָרשטעלונג פון דער דראמע זענען גע-קומען די „פּני״ פון דער אדעסער אידישער אינטעליגענץ: ביאַליק, זיי צו לענגערע יאָר, א. מ. באָראָכאָוו, דר. יוסף קלויזנער און אנדערע. אויך מיין ווייניקייט איז צוזאמען מיט אַ גרופּע חברים אנוועזענד געווען אויף דער פאָרשטעלונג.

ערשנער איך זיך: נאָך דער פאָרשטעלונג, ווען איך האָב פאַרלאָזט דעם טעאַטער, האָב איך ביים אַרויסגיין דערזען ביאַ-ליק׳ן אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי און אייניקע שרייבער. דער משורר, א ליכטיקער און שיינענדיקער, האָט הארציק געלאַכט רעדנדיק מיט זיינע באַגלייטער.

האָב איך אויף אַ ווײַלע פאַרלאָזט מיינע חברים און בין נאָכגעגאַנגען ביאַליק׳ן אַ שטיקל צייט. ווען איך האָב זיך צוריק-געקערט צו מיינע חברים, האָבן זיי ביי מיר געפרעגט, פאַרוואָס איך בין נאָכגעגאַנגען דעם משורר? האָב איך זיי דערקלערט, אַז איך בין זעהר ענטציקט געוואָרן פון ביאַליק׳ס עראָטישע ליד „עיניה״ -- אירע אויגן. (איין פערז איז ביי מיר פאַרבליבן ביז היינט אין זכרון: „עיניה גחלים לוחשות, טובלות בלהבה״—אירע אויגן ווי שיפּנדע קוילן, וואָס טוקן זיך אין פלאַמען.) איך האָב דעריבער געוואָלט זעהען די דאַמע, מיט וועלכער דער משורר האָט אַזוי ליבלאַך געשמועסט, אום אויסצוגעפינען, צי דער דיכטער שילדערט דאָס אירע אויגן אין דעם דערמאָנטן ליד. אָבער דאָס האָט זיך מיר ניט איינגעגעבן.

אין משך פון דער צייט, וואָס איך האָב געוואוינט אין אדעס, האָב איך אַ סך געהערט וועגן דעם משורר. ליידער געדענק איך ניט גענוי אַלעס וואָס איך האָב געהערט וועגן אים. איך וועל דערי-

בער איבערגעבן בלויז דאס, וואס איך געדענק גענוי.

זיינער א תלמיד, מיינער א לאנדסמאן פון קריוואזער, מאיר טאָקמאן, האט מיר דערציילט:

דער משורר איז געווען זעהר באפריינדעט מיט זיינע תלמי-דים אין דער ישיבה פון „רב צעיר", הרב חיים טשערנאָוויץ. ער האָט זיי דערציילט: ס'קומט אים אן זייער שווער צו שאפן נייע ווערטער אין העברעאיש. אמאל גייט אוועק א היפּשע צייט ביז עס גיט זיך אים איין אויסצוגעפינען דעם פּאסיקן העברעאישן אויסדרוק. פּלוצלינג קומט אים אויפ'ן זינען דאס ווארט, וואס שפּרינגט ביי אים ארויס פון קאָפּ ווי אן איי ביי א הון".

„אמאָל, האָט דער דיכטער דערציילט זיינע תלמידים, האָב איך געזוכט א פּאסיק העברעאיש ווארט אין דער אלטער ליטע-ראטור—און ניט געפונען. איך האָב דעריבער געשאפן אן אייגן ווארט און ווי גליקליך בין איך געווען, ווען איך האב שפּעטער געפונען דאס זעלבע ווארט אין א העברעאישן ספר פון די קדמונים."

אין קריוואָזער האט מיט יארן צוריק געוואוינט א איד א משכיל, יהודה ליב ג—ן האט ער געהייסן. ער איז געווען א מושלם בכל המעלות: א כתבא רבא, געמאלן זעהר שיין א מזרח און אויך די צוועלף מזלות, געקענט ארייגשטעלן א הילצערן טי-שעלע מיט שטולן אין א פלאַש וכדומה. דער משכיל פלעגט אויך שרייבן מליצה'דיקע שירים, פון וועלכע די קריוואזערער משכילים האבן געלעקט די פינגער.

היות ווי ה' ג—ן פלעגט אפט פארען קיין אדעס, האט ער זיך באקענט מיט דעם משורר און אים געוויזן זיינע שירים. ביאליק, וואס האט אלעמאל געהאט א שוואכקייט צו פּאטראניזירן די וואס טינטלען, האט אויך דעם אידן אויפגענומען פריינדליך און אים

ערמוטיקט אין זיין ארבעט פון פערזן-פלעכטעריי.

ווי האט יענער איד געזאגט צום רבי'ן: „מיין נארעלע מיינט באמת אז מען דארף זיך איבערגעבן בלויז צו תורה און עבודה". ה' נ—ן האט געמיינט, אז ביאליק איז ערנסט מיט זיינע קאמפלי-מענטן צו אים. ער פלעגט דעריבער אפטמאל ברענגען ביאליק'ן גאנצע פעק שירים.

אמאל האט ביאליק געזאגט דעם דערמאנטן מאיר טאקסמאן: „טו מיר א טובה, איך בעט דיך, און באפריי מיך פון דיין קריוואַ-זערער אידן, ער דערגייט מיר די יארן מיט זיינע בטלנ'ישע מליצה-דיקע שירים און קיינער איז ניט שולדיק אין מיין פעקל צרות נאר איך אליין, מיט מיין פריינדליכקייט צו אים".

הוא היה אומר, ער פלעגט אזוי זאגן: „עס איז פאראן א טעות וועלכן אלע באגייען, באנוצנדיק זיך מיט דעם אויסדרוק „ווי א שטים אין דער מדבר". דער אויסדרוק דארף זיין אן איבער-זעצונג פון דעם פסוק „קול קורא במדבר". אין אמת'ן אבער איז דער טייטש פון פסוק אזוי: א שטימע רופט: „אין דער מדבר שאפט א וועג פאר גאט", און די הקבלה (פאראלעל) דערפון איז די צווייטע העלפט פון דעם פסוק.

אין אדעם פלעגט מען אויך דערציילן וועגן זיין צוטראגנ-קייט: דער דיכטער האט דארט געוואוינט אין א ארימער וואוי-נונג אויפן אויבערשטן שטאק. אמאל האט מאדאם ביאליק דער-הערט ווי איינער שרייט אוים אויף א קול: „חיים נחמן". האט זי געמיינט, אז דאס רופט עמיצער ביאליק'ן. ווי איבערראשט אבער איז זי געווארן ווען זי האט דערזעהן, אז ביאליק שטייט אונטן אין גאס און רופט אוים זיין אייגענעם נאמען . . .

ער איז אמאל געגאנגען אין גאס מיט זיין פרוי, אין אדעס. היות

ווי פרוי ביאליק האט בעדארפט זיך אפשטעלן אין א קראם צו קויפן עפעס דארט, האט זי פארגעשלאגן דעם דיכטער, אז ער זאל פערבלייבן אין דרויסן און צוואווארטן ביז זי וועט ארויסקומען פון קראם. אזוי ווי ער איז אין דער יונגנט געווען א גרויסער שטיפער, פאלט ער אויף אזא המצאה:

ער וועט זיך אוועקשטעלן אין א זייט, כדי פרוי ביאליק זאל אים נים באמערקן, און, ווען זי וועט ארויסגיין פון קראם וועט ער הינטערקומען, זי ארומנעמען און איר פארשטעלן די אויגן מיט זיינע הענט.

האט ער אבער געהאט א טעות און איז ארויפגעפאלן אויף א פרעמדער פרוי, דערצו א פרוי פון א רוסישן טשינאווניק. די דאמע האט זיך געפילט זעהר באליידיקט פון דעם זשידס הוצפה. און זיינע פריינד האבן נאכדעם קוים מיט גרויס מיה און אנ-שטרענגונג דערליידיגט דעם טראגי-קאמישן אינצידענט.

מאנכע דיכטער נעמט עס לאנגע יארן ביז זיי זענען זוכה אנערקענט צו ווערן פון קריטיקער און לעזער. ביאליק איז אין דעם פרט געווען אן אויסנאם. ער איז בליץ שנעל פאפולער און בארימט געווארן, באלד ביי זיינע ערשטע טריט אין דער ליטע-ראטור. נאך אין זיינע יונגע יארן איז ער געווארן א לעגענדארי-שע פערזאן.

אויך מיין ווייניקייט איז אלעמאל געווען אן אנהייגנער און גרויסער פארערער פון ביאליק'ן. באזונדערס זינט כ'האב אים באגעגענט אין אדעס בין איך געווארן א הייסער חסיד זיינער. איך האב מיט אים דעמאלט כורת-ברית געווען. ווען איך בין אוועק פון אדעס בין איך געבליבן ווי א חסיד אן א רבי'ן. און ווי גליקלאך בין איך געווען ווען איך האב זיך דערוואוסט, אז ער, ביאליק בכבודו ובעצמו קומט קיין ארץ-ישראל צו באזעצן זיך דארטן לצמיתות.



י. ח. ברענער און ח. נ. ביאליק

עשה לך רב, פערשאפ דיר א רבי'ן—האבן אונזערע חכמים געזאגט און אידן האבן דעם נעבאט געהאלטן, אנהויבנדיק פון פארצייטיקע תקופות, פון די תנאים און אמוראים און ענדיקנדיק מיט די חסידישע רביים.

אויך אין ארץ ישראל האט דער אלטער אידישער ישוב גע-האט אלע מאל אנגעזעהענע רבנים און אויך רביים, וואס זענען געווען די מנהיגים פון ישוב.

אנדערש איז געווען אין דער הינזיכט דער מצב פון נייעם אידישן ישוב. די אריבערגעקומענע אידישע אינטעליגענטן, וועלכע האבן זיך פראלעטאריזירט, האבן פאר א סך יאר צייט ניט גע-האט קיין אנערקענטן רבי'ן, עס זענען געווען א סך מנהיגים אבער ניט דער מנהיג.

בלויז דער הפועל-הצעיר האט געהאט אן אנגעזעהענעם רבי'ן, דער אלטער א. ד. גארדאן. זיין תורה פון „דת-עבודה", די רע-ליגיע פון ארבעט, איז געווען א סינטעז פון דער רוסישער „נא-ראדניטשעסטווא," די לערע פון טאלסטאי, מיט אייגענע הוספות. ליידער איז דער גרויסער דענקער א. ד. גארדאן געווען צו סעק-טאנטיש, אז זיין לערע זאל אנגענומען ווערן פון א גרעסערן טייל פון נייעם אידישן ישוב.

ווען איך בין געקומען קיין ארץ ישראל אין יאר 1918, איז דער פירער פון דעם פארטגעשריטענעם טייל פון ישוב געווען

י. ח. ברענער. ער איז געווען א טיפּישער אידישער אינטעליגענט, וואס איז אלעמאל געווען פארנומען מיט וועלט--שמערץ און זעלבסטפּייניגונג.

אפיציעל א ציוניסט, איז ער אבער אין דער זעלבער צייט געווען זעהר פעסימיסטיש און פארצווייפלט וועגן די אויסזיכטן פון דעם אידישן אויפבוי אין ארץ ישראל. דעם עפּאָגעי, שטייג-פּונקט פון זיין פעסימיזם און סקעפּטיציזם, האט ער אויסגעדריקט אין זיין נאָוועלע „שכול וכשלון", אין וועלכע ער שילדערט אויף א מיסטערהאפטן אופן די דעגענעראציע און צופוילטקייט פון דעם אלטן ישוב אין דער תקופה פון פאר דער וועלט-מלחמה. אויך די טיפן פון דער קבוצה ווערן יורך אים געשילדערט אין יענער דערציילונג אָן פאטאס, אָן התלהבות.

בימי ברענער איז „שבת משוש מן הארץ", עס האט גע-פעהלט פרייד און חדוה אין לאנד· אויף אונז אמעריקאנער האט מען געקוקט מיט ביטול. מען האט זיך צו אונז באצויגן ווי צו קיבעצער, לייכטזיניקע מענשן דערפאר ווייל מיר האבן ליב געהאט א וויץ, א לוסטיק ליד'ל וכדומה.

ווי באוואוסט, איז ברענער אומגעקומען אויף א שוידער-לאכן אופן אין יאר 1921. אבער אויך נאך זיין מארטירער-טויט האט זיין צורודערטער און גרויזאמער גייסט ארומגעשוועבט אין לאנד, באזונדערס צווישן דער אידישער אינטעליגענץ.

„דער קעניג איז געשטארבן, זאל לעבן דער קעניג!" אין יאר 1924 איז ביאליק געקומען קיין ארץ ישראל. דער גרויסער משורר איז געווען דער אנטיפּאָד פון ברענער. (ניט אומזיסט איז ער ניט געווען איבריק בעגייסטערט פון ברענער'ס שאפונגען). ער האט געזונגען:

סשטראָמען ליכטער אַריין דורך מיין פענסטער און פליסן,
און דעם דיל און די ווענט און די ווינקלען פאַרגיסן,
גיסן גינגאָלד אין איטלאכן שפּעלטל אַריין.
וואלסטו, גאָט, זונען זיבן אין הימל צעהאָנגען,
וואלסטו אַלץ נאָך ניט שטילן נאָך ליכט מיין פאַרלאַנגען.
מערער שיין, גרויסער גאָט, מערער שיין!"

(איבערזעצט פון י. י. שוואַרץ)

אויך אין ביאַליק'ס פּראָזע שילדערט ער דעם געזונטן אידן, וואָס ווערט באַהערשט פון זיינע אינסטינקטן: „אריה בעל גוף", די פול-בלוטיקע פערשיימע שיקסע מאַריאַשע א. א.

ביאַליק איז געווען פערוואָרצלט אין אידישן לעבן. ער איז געווען גייסטיק פאַרבונדן מיט דעם אידישן המון, מיט די אידישע מאַסן (כאָטש ער איז ניט געווען קיין סאָציאַליסט ווי ברענער) און אויך געשפּונען דעם גאָלדענעם פאָדים פון דער גרויסער אידישער קולטור אין אַלע דורות און תקופות.

באגעגענישן מיט דעם משורר אין ארץ-ישראל

ווען ביאליק איז געקומען קיין ארץ ישראל אין יאר 1924 איז ער אויפגענומען געווארן פון דעם אידישן ישוב בתפים ובמ-חולות, מיט גרויס פרייד און באגייסטערונג. דער בירגערמייסטער (מעיאר) פון תל-אביב, ה׳ דיזענגאָף, האט איינגעאָרדענט פאר דעם דיכטער אַ פייערלאכן קבלת פנים אין דער „עיריה" (שטאָט-ראט), אין דער אנוועזענהייט פון די ראטמענער און א סך חשובע געסט.

דער בירגערמייסטער האט באגריסט דעם געהויבענעם גאסט און אים באדאנקט פאר דעם כבוד וואס ער טוט אן תל-אביב, ווערנדיק דארט א תושב. דערביי האט ער אויסגעדריקט זיין צו-פרידנקייט מיט דעם, וואס דער דיכטער האט סוף כל סוף איבער-געריסן די אלע פעדים, וואס האבן אים ביז אהער פארבונדן מיט דעם גלות, און זיך אויף שטענדיק באזעצט אין ארץ ישראל, דאס לאנד פון אונזערע גרויסע נביאים און חכמים, וואס דער דיכטער איז זייער גלענצענדער תלמיד און גייסטיקער יורש.

דער בירגערמייסטער האט ביי דער געלעגנהייט אויך מיט פרייד דערמאנט דעם פאקט וואס דער גרויסער אידישער דענקער אחד-העם, וועלכער האט דאן זיך באזעצט אין תל-אביב, קאאפּע-רירט מיט אים (אחד העם איז געווען אַ ראטמאן אין דער תל—אָבי ב׳ער עיריה פאר איניקע יארן). ה׳ דיזענגאָף האט אויסגעדריקט זיין האפנונג, אז ביאליק וועט נאכפאלגן אחד-העם׳ס ביישפיל.

אין זיין ענטפער האט ביאליק געדאנקט דעם בירגערמייסטער

און אויך די ראטמענער פאר דעם גרויסן כבוד. וואס זיי האבן אים צוטיילט. בנוגע צו דיזענגאפ׳ס לעצטע באמערקונג האט ביאליק מוסיף געווען, אז ער האט שטענדיק געווידמעט זיינע כו-חות דער העברעאישער ליטעראטור, און אויך און ארץ-ישראל וועט ער זיך איבערגעבן צו דער פארשפרייטונג און ענטוויקלונג פון דעם העברעאישן ווארט און בוך. ער האפט דעריבער, אז ער מיט׳ן בירגערמייסטער וועלן זיין גוטע חברים, אבער „חברים מרחוק״,— חברים פון וויטענס.

דער דיכטער האט זיין צוזאג געהאלטן. זייער ווייניק האט ער זיך באטייליקט אין געזעלשאפטליכע ענינים, וואס טראגן ניט קיין קולטורעלן כאראקטער. (זיינע זעלטענע געזעלשאפטליכע ארויס-טרעטונגען און רעאגירונגען אויף סאציאלע און פאליטישע פראגן זענען נישט אלעמאל געווען געלונגען).

איבערהויפט האט דער דיכטער זיך באשעפטיקט אין ארץ ישראל מיט זיינע שאפונגען און אלגעמיינע קולטורעלע ענינים.

אויסער מיין צוזאמענטרעף מיט דעם דיכטער אויף דעם פיי-ערליכן קבלת-פנים, וואס די עיריה האט איינגעארדנט פאר אים, האב איך מיט א קורצע צייט שפעטער זיך ווידער באגעגנט מיט אים. געווען איז עס אין א מוצאי—יום—טוב אוונט. פילע חשוב׳ע געסט האבן דעם דיכטער באזוכט אין זיין הויז. אויך אינדרויסן לעבן זיין הויז זענען געווען פארזאמלט פילע הונדערטער פון זיינע חסידים, מייסטנס חלוצים.

ביאליק האט איבערגעלאזט די חשוב׳ע געסט אין הויז און איז ארויסגעגאנגען פאר א צוזאמענטרעף מיט׳ן עולם, מיט עמך. די חלוצים האבן מיט גרויס התלהבות געטאנצט א „הארע״ און געזונגען א לידל מיט א רעפריין: „מוכרחים להיות שמח״, מ׳מוז פרעהלאך זיין. פרעג איך ביים דיכטער: „ווי געפעלט אייך דאס לידל?״ ענטפערט ער מיר: „מילא, דער ניגון ווי דער ניגון, די

עברי אבער איז א צרה׳דיקע.״ דערביי האט ער מיר ערקלערט:

„אט זינגען זיי „מוכרחים להיות שמח״. די אבער וואס האבן געלערנט העברעאיש כדבעי, ניט אין תל-אביב, ווייסן אז אין העב-רעאיש זאגט מען „בעל כרחך אתה שמח״. דאס זעלבע איז אויך מיט די גרייזן אויף די שילדן. אט, למשל, אויף די עלעקטרישע עמודים איז פאראן א שילד „סכנה לטפס״, בעת אין העברעאיש דארף מען זאגן „לטפס מסוכן!—עס איז א געפאר ארויפצוקלע-טערן״.

דער דיכטער האט זיך אויך דעמאלט באקלאגט אויף דער הברה הספרדית, וועלכע בן-יהודה האט ארויפגעצוואונגען אויף דעם ישוב אין ארץ ישראל, און אויף זיינע משונה׳דיקע חדושים אין העברעאיש. אין ארץ ישראל גיט מען איבער וועגן דעם ענין אזא שפאס:

ווען ביאליק איז געקומען קיין ארץ ישראל האט ער זיך בא-געגנט מיט א פרוי, וואס האט געוואוינט פאר א לענגערע צייט אין לאנד. דער געשפרעך צווישן דעם דיכטער און דער פרוי איז געווען אין העברעאיש. די פרוי, וועלכע האט גערעדט דעם פארגרייזטן העברעאיש, וואס ווערט גערעדט אין ארץ ישראל, האט געמאכט ביאליק׳ן שפראכלאכע אויסבעסערונגען . . . ביאליק׳ס פריינד, וואס איז אנוועזנד געווען דערביי, האט אויף א שפאסיקן אופן אויפמערקזאם געמאכט דער ניט איבערגעשפיצטער פרוי, אז זי דארף ביאליק׳ס העברעאיש ניט אויסבעסערן.

דער דיכטער האט דאן אין שפאס געזאגט: „כ׳האף, אז אויב איכ׳ל וואוינען אין א״י א לענגערע צייט און וועל פאר-געסן דעם ריכטיקן העברעאיש, וועלן דעמאלט די היגע העברע-איש—שפרעכנדע זיין צופרידן מיט מיין העברעאיש . . . ״

ביאליק׳ס קורצער באזוך אין אמעריקא

אין יאר 1926 האבן די ציוניסטישע מנהיגים, צווישן זיי ד״ר. ח. וויצמאן, פארגעשלאגן ביאליק׳ן צו פֿאָרן צוזאמען מיט ד״ר. שמריהו לעווין קיין אמעריקע אין א שליחות פאר׳ן „קרן היסוד״. דער דיכטער האט זיך געקווינקלט, ניט געוואלט אננעמען דעם אנבאָט. ער האט געהאלטן, אז ס׳איז פאר אים א פחיתת הכבוד צו זאמלען געלט פאר מאטעריעלע צוועקן. ער האט אויך געצווייפלט, צי ער איז מסוגל פאר דער ארבעט.

אויסערדעם האט ער זיך אויך געשראקן פאר׳ן אמעריקאנער טומלדיקן און ראשיקן לעבן. „ווען כ׳האָב זיך אויפגעזעצט אויף דער שיף קיין אמעריקא, האב איך געפילט ווי אן אָקס, וואס ווערט געפירט צו דער שחיטה.״ האט ביאליק געזאגט נאך זיין צוריקקער קיין ארץ ישראל. דאך האט ער דעם פֿאָרשלאָג אנגענומען, ווייל אחד-העם, ד״ר. שמריהו לעווין און אנדערע ציוניסטישע פירער, האבן דאס פון אים געפאדערט.

אויף דעם אפשייד–אוונט אין תל–אביב פֿאַר זיין אפפאָר קיין אמעריקא, האט דער דיכטער געזאגט: „עס איז פאר מיר שווער צו שיידן זיך מיט ארץ ישראל, ווייל איך האב זיך נאך ניט גענוג איינגעווארצלט אין לאנד. בטבע בין איך פון די וואס נעמען שווער אויף זאכן. לאנגזאם פארבינד איך זיך מיט דער סביבה און מיט געגנשטאנדן. — מיינע חברים ווייסן וויפיל איך האב געקעמפט קעגן דער שליחות. אמעריקא האט תמיד אויף מיר ארויפגעוואָרפן אן אימה. איך, וואס באוועג זיך לאנגזאם, האב מורא טאמער וועל איך צוטומעלט ווערן אין דעם שנעלן טעמפא פון אמעריקא, וועל

פארלאָרן געהן, ווי א טראָפּן אין דעם גרויסן ים. אבער מיינע חברים האבן אויף מיר גוזר געווען און מיין רבי, אחד-העם, האט איינגעשטימט דערצו, כאטש אויך זיין הסכמה האט ניט פארקלענערט מיינע ספקות".

עס איז פאר אים ניט אנגענעם, באקלאגט זיך דער דיכטער, וואס זיין שליחות איז פארבונדן מיט מאטעריעלע אויפגאבן. „מען לייגט אויף מיר גרויסע האפנונגען, אז איך וועל עפענען די הערצער, כדי זיי (די אמעריקאנער אידן) זאלן עפנען די טייסטערס". ער גלויבט ניט אז ער איז מסוגל דערצו. אבער „מיין חבר שמריהו לעווין בארוהיקט מיך און פארקלענערט מיין שרעק".

„נאך איין זאך איז פאראן וואס בארוהיקט מיך אביסל: „אין ארץ-ישראל איז מען זיך נוהג, אז מען באנוצט זיך מיט די כחות ניט אויף א נאטירלאכן וועג. איך ווער ניט נתפעל פון די געוויינליכע דערשיינונגען אין ארץ-ישראל, ווי למשל פון דעם, וואס א בעל-עגלה איז בטבע ניט קיין בעל-עגלה, נאר א מר-בר-רב-אשי, אדער אז א סטודענט איז א שטיוול-פוצער. נאך מיין מיינונג איז אין דעם פאראן אן אומזיסטיקע פארשווענדונג פון כוחות, וואס איז געגען דער קולטור. אבער די בטערע נויט האט זיך אירע געזעצן". (פון דעם בוך „ח. נ. ביאליק דברים שבעל פה", ערשטער טייל).

ענדלאך איז ביאליק געקומען קיין אמעריקא, וואו ער האט פארבראכט זעקסטהאלבן חדשים. זיין פארגעפיל האט אים ניט אפגענארט. זיין שליחות איז געווען א קנאפער דערפאלג. דער גלענצענדער לעקטאר איבער פראגן פון אידישער קולטור האט זיך פארלוירן, ווען ער האט בעדארפט רעדן אלס א שליח פון „קרן-היסוד".

מען זאגט: „אין א וויץ שטעקט א האלבער אמת". מיר

וועלן דערביי איבערגעבען אייניקע ווערטלעך פון ביאליק׳ן וועגען אמעריקא:

אויף אסך באנקעטן האט מען אים מכבד געווען מיט „פרי־קאזי״. ווען דער דיכטער האט זיך דערוואוסט, אז „פריקאזי״ ווערט געמאכט פון הינערשע פיסלאך, האט ער געזאגט: „איצט פארשטיי איך פארוואס דער אמעריקאנער ציוניזם שטייט אויף הינערשע פיסלאך״.

אין איין פלאץ אין אמעריקע האט דער פארזיצער, א איד אן עם-הארץ, וועלכער האט ניט געוואוסט וואס צו זאגן וועגן דעם דיכטער, אים פארגעשטעלט אזוי: „לעידים און דזשענטעלמען! אט דאס איז ער, דער ביאליק!״

אין איין פלאץ האט אים א ראביי פון א טעמפל פארגעשטעלט אויף אזא אופן:—איר זעט דעם כח פון ארץ־ישראל! דער גרויסער דיכטער האט פיל מער געשאפן אין ארץ ישראל ווי אין גלות״. (ווי באוואוסט האט ביאליק געשאפן זיינע גרעסטע יצירות דוקא אין גלות).

ווען מ׳האט דעם דיכטער איבערגעזעצט די רייד פון דעם ראביי פון ענגליש אויף אידיש, האט ער געזאגט: „איך בין זיכער, אז דער ראביי וועט מיט דער צייט זיין א גרויסער ציוניסטישער פירער אין אמעריקא״ . . .

ווען ביאליק האט פארווײלט אין אמעריקא, האט ער אייניקע מאל באקומען דעם טיטל דאקטאר. ער האט אויך באקומען דעם דאקטאר טיטול פון דעם אינסטיטוט פאר אידישער וויסענשאפט געגרינדעט דורך סטיפען וויז. אין דער אנוועזענהייט פון פילע געסט און באוואוסטע פערזענליכקייטן און נאך די פייערלאכע רעדעס פון וויז און פראפעסאר חיים טשערנאוויץ, האט ביאליק באקומען דעם דאקטאר—טיטול פאר זיינע ארבעטן אויפ׳ן געביט

פון דער העברעאישער ליטעראטור.

ביאליק איז געווען אנגעטון אין א שווארצער פעלערינע, און אויפ'ן קאפ א פירקאנטיקע מיצע, ווי די פראפעסארן זענען אנגעטון. דער דיכטער איז ניט נתפעל געווארן פון דעם גרויסן כבוד, און זיך געוויצלט אין אידיש מיט זיינע באקענטע. דאן איז ער צוגעגאנגען צו זיין פרוי און געזאגט: „מאַניעטשקע, אפשר דערקענסטו מיך ניט אין מיינע פראפעסארישע קליידער! איך קען דיר שווערן, אז איך בין דאס דיין חיים נחמן, איך און ניט קיין אנדערער."

אן אמעריקאנער איד האט ביי אים געפרעגט, צי אין ארץ-ישראל זענען פאראן וואָלקן קראצערס. דער דיכטער האט אויפ'ן שטעל געענטפערט: „ביי אונז זיינען „וואלקענס" באזונדער און „קראצערס" באזונדער, און ניט צוזאמען ווי ביי אייך".

ביאליק פלעגט דערציילן און דערביי קייכן פון געלעכטער, ווי אויף איינעם פון די באנקעטן, אין אמעריקא, האט אים דער טשערמאן פארגעשטעלט אלס דער גרויסער מר. בלק פון חומש און דער עולם האט הארציק אפלאדירט דעם גרויסן מר. בלק'ן.

מיין חשוב'ער פריינד, דער באוואוסטער שריפטשטעלער א. אלמי, טיילט מיר מיט אין א בריוו אייניקע אינטערעסאנטע ווערטלאך פון ביאליק'ן, וועלכע איך גיב דא געדן איבער אין זיין נוסח:

„מ'האט ביאליק'ן דא אויפגענומען מיט מוזיק. א ספעציעל שיפעל איז אנטקעגנגעפאָרן דער שיף, מיט וועלכער ביאליק איז אנגעקומען. אויפ'ן שיפעל האבען זיך געפונען די מיטגלידער פון דער גרויסער קבלת-פנים דעלעגאציע (איך בין געווען איינער פון זיי), און א היפשער ארקעסטער האט אן אויפהער געקנאַקט, גע-

בלאזן און געבאראבאנעוועט.

ווען ביאליק איז שפעטער אראפ פון שיף, האט ער צו אונז באמערקט: „איך פיהל זיך ווי א חתן, וואס ווערט באגעגנט פון די קלעזמער, אבער ווערלכער האט נאך די כלה ניט אנגעקוקט. איך האף, אז די כלה וועט מיר געפעלן און ניט פארשטערן מיין שמחה".

„איך פלעג זיך מיט ביאליק'ן אפט טרעפן אין לאקאל פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע. איינמאל בין איך מיט אים צו זאמען ארויס אין גאס. ס'איז געקומען מיטאגצייט און דאס געד-רענג, איילעניש און לויפעניש איז געווען מורא'דיק. ביאליק האט מיר דאן געזאגט:

„איך האב אפט געהערט ווי מ'פארגלייכט די אמעריקאנער צו אידן מיט זייער אימפעט און ענערגיע. זיכער איז אין זייער איילעניש, אין זייער בחפזון'דיקייט פאראן א גרויסע ענליכקייט. די אידן זענען ארויס פון מצרים בחפזון און זינט דאמאלט לעבט דער בחפזון אין זייער בלוט. די ערשטע ווייסע אין אמעריקא האבן אויך געלעבט בחפזון'דיק. אדער זיי האבן זיך געיאגט נאך אינ-דיאנער, אדער די אינדיאנער האבן זיך געיאגט נאך זיי . . . און זינט דאמאלט איילן זיי זיך. אויך איצט מאכט עס אויף מיר דעם איינדרוק ווי די אמעריקאנער וואלטן נאכגעלאפן אינדיאנער, אדער אינדיאנער וואלטן געלאפן נאך זיי . .

„פאהרנדיק אין סאבוועי צו זיין האטעל, האט ער געזען ווי די פאסאזשירן ווארפן כסדר אוועק די צייטונגען. האט ער דע-רויף באמערקט: „אין איירופא (אויך ביי אונז, אין ארץ–ישראל) לייענט יעדער זיין צייטונג רוהיק, אויפמערקזאם, פארטיפט אין די מאמרים, טראכט וועגן זיי נאך. דאן ערשט לייגט ער די צייטונג פארזיכטיק צונויף, כדי זי שפעטער נאכאמאל איבערצולייענען. דא אבער כאפט מען א קוק אויף דער צייטונג און באלד ווארפט מען זי אוועק. נו, דא, וואו צייטונגען ווערן אוועקגעווארפן, איז

די ארבעט פון די שרייבער ארויסגעווארפן. . . "

אויף א באנקעט אין א געוויסער אמעריקענער שטאט לכבוד ביאליק'ן האט איין רעדנער, אן ארויפגעארבעטער איד, כסדר טי־טולירט ביאליק'ן „דר. ביאליק". דער דיכטער האט מער ניט גע־קענט אויסהאלטן, האט א ציה געטון דעם רעדנער ביים ארבל און ארויסגעשושקעט: „איך בין ניט קיין דאקטאר". דער רעדנער האט געמיינט, אז ביאליק האט זיך באליידיקט, וואס ער גיט אים א צו קליינעם טיטול און דעריבער פאררירכט: „ה—מ—ם, איר זענט פראפעסאר ביאליק."

פאר זיין אפפאר האט ער אין אן אינטערוויו צו די פארטרע־טער פון „מארגען זשורנאל", איבערגעגעבן דעם סכום פון זיינע איינדריקע און בעאבאכטונגען דא אין לאנד. מיר ווען איצט אי־בערגעבן זיין ענטפער אויף די ערשטע צוויי פראגן, אויף וועלכע ער האט געענטפערט שריפטלאך.

„מיך האט אמעריקא געשראקן — האט ביאליק געשריבן — פון דערוויטנס, מיט איר שטענדיקן טאראראם, מיט איר שטענ־דיק הילכן, מיט'ן גוואלדיק גרויסן אבער אינערליך פוסטן קעסל־פויק, מיט איר זיך אליין איבערשרייענדיקער אונפארשעמטער גוזמא, מיט דער תקיעה, וואס טרומייטערט ארויס פון יעדער בלאט־צייטונג איר'ן, פון יעדער פלאקאט און אנאנס, און אן אונטער־שיד צוליב וואס.

ס'האט זיך געדאכט, אז דארט אין אמעריקא איז אויף שטענ־דיק פארלארן געווארן יעדע מאס פון געפיל, יעדע הבחנה צווישן גרויס און קליין, צווישן וויכטיקעס און נישט וויכטיקעס, און דאס האט אויף מיר, פארשטייט זיך, געווארפן אן אימה. דאס ווארט, וואס ציוניזם האט צו יעצטיקער צייט צו זאגן אונזערע אמעריקא־נער ברידער, און אינ'ם נאמען פון וועלכע איך בין אהער געקומען,

איז פון יענער מאטעריע, איבער וועלכע עס ווערט געזאגט: „לא ברעש. . כי בקול דממה דקה". דאס ווארט, כדי עס זאל אויס- געהערט און אויפגענומען ווערן ווי געהעריק, מיט קאפ און מיט הארץ, נאך מער: „מיט נשמה" פאדערט חושים נאך ניט אינגאנצן פארטויבטע און פארטומלטע.

„פון דער נאענט אבער שטעלט זיך ארויס, אז עס איז איי- גענטלאך פאראן צוויי אמעריקאס: די ניט-אידישע, איך מיין דאס אמת'ע אמעריקאנער פאלק, און די אידישע.ביידע טאראראמען כמעט אין איין נוסח, אבער נאר כמעט. אז מ'פארמאגט א פאר אויגן, דערזעהט מען א טיפן אונטערשיד צווישן די ביידע. די ערשטע, די אמת'ע, די ניט-אידישע אמעריקא, איז א יונגע, א פרי- שע, א לעבנסלוסטיקע. כוחות פארמאגט זי וויפיל איר ווילט, אן איבערפלוס, א תהום. דער באגאזש פון איר פארגאנגענהייט—איך מיין פארשטייט זיך, דער גייסטיק-קולטורעלער—ניט אזא שווערער, מיקען אים אנהענגען אויף איין קנעפעל. ער פארשאפט ניט דעריבער קיין פיל מיה און זארגן, און ליגט ניט פאר איר קיינע שטערונגען: ניט ער בויגט איר דעם רוקן, און ניט ער הא- מעוועט איר דעם רצון. די צוקונפט באאונרוהיקט איר אויך, לעת- עתה, זעהר ווייניק. זי דארף איבער דער צוקונפט ניט קנייטשן דעם שטערן, זי איז מיט איר זיכער.

„דאס לאנד איז גרויס, רייך און ווי דאס פאלק אליין נאך ניט אויסגענוצט, אוצרות אונערשעפלאכע, מעגלאכקייטן גרע- ניצלאזע, מה יעשה הבן?.. פארוואס טאקע זאל אזא פאלק ניט איינלייגן די וועלט, נישט רעש'ן און טאראראמען? וואס-דען האט צו טון א פאלק מיט א לייכט באלעסטעטן עבר און מיט א זארגלאזן עתיד? וואוהין-דען זאל ער אויסגיסן זיינע שפרודלדיקע, יונגטליכע כוחות, דעם גרויסן איבערפלוס זיינעם, אויב ניט אין אימפעט און אינ'ם גערויש פון דער געגנענווארט? מען לעבט מיט

דער מינוט, מיט דעם היינטיקן טאג, אין דער פולער זיכערקייט, אז פון דעם וועט זיך אויך אנקלייבן אן ע ב ר און אויסוואקסן אן ע ת י ד. מען פארווענדעט לעת-עתה די כוחות אויף ספארט, אויף פיזישער ענטוויקלונג, אויף טעכניק, אויף לעבן א גוטן טאג. מען בויעט, מען בויעט. מען גרייט צו פארלויפיק די כלים ביז דער אינהאלט פאר זיי וועט קומען.

„דער דאזיקער רעש, ווי קאכיק און זודיק ער זאל זיין, שא-קירט ער ניט אזוי. ער איז ניט פוסט. ער איז אינערלאך בארעכ-טיגט. ער קען אפילו אויך זייער אויסנעמען—מיט דער אינטענ-סיוויטעט, מיטן שוואונג, מיט דער העזה און גרויסן פארנעם וואס באגלייטן על פי רוב די מעשים, ארום וועלכע דער רעש קאכט זיך אויף מיט'ן שנעלן טעמפא פון זיין ארבייט, מיט זיין טעכניק און מיט זיין ארגאניזירונגס קראפט—קען דאס אמעריקא-נער פאלק ווירקלאך ארויסרופן באגייסטערונג, און מעג דינען אלס מוסטער פאר אנדערע עלטערע פון אים פעלקער.

„זענען אבער די אידן אין אמעריקא אויך אין אזא לאגע? פאסט זיך אויך צו זיי דאס, וואס איז געזאגט געווארן איבער דער ניט-אידישער אמעריקא? אל תפתח פה לשטן, ס'איז ניט אריינ-צולייגן א פינגער אין מויל אריין. יעדער פארשטייט, אז מיט דער אידישער אמעריקא האלט עס גאר אנדערש. אידן—צי זיי זענען צופרידן דערמיט, צי ניין—בעל-כרחם שטעהט הינטער זיי א לאנגער עבר פון קולטור. איגנאנצן ווארפן זיך מיט דעם עבר קען מען אויך ניט. מ'מוז—אויב מ'וויל ניט אומקומען—פון אים זעהר פיל אויפהיטן. און דאס קאסט כחות און געזונט. מ'מוז אויך זארגן, שווער זארגן פאר דער צוקונפט. פאר אידן, אין אמעריקא אפילו, איז די צוקונפט ווייט ניט אזא געזיכערטע. די זארגלאזע מינע ביי אידן אין אמעריקא, און דער כלומרשט זעלבסטצופרידענער טא-ראראם, מאכט אויף מיר אן אונאנגענעמען איינדרוק פון א שלעכט

נאכגעזונגענעם פרעמדן „נוסח״· זייערע „גוזמאות״ און איבער־טרייבונגען זענען ניט קיין שוים פון אן איבערפילטן בעכער. דאס איז ניט מער ווי זייפנבלאָזן. דאס זענען ניט קיין באווייזן פון איבערפלוס, נאר פארקערט: אונטער זיי שטעקט באהאלטן אן אָרימע, קבצנ׳ישע השגה און א געפיל פון מאכטלאָזיקייט מיט אינערליכער אונזיכערקייט״.

וועגן ציוניזם אין אמעריקא האט דער דיכטער געענטפערט אין דעם אינטערוויו: „איך מיין אז די אמעריקאנער ציוניסטען זיי־נען נאך ניט גענוג רייף פאר דער גרויסער ראָל, וואס זיי איז אויסגעפאלן צו שפילן אין ציוניזם. זייער השגה איז נאך אלץ צו קליין. זיי באטראכטן נאך אלץ דאס גיבן אויף ציוניזם ווי א מין צדקה. דערפון נעמט זיך דער קליינער מאסשטאב, מיט וועלכן זיי באהאנדלען דעם אויפבוי פון ארץ־ישראל. אין בעסטן פאל ווערט דא דער ציוניזם באגרינדעט מיט נעגאטיווע מאָמענטן, און ער איז זיך סומך אויף דער שווערער גלות לאגע. דער אויפבוי פון ארץ־ישראל ווערט דאָ גענומען מערסטנס אלס צדקה פאר די ליידנדיקע ברידער אין מזרח אייראָפּא. די אמעריקאנער ציוניס־טען זענען נאָך ניט גענוג אריינגעדרונגען אין מהות פון ציוניזם אלס א צוועק פאר זיך אליין. זיי האָבן נאָך ניט אויפגעפאסט די גרויסע אינערלאכע ווערט פון ציוניזם פאר דער אויפשטעלונג פון אידישן כבוד איבער דער גאנצער וועלט. זיי ווייסן נישט, אז דער ציוניזם וועט זיי מאכן גלייכווירדיק מיט אלע פעלקער פון דער וועלט. זיי ווייסן נאך נישט, אז דער אויפבוי פון ארץ־ישראל וואלט גראד געווען נויטיקער פאר אידן, אפילו דאס אידנטום אין די גלות לענדער זאָל אויף אייביק זיין פארזיכערט מיט א דערטרעג־לאכער מענשלאכער עקזיסטענץ, דורך וואוילשטאנד און גלייך־באַרעכטיגונג ווערט די געפאַר פון אונטערגאנג ניט קלענער, און אפשר נאָך גרעסער. די דאזיקע געפאר קען פארמיטן ווערן נאָר

דורך דער צוריקשטעלונג פונ׳ם אידישן פאלק אין ארץ-ישראל.

„אבער די אויפגאבע צו ברענגען צו די אמעריקאנער ציו-ניסטן די אויפפאסונג פון ציוניזם, אין דער אמת׳ע באלויכטונג, איז נישט קיין לייכטע. מען דארף לאנג קנעלן. עס איז נויטיק א טיפערע קולטורעלע ארבעט. עס מוז אריינגעגאסן ווערן אין אמע-ריקא א גרופע פראפאגאנדיסטן פון העכערן סארט, וועלכע זאלן נישט אלס הרשנים, נאר אלס אמת׳ע אויפקלערער אוועקשטעלן דא דעם ציוניזם אויף זיין אמת׳ער הויך. דאן וועלן די אמעריקא-נער ציוניסטן אנהויבן צו פארשטיין, אז מיט צדקה מיטלען קען מען ווייט נים אוועקגיין אינ׳ם אויפבוי פון ארץ-ישראל.

„אויף דעם וועג ווי די ארבעט ווערט איצט אנגעפירט איז דער פראצעס צו א לאנגזאמער, און צייט צוווארטן האבן מיר נישט. מיט פינף מיליאן דאלאר א יאר קען מען פיליכט בויען א ישיבת ר׳ יצחק אלחנן, אבער נישט ארץ-ישראל. איך גלויב אז דאס אמעריקאנער אידנטום איז איצט רייפער ווי ווען עס איז אויפ-צופאסן דעם ריכטיקן מהות פונ׳ם ציוניזם, און א גוט ארגאניזירטע אויפקלערענדע ארבעט וועט האבן ערפאלג.

„די אידן אין אמעריקא וואלטן געמעגט זיך לערנען ביים אמעריקאנער פאלק אין אונטערנעמונגס-גייסט, שוואונג, גרויסן פארנעם, ארגאניזאציע, און דאן וואלט דער אויפבוי פון ארץ-ישראל פיל שנעלער פארווירקלאכט געווארן ווי עמיצן קען זיך דאכטן".

עד כאן האבן מיר איבערגעגעבן א טייל פון דעם אינטער-וויו, וואס ביאליק האט דא געגעבן פאר זיין אפפאר. איצט וועלן מיר איבערגעבן טיילן פון זיין רעדע אין תל-אביב נאך זיין צוריק-קער פון אמעריקא אין יאר 1926. אויף דער רעדע האט מען אין תל אביב געווארט בכליון-עינים, מיט אונגעדולד. פילע טויזנטער אידן זענען געקומען אין „בית-עם" אין תל-אביב הערן ביאליק׳ס

איינדריקע וועגן אמעריקא. אין זיין רעדע האָט דער דיכטער גע-
שילדערט זיין ערשטן קבלת־פּנים אין אמעריקא:

„אין זאל האָבן זיך געפונען ביי פינף־זעקס טויזנט מענטשן, און דאך האב איך באמערקט, אז ניט געקוקט אויף מיין שרעק און ניט געקוקט אויף דעם וואס אָט דער ערשטער אויפטריט איז געווען ניט אין גינסטיקע באדינגונגען (באלד פון דער שיף פאר דעם עו-לם), זענען מיינע רייד פון דעסטוועגן ניט געגאנגען לאיבוד, ווייל עס זענען געשאפן געווארן אייניקע פארבינדונגען צווישן מיר און די צוהערער.

„פון די ציימונגען ווייסט איר, אז מיין רעדע איז געווען א ביסל ניט געראָטן, און טאקע ניט א ביסל, נאר זעהר ניט געראָטן. — דאך בין איך ביי זיך ניט אראָפּגעפאלן. די מענטשן, כאטש זיי זענען אמעריקאנער, וואס יאגן זיך, כביכול, נאך אויסערלאכקייט, בא-זיצן דאך גרויסמוטיקייט און ברייטהארציקייט. זיי האָבן מיך גע-פילט דורך מיין שטאמלען. דער אמעריקאנער עולם איז געווען פיל פריינדלאכער צו מיר ווי די ציימונגען און די שרייבער. זיי האבן מיר פארגיבן די מפּלה. זיי האבן מיך אויפגענומען ווי איך בין — — —"

דער טומל און דער רעש, די רעקלאמע און די ליבע צו בא-רימעריי און אויסשטעלן זיך, וואס הערשן אין אמעריקא, ערקלערט דער דיכטער דערמיט, וואס דאס אמעריקאנער פאָלק איז יונג און פול מיט לעבנס־ענערגיע.

„איר גייט אין א ניו יאָרקער גאס און אָט אינמיטן דעם משוגע׳נעם געלויף גייט א קינד פון 9-10 יאָר מיט׳ן רענצל אויפ׳ן רוקן, צווישן טויזנטער אויטאמאבילן אן פּחד, און מאכט פאר זיך א וועג. און איך געדענק, ווען איך בין געווען א קינד און זיך געשפּילט מיט זאמד, פלעגט אונז אלעמען באפאלן א שרעק, ווען מיט 5 מייל וויטער האט זיך באוויזן א וואָגן איינגעשפּאנט מיט

צוויי אָקסן: „נאך א ביסל — און דער וואָגן וועט איבערפאָרן דאס קינד". דארטן אבער האב איך געזעהען ווי קינדער גייען פארביי רוהיק צווישן טויזנטער סכנות.

„דאס איז בלויז א ביישפיל. אבער כמעט אזא רושם מאכט דאס אמעריקאנער לעבן, אויף אלע געביטן און אין יעדן ווינקל. אומעדום, וואו מיר וואלטן צוטומלט געווארן פון די גרויסע צו-פערן און מיר וואלטן ניט געפונען אונזערע הענט און פיס, טוט מען עס דארט אין אַמעריקא מיט געניאלער רואיקייט, און מען שטעלט אוועק די גראדע ליניע צווישן די צוויי פונקטן. דערי-בער ווערן ביי זיי געשאפן אין איין טאָג ווערטן, וואס ווערן ביי אונז געשאפן אין א משך פון אַ סך יאָרן."

אייניקע אידן, וואס גרייטן זיך צו דערווערבן נחלות אין ארץ-ישראל, האבן געזאגט צום דיכטער: „עס איז בעסער פאר אידן צו האבן נחלות דארט, וואו זיי וואוינען ניט. אונזערע חכמים האבן דאך געזאגט: „תמיד זאל א מענש צוטיילן אין דרייען זיין געלט; א דריטל אין פארמעגען, א דריטל אין באָדן און א דריטל אין מסחר". דעריבער דארף א איד צוגרייטן פאר זיך א נחלה אין אן אנדער ארט, כדי ער זאל פאר זיך צוגרייטן א מקום מקלט, בשעת ער וועט דארפן אנטלויפן".

איין איד האט אים געזאגט: „אין פאלעסטינע איז געוויס גוט אבער, נאך מיין מיינונג, דארף מען צוגרייטן א נחלה אויך אין א דריטן פלאץ אויסער ארץ-ישראל. דאס איז זיכערער". — (זעה דעם דערמאנטן בוך).

„עונג־שבת“ אין תל־אביב

די וויכטיגסטע אינסטיטוציע וואס דער גרויסער דיכטער האט געשאפן אין תל-אביב, איז דער „עונג-שבת“, וואס פלעגט געפראוועט ווערן אין „אהל-שם“.

ביאליק, וועלכער איז אין זיינע יונגע יארן געשטאנען „על סף בית-המדרש“—אויפ'ן שוועל פון בית-מדרש, און אין די לעצטע יארן אינעווייניק, אין בית-מדרש, האט איינגעזעהען, אז די ארץ-ישראל'דיקע יוגענד און אויך א געוויסער טייל פון דער אינטעליגענץ שטעהט אויף יענער זייט שוועל פון בית-מדרש, דערווייטערט זיך פון דער אידישער טראדיציע, פון אידישן עבר. ער האט איינגעזען, אז אויך אין ארץ-ישראל ווערן אידן פארמאטעריאליזירט, אז דער „עם הספר“ פארבייט די ערנסטע און באלערנדע ספרים אויף לייכטע, אויבערפלעכלאכע ביכלאך. מען רעדט העברעאיש און אין דער זעלבער צייט דערווייטערט מען זיך פון דער אלטער אידישער קולטור, וועלכע איז געווען דער עמוד-אש, דער נר תמיד אין דער אידישער געשיכטע.

ביאליק האט קיינמאל ניט געהערט צו דער קאטעגאריע דיכטער, וואס קוקן פון אויבן אראפ אויף די מאסן, און וועלכע דענקען, אז דער פלאץ פון דיכטער איז אויפ'ן הויכן אלימפ און דאס פאלק איז זיין פוס-בענקעלע. אדרבא, ער האט אלעמאל געשטרעבט דערצו, אז ס'זאל אפגעשאפט ווערן די מחיצה צווישן די גייסטיקע שעפער און די מאסען. אין דער צייט וואס זיין רבי, אחד-העם, דער אריסטאקראט, האט געשאפן בלויז פאר יחידי סגולה, האט ביאליק אלעמאל געשאפן פאר'ן פאלק, פאר כל ישראל. אויך

זיינע דיכטערישע יצירות, מיט קליינע אויסנאמען, זענען געווען פארשטענדלאך פאר יעדן העברעאישן לעזער. ער איז געווען צווי-שען די ערשטע העברעאישע דיכטער, וואס האט אריינגעבראכט אין העברעאיש דאס אידישע פאלקס ליד. ער, צוזאמען מיט ראוו-ניצקי׳ן, האבן ארויסגעגעבן דעם „ספר-האגדה", מיטן צוועק צו באקענען די מאסן מיט די אוצרות פון דער אידישער אגדה.

אבער אויב אין חוץ-לארץ איז ער געשטערט געווען אין דער פארשפרייטונג פון דער אידישער קולטור צווישן דעם המון דורך דער צארישער רעגירונג, דורך בונדיסטן, יעווסעקן און אנדערע צושטערער, האט ער אין ארץ-ישראל געפונען א ברייט פעלד פאר זיין טעטיקייט.

כדי צו שאפן א פארבינדונג צווישן דער אינטעליגענץ און דעם המון אין ארץ-ישראל, האט ער געגרינדעט דעם „עונג שבת". צו דער אינסטיטוציע האט ער צוגעצויגן די בעסטע אינטעלעקטו-עלע אידישע כוחות, וואס ארץ-ישראל פארמאגט. אין אנהויב האבן אידישע ראדיקאלן געקוקט מיט ביטול אויף דער נייער אינסטי-טוציע. זיי האבן געגלויבט, אז צום „עונג-שבת" וועלן קומען בלויז שוהל-אידן. אינגיכן אבער האט זיך ארויסגעוויזן, אז דער דיכטער האט בעסער פארשטאנען די פסיכאלאגיע פון די אידישע מאסן, די נשמה פון פאלק, ווי די אידישע ראדיקאלן.

די לעקציעס וואס זענען איינגעארדענט געווארן אין „אהל-שם" זענען באזוכט געווארן ניט נור פון ארטאדאקסישע אידן, נאר אויך פון טויזנטער ארבעטער און אינטעליגענץ. דער „או-הל-שם" איז געווארן די פאפולערסטע און באליבסטע אין א"י.

צווישן די אלע תלמידי חכמים און געלערנטע, וואס האבן זיך באטייליקט אין אוהל-שם, איז ער געווען דער כהן-גדול, דער אומגעקרוינטער פירער.

מיט רעכט האט ביאליק געזאגט צו זיינעם א פריינד, אז דער ריכטיקער העברעאישער גראם צום ווארט ביא־ליק איז: „על ביאליק, לית מאן דפליג", קיינער קען ביא־ליק'ן ניט באשטרייטן.

דער צונויפקום אין אוהל־שם ווערט פארגליכן אין מיין דמיון צו א חסידישער עדה, וואס פערזאמעלט זיך ביים רבי'ן, שבת פאר שקיעת החמה, שלוש־סעודות צייט. הונדערטער חסידים אין שטריימלאך, אין אטלעסענע זשיפיצעס מיט זיידענע גארטלען און ווייסע פאנטאפעל וואַרטן אויף „אים זאָל לעבן".

און ווי גרויס איז די שמחה ווען „ער" קומט אריין! דער חזן זינגט „צור משלו אכלנו", און אנדערע ניגונים. די חסידים זינגען מיט. דער רבי איז טועם פון די מאכלי שבת, טיילט שיריים די חסידים, זאגט תורה מיט גרויס דביקות און התלהבות. די שמחה און חדוה שטייגערן. אידן פארגעסן דאגות פרנסה, די רדיפות און די גזירות פון די שררות. דער הונט ווערט פארוואנדלט אין א פרינץ.

עס ווערט פינסטער. מען דאוונט בחפזון מעריב. דער רבי זינגט מיט גרויס מתיקות—גאט פון אברהם ——— דער חזן מאכט הבדלה—המבדיל בין קודש לחול. די רשעים קערן זיך צוריק אום אין גיהנם. אידן נעמען זיך ווידער טון זייער טאָג־טעגלאכע, וואכעדיקע ארבעט, אבער דעם רבי'נס ניגון, זיין תורה באגלייט זיי די גאנצע וואך, פארלייכטערט זייערע צרות און דאגות . . . אזוי אין אהל־שם בימי ביאליק:

שבת, פאר שקיעת החמה. הונדערטער אידן, מענער און פרויען געפינען זיך אין „אוהל־שם", א טייל אידן אין יארמולקעס, אין קאפעליושן, ארבעטער אין ארבעטס—בלוזעס, יונגווארג—אין לייכטע זומער־קליידער. דער לעקטאר איז שוין געקומען. דער

חזן ביילים זינגט „יה רבון עלם״ — — — עלטערע אידן זינגען מיט מיט דעם חזן שבת־דיקע ניגונים. עס ווערט שפעט, דאך הויבט מען די לעקציע ניט אן, ווייל מען ווארט אויף אים, אויף ביאליק׳ן. ענדלאך קומט דער משורר, באשטראלט פון דעם שבת׳דיקן „אור הגנוז״. ער ענטשולדיקט זיך פאר׳ן עולם וואס ער האט פארשפע־טיקט, און טרעט־צו צו דער פתיחה.

קודם־כל באגריסט ער די חשוב׳ע געסט, וואס געפינען זיך אין זאל: רבנים, פראָפעסאָרן, שרייבער, ציוניסטישע טוער וכדו־מה. די באגריסונגען זענען געוויינלאך קורצע און טרעפלאכע.

דאן שטעלט ער פאָר דעם לעקטאר, און דערביי גיט ער אויך אן איינלייטונג צו דער לעקציע. געוויינלאך איז דער לעקטאר גוט צוגעגרייט. ער ווייסט דאך, אז רעדן וועגן סעדיה גאון, אדער איבן גבירול, יהודה הלוי וכדומה אין דער אנוועזנהייט פון ביאליק׳ן דארף מען ווי געהעריק „אָנגורטן די לענדן״. ביאליק אבער שעפט אפטמאָל אוים די טעמע אין זיין קורצן אריינפיר (און זייטיקע פניות חלילה), און דעריבער שטעלט ער דעם לעקטאר אין א פאר־לעגענהייט.

דער לעקטאר מוז מקצר זיין, ווייל „כבר אמר ביאליק״, ער האָט אין זיין קורצן אריינפיר געגעבן דעם תמצית, די הויפט רעיונות פון דעם רעפעראט.

און א מאל פאסירט, אז דער דיכטער פארגעסט אז ער איז בלויז דער איינלייטער, און אנשטאט אן אריינפיר האלט ער א לעקציע. דער לעקטאר איז, פארשטעהט זיך, ניט צופרידן פון דעם וואס ביאליק פארלויפט אים דעם וועג. דערפאר אבער הערן די צוהערער אוים מיט גרוים בעגייסטערונג די אימפּראוויזירטע לעק־ציע פון דיכטער.

א איד א תלמיד־חכם, וואס שטודירט פילע יארן די ווערק פון הגר״א, דעם ווילנער גאון, האלט א לעקציע אין אוהל־שם וועגן

דעם גאון. דאס מאָל האָט דער דיכטער געמאַכט א קורצן אריינ־פיר. אָבער אזוי ווי ביאַליק איז ניט געווען איינשטימיק מיט איי־ניקע פון דעם לעקטאָרס הנחות, האלט ער א נאָכוואָרט, אין וועלכן ער וואַרפט אַן א פלאַן ווי דער הגר״א דאַרף שטודירט ווערן, און דערביי באַשטרייט ער אייניקע פון דעם לעקטאָר׳ס אויספירען. דער פּועל־יוצא איז, אַז ערשט פון זיין נאָכוואָרט דערוויסן מיר זיך וואָס פאַר א גייסטיקער ריז דער הגר״א איז געווען. און ס׳ווייזט זיך אויך אַרויס אַז דער גענִיאַלער דיכטער איז דער באַרופענער קאָמענטאַטאָר פון די טיפע כונות, וואָס זענען בע־האַלטן אין הגר״א׳ס קורצע באַמערקונגען.

רעדט אַן אַנדער לעקטאָר מיט גרויס באַגייסטערונג וועגן חסידות, קומט ביאַליק און באַווייזט, אַז די אַלע הלל־געזאַנגען פאַר׳ן חסידות זענען איבערטריבן, אַז די מייסטע חסידישע רביים זענען געווען עמי־הארצים, אַז פיל פון די לעגענדעס וואָס די חסידים דערציילן וועגן די רביים, דערציילן די מתנגדים וועגן די רבנים און גאונים.

(ביי אַן אַנדער געלעגנהייט האָט ער געזאָגט וועגן חסידות, אַז דאָס איז א „גל של אשפה״, א מיסט־בערגל. דאָך האָט ער געשאַפן אין זיינע לעצטע יאָרן א פּאָעמע, א פּערל אין דער קרוין פון זיינע יצירות, אויף א חסידישן מאָטיוו—„אמא זכרונה לברכה״.)

אין אַנגעזעהענער העברעאישער שרייבער האַלט א לעקציע אין אוהל־שם וועגן דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור. ער באַקלאָגט זיך אויף דעם, וואָס דער העברעאישער ביכער־מאַרק ווערט פאַרפלייצט מיט איבערזעצונגען, און די אָריגינעלע ווערק האָבן ניט קיין פאַרלעגער. דער רעדנער רעדט בכבידות׳דיק, אָן פּאַטאָס און אָן התלהבות. אפשר דערפאַר, וואָס ער איז א שטיקל נוגע בדבר . . . ער איז פאַרבונדן מיט א ביכער פאַרלאַג.

נעמט ביאליק א ווארט אין דער פראגע נאך דער לעקציע און שטורעמט אויף די צוהערער, וועלכע ווערן מיטגעריסן פון זיין שטארקער און דרייסטער רעדע. ער פראטעסטירט געגן דעם, וואס די העברעאישע ליטעראטור איז געווארן א תרגום-ליטעראטור. ער ווייזט אן אויף דעם, אז אין דער רוסישער לי-טעראטור זענען דא גלענצענדע איבערזעצונגען פון די אייראפע-אישע קלאסיקער. די איבערזעצונגען זענען א וויכטיקער בייטראג צו דער רוסישער ליטעראטור, אבער זענען ניט איר קרוין. די רוסישע ליטעראטור איז געשאפן געווארן דורך די גרויסע דיכטער, פושקין און לערמאנטאוו, דורך אזעלכע נאוועליסטן ווי טורגעניעוו, דאסטאיעווסקי און טאלסטאי.

איבערגעהענדיק צו דער העברעאישער ליטעראטור אין ארץ-ישראל, האט דער דיכטער באמערקט: „אונזערע חכמים האבן אונז געלערנט: „שנים מקרא ואחד תרגום״—צוויי מאל לייענט מען די תורה און איינמאל דעם תרגום, די איבערזעצונג; און ביי אונז איז איצט די פראפארציע פון אחד מקרא וחמשה תרגום, קעגן איין אריגינעלן ווערק ווערן ארויסגעגעבן פינף איבערזעצונגען. לא זו הדרך,—דאס איז ניט דער וועג צו שאפן א נאציאנאלע העברעאישע ליטעראטור״.

דער דיכטער האט אין שארפע ווערטער געטאדלט די פאר-לעגער, וועלכע פאסען זיך צו צום ניט ענטוויקלטן געשמאק פון די מאסן, וואס ביי זיי איז די ליטעראטור בלויז א פארוויילונג. „אונזערע עלטערן, האט ער ממשיך געווען, האבן געפירט אן אינ-טענסיווע ווירטשאפט אויפן געביט פון קולטור; זיי האבן געקענט כמעט בעל-פה א געוויסע צאל אידישע ספרים—תנ״ך, אייניקע מסכתות פון תלמוד, דעם „חובת הלבבות״, מוסר ספרים וכדומה, וועלכע זענען געווען זייערע מורה-דרך׳ס, זייערע לעבנסווייזער. דער היינטיקער דור אבער פירט אן עקסטענסיווע ווירטשאפט

אויפן געביט פון קולטור. מען ליינט הונדערטער מינדערוויכ־טיקע ביכלעך און מען פארנאכלעסיקט די וויכטיקע, אייביקע ספרים פון אונזערע קדמונים. און דאס איז א גרויסער שאָד און פארדרוס!" *)

צייטנווייז, ווען דער דיכטער איז אָפּגעפארן קיין אויסלאנד, און אנדערע חשוב'ע קולטור־טוער פלעגן פארנעמען זיין פלאץ אלס אָנפירער פון די לעקציעס אין „אהל־שם", האבן מיר געפילט אז „על כסאו לא ישב זר" — קיינער קען ניט פארנעמען זיין פלאץ.

ער איז געווען דער „מנצח על השבת", דער בארופענער אנפירער פון די שבת'דיקע אונטערהאלטונגען אין אוהל־שם.

---

*) — ביי דער געלעגנהייט וויל איך באמערקן, אז ביאליק האָט זיך באצויגן מיט באזונדער אכטונג צו ערנסטע, וויסנשאפטלאכע ספרים. ער איז אין דעם פרט געווען אונטער דער השפעה פון זיין רביין אחד־העם, וועלכער האט כל ימיו זיך איבערגעגעבן צו דער שטודיע פון ערנסטע אידישע און ניט־אידישע ווערק, און געקוקט מיט ביטול אויף דער „שיינער ליטעראטור", אויסער דער דידאקטישער.

פארשטעהט זיך, אז אלס א דיכטער האט ביאליק זיך באַ־צויגן צו קונסט־ווערק מיט פיל מעהר אכטונג ווי אחד־העם. דאך האט אחד־העמ'ס ראציאנאליסטיש־משכילישער בליק אויף דער שיינער ליטעראטור געהאט אויף אים א השפעה.

מעגלאך, אז דאס איז איינע פון די סבות איבער וועלכע ביאליק האט פילע יאָרן ניט געשריבן קיין שירים, ווייל ער האט געגלויבט אז דער „ספר האגדה", די זאמלונג פון די אידישע לעגענדעס, אדער א פירוש אויף משניות, איז פיל וויכטיקער פון זיינע שירים.

די לעקציע איז געענדיקט. ס׳איז די צייט פון שקיעה-שיין. די גליענדע זון טובל׳ט זיך אין ים-התיכון. דער חזן מיט׳ן כאָר זינגן פארשידענע ניגונים, צווישן זיי אויך א לידל, וואס איז ניט לאנג געשאפן געווארן אין ארץ-ישראל — „באנו, באנו ארצה לבנות ולהבנות בה", מיר זענען געקומען אין לאנד צו בויען און אויפ-געבויעט ווערן — — — און דער עולם זינגט געשמאק מיט. די נאכט פאלט צו. אין זאל הערשט אַ הייליקע שטילקייט. מען ווארט אויף צאת הכוכבים, אויף׳ן אויפשיין פון די שטערן.

ענדלאך בורא מאורי האש... דער זאל ווערט באלויכטן פון דעם ווייסן פייער, וואס רוטענבערג האט ארויסגעצויגן פון די ירדן וואסערן. דער רויט געפארבטער „מגדל דוד" מיט דעם זייגער אויפ׳ן שפיץ, ווערט העל באלויכטן. דער חזן מאכט הבדלה. ליהודים היתה אורה ושמחה וששון, ס׳ווערט ליכטיק, פריילאך און לוסטיק פאר דער פארזאמעלטער עדה אידן. אבער דער גע-דאנק פון שיידן זיך, פון אריבערגיין פון שבת לחול, ווארפט אַן אן אומעט.

אַט אזוי האבן אידן געפייערט די שבתים, צוזאמען מיט דעם גרויסן אידן און געניאלן דיכטער.

דער דיכטער און זיינע קאלעגן

„וואס גרעסער א מענש איז, אלץ גרעסער זענען זיינע אמבי־ציעס און פארלאנגען"— זאגן אונזערע חכמים. ווער עס האט געהאט די געלעגנהייט צו לעבן צווישן „גדולים" ווייסט, אז דער מאמר איז ריכטיק. אפטמאל זענען גרויסע שרייבער זעהר קליינלאך אין זייער באציהונג צו זייערע קאלעגן. אזוי איז געווען דער פאל מיט די גרויסע רוסישע שרייבער טורגעניעוו, דאסטאיעווסקי און טאלס־טאי, וועלכע זענען ווייט ניט געווען פריינדלאך צווישן זיך. דאס זעלבע האט אויך פאסירט מיט אונזערע שרייבער פרץ און שלום־עליכם, אחד־העם און מ. י. בערדיטשעווסקי און אנדערע שרייבער.

ביאליק איז אויך אין דעם פרט געווען אן אויסנאם. ער איז געווען אן אדעלמאן, א צדיק, וואלט איך געזאגט, אין זיינע באצי־הונגען צו די קאלעגן. ער איז געווען ניט נאר פריינדלאך צו זיי, נאר טאקע זעהר איבערגעגעבן; ער פלעגט מיטהעלפן און אינספי־רירן יונגע שרייבער אנצוגעהן מיט זייער ארבעט.

ער האט אין אדעס מקרב געווען ברוך שאפיר'ן, א פשוט'ער איד, א בעל מלאכה, וואס האט ארויסגעוויזן געוויסע ליטערארישע פעהיקייטן. ביאליק האט איבערזעצט, אדער גענויער, איבערגע־ארבעט שאפיר'ס דערציילונגען פון אידיש אויף העברעאיש און זיי פארעפנטלאכט אין „השלח". אויך אן אנדער אנפאנגער, דעם בא־וואוסטן נאוועליסט יונה ראזענפעלד, וואס האט דאן געוואוינט אין אדעס, האט ביאליק מיטגעהאלפן און ערמוטיקט צום שרייבן.

דער שרייבער משה סטאווסקי האט מיר דערציילט: בעת ער איז געווען נאך א יונגער שרייבער, האט ער אויף זיין וועג קיין

ארץ-ישראל זיך אפגעשטעלט אין אדעס. ער האט בדעה געהאט צו באזוכן דארט ביאליק'ן, אבער לײדער איז ער די ערשטע פאר טעג געװען פארנומען און דעריבער אפגעלײגט זײן באזוך.

אבער װי ערשטױנט איז סטאװסקי געװארן, װען ביאליק, װעלכער איז שױן צו יענער צײט געװען בארימט אלס א גרױסער דיכטער, איז געקומען צו אים אין האטעל און אים פארגעװארפן פארװאס ער האט אים, ביאליק'ן, ניט באזוכט.

סטאװסקי האט מיר דערצײלט מיט גרױס התפעלות װעגן ביאליק'ס פרײנטלאכקײט און אױפמערקזאמקײט צו אים אין פאר-לױף פון זײן קורצן פארװײלן אין אדעס.

באזונדערס פרײנדלאך איז ביאליק געװען צו די אנגעזע-הענע אידישע שרײבער און דיכטער. צום 50-יעהריקן יובל פון דעם באװאוסטן דיכטער ז. שניאור האט ביאליק געהאלטן א לעק-ציע אין „בית-עם" אין תל-אביב, אין װעלכער ער האט געגעבן א גלענצענדע אפשאצונג װעגן שניאור'ס שאפונג. צװישען אנדערס האט ער געזאגט:

„עס איז פאראן א דיכטער װאס האט א גוטן חוש הראיה, און עס איז פאראן אזעלכער, װאס האט א גוטן חוש השמיעה אדער אן אנדערן פון די פינף חושים. שניאור איז געבענשט אין א גוטער מאס מיט אלע זײנע פינף חושים. און מיט דעם שטײגט ער אריבער אלע זײנע חברים".

אין דער זעלבער לעקציע האט ער אויך גערעדט װעגן אן אנדער יובילאר, דעם באװאוסטן העברעאישן נאװעליסט ג. שאפ-מאן, װעלכער צײכנט זיך אויס מיט זײן שארפע אויג. װעגן אים האט ער געזאגט: „שאפמאן קען געגליכן װערן צו אינגלאך, װאס קוקן זיך איין אין א פויגל, װאס פליט אין דער לופט. די קורצ-זיכטיקע צװישן זײ זען דעם געדרײ פון דער באװעגונג פון

פויגל אין דער לופט בלויז ביז א געוויסן מרחק, און פון דארטן און העכער פארשווינדט דער פויגל פון זייערע אויגן; די אנדערע חברים, די ווייטזיכטיגערע, זענען ממשיך נאכצוקוקן די באווע־גונגען פון פויגל. אָבער ווען דער פויגל הויבט זיך אויף נאך העכער בלייבט בלויז איינער, וואס זיין כח־הראיה איז גוט צו זען אין דער לופט עט ווייט, ווייט... דאמאלט דערציילט ער זיינע חברים וועגן דעם, וואס בלויז ער אליין זעהט. אזוי איז שאפמאן. דאס וואס אלע זעהן מאלט ער ניט אויס און נאָר דאָס, וואָס איז פאַרבארגן, איינגעהילט אין נעפעל, כאפט זיין אויג אויף און דאָס מאָלט ער".

אחרון, אחרון חביב. באזונדערס דארף דא פארצייכענט ווערן די לאנגיעהריקע פריינדשאפט. צווישן ביאליק'ן און ראווו־ניצקין, אים צו לענגערע יאר, וואס איז געווען עהנלאך צו אהבת דוד ויהונתן.

ראווניצקי איז געווען דער ערשטער רעדאקטאר, וואס האט פארעפענטלאכט אין זאמעלבוך „פרדס", אין יאר 1891, ביאליק'ס ערשטע ליד „אל הצפור".

אין אנהויב פון זייער בעקאנטשאפט, דערציילט ביאליק אין זיין אויטאביאגראפיע, „פלעג איך באזוכן ביי אים (ראווניצקין) אין הויז פון צייט צו צייט. פלעג ארויפקריכן אויף די שווינדעל־טרעפ ביז אין הימל אריין, זיצן קעגנאיבער אים און פינטלן מיט די אויגן — ער שוויגט און איך שוויג". (ראווניצקי איז בטבע א שווייגער). שפעטער אבער זענען זיי געווארן גרויסע ידידים און אין יאָר 1905 האבן זיי צוזאמען געגרינדעט דעם פארלאג „מוריה", וועלכער האט פארעפענטלאכט פארשיידענע וויכטיקע ספרים און אויך די ליטערארישע ארבעטן, וואס זענען געשאפן געווארן פון ביאליק'ן צוזאמן מיט ראווניצקין, ווי די „ספורי המקרא", „ספר

האגדה" און אנדערע יצירות.

אויסער די געשעפטלאכע און ליטעראַרישע פארבינדונגען זענען זיי, ווי געזאגט, געווען גרויסע ידידים. זיי פלעגן זיך אפט באגעגענען און זיך בעראטן וועגן ליטעראַרישע און אויך פריוואטע אנגעלעגענהייטן. ווען ביאַליק איז געווען פעררייזט פלעגט ער שיקן הארציקע ידידי בריוולאך צו ראוועניצקין אין וועלכע ער פלעגט אויסדריקן זיין בענקשאפט און תשוקה, וואס שנעלער זיך צוריק־קערן פון וועג, כדי זיי זאלן ממשיך זיין זייערע געמיינשאפטלאכע יצירות און אויך ארויסגיבן די וויכטיקסטע יצירות פון אנדערע אנגעזעהענע העברעאישע שרייבער.

אמאל האָב איך געפרעגט ביים דיכטער זיין מיינונג וועגן די אידישע שרייבער אין אמעריקא. זיין ענטפער איז געווען, אז ער האלט זעהר פיל פון מאני לייב׳ן און לייוויק׳ן. ער האט אויך געהאט א הויכע מיינונג וועגן אברהם רייזען׳ס שאפונג. ער האט מיר דערציילט, אז נאך מיט יארן צוריק האט ער אנאָנים איבער־געזעצט רייזען׳ס סקיצן אין העברעאיש.

ביאַליק האט דעמאלט באקומען פון רומעניע אליעזר שטיינ־בארג׳ס פאבלען, פון וועלכע ער איז געווען זעהר בעגייסטערט. „געה וויים", האט ביאַליק געזאגט, „אז אין אידיש קען מען שרייבן אזוי שיין. שטיינבארג׳ס פאבלן זענען פיל שענער און חנ׳עוו־דיקער פון לאַפאָנטען׳ס פאבלען".

ווען דער דיכטער האט זיך דערוואוסט, אז איך קלייב זיך צו פאָרן קיין אמעריקע, האט ער מיך געבעטן איבערצוגעבן אין זיין נאמען א גרוס ליעסינ׳ען, דעם באגאבטן דיכטער און פובליציסט. איך האב שפעטער, נאך מיין צוריקקער פון אמעריקע, איבערגעגעבן ביאַליק׳ן ליעסינ׳ס בקשה, אז ער זאל שרייבן פאר דער „צוקונפט". ביאַליק האָט מיר געענטפערט, אז ער איז, ליידער, פארנומען מיט

אנדערע ליטעראַרישע אַרבעטן. מיין איינדרוק איז געווען, אַז ער האָט אין די לעצטע יאָרן אויסגעמיידט צו שרייבן אידיש.

ווען די אידישע דיכטער האָט ביאַליק מיר געזאָגט ביי אַן אַנדער געלעגענהייט: „דער אונטערשיד צווישן די העברעאישע און אידישע דיכטער איז דאָס, וואָס, בעת אין העברעאיש פאַרדעקט טיילמאָל דאָס לשון די אינהאַלטסלאָזיקייט, איז אין אידיש דער עיקר דער תוכן און ניט דאָס לשון".

ביאַליק האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ באַזונדער פיינעם און ראַפינירטן געשמאַק פאַר ע כ ט ע ר ליטעראַטור. (ער פלעגט געוויינלאַך געברויכן דעם אַדיעקטיוו „עכט" פאַר ליטעראַטור, וואָס איז אים געפעלן געוואָרן). און דעריבער, ניט געקוקט אויף זיינע קאָלעגיאַלע געפילן אויך צו מינדערוויכטיקע שרייבער, האָט ער אָבער פון דער אַנדערער זייט, אין זיינע אינטימע געשפּרעכן, אָפטמאָל קריטיקירט די טאַלאַנטלאָזיקייטן און אַנשטעלמאַכער אויף זיין אייגנאַרטיקן ביאַליק'ישן שטייגער.

צו דער זעלבער צייט צוליב זיין שוואַכקייט צו שטיצן מאַראַליש יעדן טיגטלער, איז ווען ער האָט באַקומען פון עמיצן אַ מאַנוסקריפּט, פלעגט ער טון אַלעס מעגליכעס צו פאַרעפנטלאַכן דאָס ווערק. אַנשטאָט אומצוקערן דעם כתב-יד, וועלכער איז, לויט זיין געשמאַק, ניט געווען „עכט", פלעגט ער עובר בקולמוס זיין, אויסבעסערן און פאַרעפנטלאַכן.

ז. שניאור אַט דערפאַר אין איינעם פון זיינע פעליעטאָנען סאַרקאַסטיש באַצייכנט ביאַליק'ן אַלס דער „שר המסכים", דער הסכמה-געבער, וועלכער האָט צוליב זיין גוטהאַרציקייט אַריינגעבראַכט אין דער העברעאישער ליטעראַטור אַ סך קאַליקעס.

מיר וועלן איצט איבערגעבן איניקע טרעפלאַכע באַמערקונגען פון'ם דיכטער וועגן זיינע קאָלעגן:

ווענן א געוויסן העברעאישן דיכטער האט ביאליק געזאגט, אז ער איז געגליכן צו א יונגענמאן, וואס ווייסט ווי צו ראמאנסירן, פלירטעווען מיט דעם שעהנעם געשלעכט, אבער אז ס׳קומט צום „עיקר״ יכול׳ט ער ניט . . .

ווענן אן אנדער דיכטער האט ער געזאגט: „זיין פאעזיע איז געגליכן צו א שטיקל שמאטע, וואס איז דורך א פארזעהען פון א באלעבאסטע א שלים-מזל׳ניצע אריינגעפאלן אין א ראסל-פלייש. נעמסטו דאס שטיקל שמאטע אין מויל אריין, דענקסטו אין אנהויב אז ס׳איז פלייש, אבער ווען דו הויבסט עס אן צו צוקייען, געפינסטו אוים אז ס׳איז א שמאטע . . .

אמאל האט ער זיך מתוכח געווען מיט זיינע קאלעגן ווענן א דיכטער, וואס איז אים ניט געווען צום הארצן. האבן אייניקע קאלעגן אפגעשטרייט ביאליק׳ס נעגאטיווע מיינונג ווענן דעם באטרעפנדן דיכטער, אנווייזנדיק אויף דעם, אז ביי דעם דיכטער געפינען זיך צייטענווייז אייניקע געלונגענע פערזן.

ביאליק האט געענטפערט קורץ און שארף: „אויך א מויז ווען זי שפרינגט איבער א פיאנא און רירט אן די קלאווישן, ברענגט זי אמאל ארויס פיינע טענער, דאך איז די מויז ניט קיין פיאנא ווירטואז״ . . .

מיט עטלאכע יאר צוריק איז געקומען קיין ארץ-ישראל א אידישער שרייבער מיט זיין פרוי א דיכטערין. ווען דאס פאר׳ל איז געווען צו גאסט ביי ביאליק׳ן, האט די דיכטערין, וועלכע האט געוואלט הערן ביאליק׳ס מיינונג ווענן איר פאעזיע, געבעטן איר מאן פארצולייענען אירע לידער. איר מאן איז נאכגעקומען דעם ווונש און פארגעלייענט אירע לידער אויף א פייערלאכן אופן.

ביאַליק האָט דעמאָלט געזאָגט צום פאַרלעזער: „דו לעזסט די לידער פאַר צו דראַמאַטיש, מיט צו פיל דביקות, און דעריבער איז מיר צו שווער צו אורטיילען וועגן זייער ווערט. לאָז מיך אַקאָרשט פאַרלייענען אויף אַ פשוט׳ן, געוויינלאַכן אופן, וועל איך דעמאָלט אויסגעפינען זייער ריכטיקן ערך״. . . .

אַ געוויסער העברעאישער קריטיקער האָט פאַרגעוואָרפען ביאַליק׳ן, אַז ער איז ניט גענוג פּראָדוקטיוו. ער האָט אָנגעשריבן בלויז איין בוך לידער און איין בוך דערציילונגען, בעת ער (דער קריטיקער) האָט פאַרעפנטלאַכט אַ סך ביכער.

אויף דעם האָט דער משורר געזאָגט: „מיין קריטיקער דער־מאָנט מיך אָן יענעם פויער, וואָס איז געקומען אויפ׳ן יאַריד מיט אַ גרויסן וואָגן היי און דערביי חוזק געמאַכט פון איינעם וואָס האָט געבראַכט אויפ׳ן מאַרק בלויז איין קליינעם, קאָסטבאַרן דימענט״...

וועגן מ. מ. אוסישקין האָט ביאַליק געזאָגט: „ער דענקט, אַז מיט יעדן טראָט זיינעם שאַפט ער געשיכטע און דר. יוסף קלויז־נער, דער היסטאָריקער, גלויבט אים און פאַרשרייבט דעריבער יעדן אוסישקין־טריט״ . . .

צווישן די שרייבער אין ארץ־ישראל איז פאַראַן איינער, וועלכער וואַרפט זיך אין די אויגן מיט זיין אויסזעהן: אַ הויכער, ברייטפּלייציקער, מיט אַ לאַנגער, סיוועד באָרד און שאַרפע גע־זיכטס־שטריכן. ביאַליק האָט אים ניט איבריק ליב געהאַט און וועגן אים געזאָגט: „ער דערמאָנט מיר אָן איינעם, וואָס האָט איינגעשלונ־גען אַ פערד, און דער עק איז געבליבן שטעקן אין דרויסן״ . . .

דר. יעקב הערשמאַן שרייבט אין „הארץ״: „אַן אָנגעזועהענער

העברעאישער קריטיקער האט געשריבן אן ענטוזיאסטיש ארטיקל וועגן א פאעמע פון א באוואוסטן העברעאישן דיכטער. אין דער אמת'ן איז די פאעמע געווען אן אומבאדייטנדע שאפונג. אבער דער קריטיקער האט געפונען אין דער פאעמע טיפקייט, פילאזאפיע, לאגיק וכדומה.

ווען ביאליק האט געליינט די קריטיק האט ער זיך שטארק צעלאכט און מיר געזאגט: „דער ארטיקל איז געציעלט קעגן מיר כדי צו באווייזן, אז איך בין ניט קיין מעטאפיזיקער, אז איך האב ניט געליינט קאנט'ן, אז איך בין ניט מער נאר א פשוטער גראמען-שרייבער, וואס קען העברעאיש".

א באוואוסטן העברעאישן פאעט האט ביאליק אנגערופן — „המתחיל הנצחי", דער אייביקער אנפאנגער.

דער מאדערנער העברעאישער דיכטער א. ש-קי מיט זיינע לאנג-געקרויזטע האר האלט אן די טראדיציע פון פארצייטיקע קינסטלער — ער טראגט א שעוועליורע א-לא פושקין.

איינמאל האט ש. זיך אפגעשוירן די האר. ווען מען האט וועגן דעם דערציילט ביאליק'ן האט ער געזאגט — לא יאמן כי יספר. (יספר האט אין העברעאיש צוויי טייטשן. איין טייטש מיינט — אפגעשוירן).

י. ח. ברענער האט בשעתו פארעפנטלאכט אן ארטיקל אין „הפועל-הצעיר" וועגן דער איבערגעטריבענער היפנאזע פון דער ביבעל.

דער ארטיקל האט ארויסגערופן גרוים ענטריסטונג אין די קאנסערוואטיווע אידישע קרייזן. דער אדעסער קאמיטעט פון די „חובבי-ציון" האט דערפאר צוגענומען פון דער צייט-שריפט

„הפועל-הצעיר" די סובסידיע, וואס דער קאמיטעט פלעגט גיבען דער צייטונג.

צווישן די וואס האבן זיך באטייליקט אין דער אפשטימונג פאר צונעמען די סובסידיע פון „הפועל-הצעיר" איז אויך געווען ח. נ. ביאליק. נאך דער אפשטימונג האט דער דיכטער זיך געזעגנט צו זיינע חברים: „היינט האב איך דערפילט, אז די עלטער רוקט זיך אן אויף מיר" . . .

צווישן די ארטיסטן פון דער „הבימה" אין ארץ ישראל איז פאראן איינער, וועלכער איז אמאל געווען אן אנגעזעהענער שוי-שפילער און איצט איז ער אויסגעשפילט. ביאליק האט וועגן אים געזאגט:

„ער דערמאנט מיר אין אן אלטן בעזים „א דראפיטש", וועלכן פארשארטע באלעבאסטעסווארפן ארויס אויפ'ן סמיעטניק, און שפארזאמע לאזן איבער פאר א שעת-הכושר.

א יונגן העברעאישן קריטיקער, אן אנשטעל-מאכער, האט דער דיכטער גערופן „סמערדיאקאוו" (דער באוואוסטער העלד פון דאסטאיעווסקי'ס ראמאן).

אין א לעקציע, וואס דער דיכטער האט געהאלטן מיט איי-ניקע יארן צוריק אין ירושלים, האט ער מיטגעטיילט זיין מיינונג וועגן אנ-סקי'ס דראמע „דער דיבוק", וועלכע ער האט איבערגע-זעצט אין העברעאיש אויפ'ן פארלאנג פון דער „הבימה" און אנ-סקי'ן:

„איך וועל אייך זאגן דעם אמת, דערציילט דער דיכטער, אז אהן איבעריקע אמונה און אהן גרויס חשק בין איך צוגעטראטן צו דער ארבעט. איך האב דאס געטאן צוליב מיין פריינטשאפט (מיט

אנ-סקי׳ן). מיר איז די דראמע ניט באזונדערס געפעלן געוועז. איך האב דאס ניט געלייקנט פאר דעם מחבר אליין. ער האט פארגעליינט די דראמע פאר אן עולם אין קיעוו, און אזוי ווי איך בין אויך אנ-וועזנד געוועז דארטן, האט ער ביי מיר געבעטן אז איך זאל ארויס-זאגן מיין מיינונג וועגן זיין ווערק. האב איך דעמאלט געזאגט צו די פארזאמעלטע:

„איך האב דעם רושם אז ווי א פאלקלאר-זאמלער האסטו געזוכט אין אלערליי מיסטן, האסט פון דארטן צונויפגעקליבן פאלק-לאר ברוכווארג און געטאן די ארבעט פון א שניידער, וואס שטיקע-וועט צונויף פון דעם „יתור" פון פארשידענע קליידער א שטיק צייג, און מאכט דערפון א קאלדרע פון א סך קאלירן.

„איך האב אים אויך געזאגט אין א שפאס: וואס איז אזוינס פאלקלאר? וואס איז דער אונטערשיד צווישן פאלקלאר און נא-ציאנאלער שאפונג? אויך אין פאלקלאר איז פאראנען שאפונג, אבער א גרויסע נאציאנאלע שאפונג, אן אמת׳דיקע, איז געגליכן צו פלייש און בלוט; פאלקלאר אבער איז געגליכן צו נעגעל און האר. אויך זיי זענען א טייל פון גוף, און זייער אויסריים איז גורם צער און ווייטאג, אבער זייער אפשנייד פארשאפט ניט קיין ווייטאגן דעם גוף. אדרבה, וואס מעהר זיי וואקסן און פארמעהרן זיך באלעסטיקן זיי דעם גוף, און פון צייט צו צייט דארף מען זיי אפ-שניידן און פארקלענערן. דאס אפשעהרן די האר און אפשניידן די נעגעל פון ערב שבת ביז ערב שבת איז זעהר גוט פאר׳ן גוף.

„דאך, אזוי ווי די נעגעל זענען געווען באהעפט צום גוף און געצויגן זייער יניקה פון אים, האבן אונזערע חכמים געהאט אויף זיי רחמנות, און דעריבער האבן זיי געזאגט: „דער וואסווארפט זיי אריין אין מיסט איז א רשע, ווייל מ׳דארף זיי באהאלטן". און נאך דעם גלויבן פון דעם המון, איז דער, וואס ווארפט אריין זיינע אפ-געשניטענע נעגעל אין מיסט, ווערט באשטראפט נאך זיין טויט

ארומצעוואנדערן אויפ'ן „עולם-התוהו", וואו ער דארף זוכן אין אלערליי מיסטן און צונויפקלייבן אלע נעגעל, וואס ער האט אוועק-געווארפן ביים לעבן.

„דו אנ-סקי, ביסט געגליכן צו דעם עולם-התוהו'ניק! אלע יאהרן האסטו געארבעט צווישן גוים (אנ-סקי איז, כביכול, געווען א גויאישער שרייבער, געשריבן אין רוסיש וועגן די אגראר-פראגן פון די רוסישע פויערים און עהנלאכעס). און אין דיינע לעצטע יארן, ווען דו ביסט שוין געווען א האלבער מת, ביסטו געקומען צו אונז אידן און עס איז אויף דיר נגזר געווארן צו וואנדערן איבער די מיסטן און צונויפזאמלען דעם פאלקלאר, און פון דיינע זאמלונגען איז ארויסגעקומען דער „דבוק".

צו דעם וויל איך דא צוגיבן:

ערשטענס, ביאליק האט די דראמע ניט בלויז איבערזעצט, נאר פיל אויסגעבעסערט. די דראמע האט געפונען איר תיקון אין ביאליק'ס איבערזעצונג. צווייטענס, די אונצופרידענהייט פון ביא-ליק'ן מיט דער דראמע דערקלערט זיך א פנים אויך דערמיט, וואס ער האט געהאלטן אז מען מאכט בכלל צופיל וועזן פון חסידות.

ביאליק איז אין מאסקווע אמאל אנוועזענד געווען ביי א פארלעזונג פון מאיאקאווסקי'ן, דעם הויף-פאעט פון קרעמעל, ווע-מען ביאליק האט געהאלטן פאר א גראמען-פלעכטער, א קאמונים-טישן מגיד אין פערזן.

נאך דער פארלעזונג האט מאיאקאווסקי געפרעגט ביי ביא-ליק'ן זיין מיינונג וועגן די לידער, וואס ער האט פארגעלעזן.

„ווי כאראשא טשיטאיעטיע" — איר לייענט גוט פאר, האט ביאליק געענטפערט. „אי יעשטשע לוטשע פישו" — איך שרייב נאך בעסער, האט מאיאקאווסקי צוגעגעבן.

צום סוף פון דעם קאפּיטעל וויל איך צוגעבן פאלגענדעס:

די ווערטלאך פון ביאליק׳ן, וואס זענען אנגעווענדעט געווען קעגן שרייבער, זענען פארעפנטלאכט געווארן מיט אייניקע יארן צוריק אין א הומאריסטישער ציטונג אין ארץ-ישראל דורך דעם העברעאישן שרייבער צ. ק. דער שרייבער האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט דער איבערדערציילונג פון די „שארפווערטלאך", נאר ער האט אנגעוויזן אויך אויף די פּערזאנען, וואס ביאליק האט זיי אנגעגריפן, דורך זייערע איניציאלן.

ווען ביאליק האט איבערגעלייענט די ווערטלאך, איז ער געווארן שטארק אויפגעבראכט קעגן דער חוצפה פון צ. ק. און גע-זאגט, אז ווען ער וועט אים באגעגענען, וועט ער אים מקים-פּסק זיין מיט זיין שטעקן.

„איר ווייסט — האט דער דיכטער גע׳טענה׳ט — אז אלע מיינע קאלעגן זענען מיר ליב און טייער. דאך ביי זיך אינדערהיים, בחדרי-חדרים, דערלויב איך מיר אמאל א שפּאס טון וועגן זיי. קומט דער — און איז מביש ברבים אין מיין נאמען מיינע קאלעגן".

מיט א שטיקל צייט שפּעטער האב איך אין מיינעם א פּאַלעמישן ארטיקל אין א ארץ-ישראל׳דיקע ציטונג געטאדעלט ק-ן דערפאר, וואס ער האָט פארעפנטלאכט די ווערטלאך. ה׳ ק. האָט דעמאלט געמאלדן, אז ער וועט מיך אנקלאגן אין געריכט פאר באַליידיגונג.

ביאליק האט ביי דער געלעגנהייט געזאגט צו מיר: „אויב ק. וועט אייך אנקלאגן אין געריכט, רופט מיך ארויס פאר אן עדות, וועל איך האבן א געלעגנהייט עפנטלאך צו פּראטעסטירן קעגן ק-׳ס שענדלאכן ארטיקל".

איך פארעפענטלאך איצט דאך די אלע ווערטלאך פון ביאליק׳ן וועגן זיינע קאלעגן, ווייל איצט, נאך זיין טויט, איז דערלויבט צו טון דאס וואס האט ניט געטארט געטון ווערן ביי זיין לעבן.

אויך זיינע אינטימע בריוו, אין וועלכע ער קריטיקירט געוויסע פערזאנען, זאָלן איצט פארעפנטלאכט געווארן, דאך אום ניט מביש צו זיין די פערזאנען דערמאן איך ניט זייערע נעמען.

א איד האט געעפנט א רעסטאראן אין רחוב ביאליק, — די ביאליק גאס. איז ער געקומען צום דיכטער און געבעטן ביי אים אן ערלויבניש צו רופן דעם רעסטאראן אויפ׳ן נאמען פון דיכטער. ביאליק האט ניט איינגעשטימט דערצו. אנשטאט דעם האט ער געראטן דעם רעסטאראטאר צו רופן דעם רעסטאראן: „בית-לחם" אָט צוליב וואס: ענגלישע אריסטאקראטן וועלן באזוכן דעם רעס-טאראן דערפאר, וואס לויט דער קריסטליכער לעגענדע איז יעזוס געבוירן געווארן אין „בית-לחם". אידישע אריסטאקראטן וועלן בא-זוכן דעם רעסטאראן דערפאר, ווייל לויט דער אידישער לעגענדע איז דוד המלך דארט געבוירן געווארן. און סתם אידן, אז זיי וועלן זעהען אז דאס איז א הויז ווי מען באקומט „לחם", וועלן געוויס אהין זיך אריבערכאפן.

ער האט אמאל באזוכט א דירעקטאר פון א גרויסער באנק אין תל-אביב, און געבעטן ביי אים א ביישטייערונג פאר דער „הבימה". דער דירעקטאר האט אים אנגעבאטן א קליינע סומע געלט. ביאליק איז געווארן זעהר אויפגערעגט און געזאגט צום דירעקטאר:

„מיך וואונדערט וואס אזא איד ווי איר וואוינט בכלל אין ארץ ישראל. עס איז דאך א באוואוסטער דין: „אסור לגדל חזירים בארץ-ישראל" — מען טאר ניט האדעווען קיין חזרים אין ארץ-ישראל . . . "

איינע פון די אטריבוטן, סימנים מובהקים פון א פארציייטיס

שטעטל איז געווען דער שטאָט-משוגע'נער. אויך אין דער נײַ-גע-גרינדעטער שטאָט תל-אביב פלעגן ארומגעהן משוגעים אין די גאסן פאר א סך יארן צייט.

ענדלאך האָט אַ וואָלטעטיגע פרוי, מרס. כ. געשאַפן אַ שפּי-טאל פאר גייסטיק-קראנקע, אין תל-אביב.

אזוי ווי פארצייטן פלעגן זיך אידן ווענדן צום רבי'ן וועגן פריוואטע ענינים, ווי אויך וועגן כלל זאכן, אזוי פלעגט מען זיך אין תל-אביב בעראטן מיט ביאליק'ן וועגן אלעם. די פרוי כ. איז בכן געקומען צו ביאליק'ן און האט מיט אים גערעדט זעהר באריכות וועגן דעם שפּיטאל.

ווען די פרוי איז אוועקגעגאנגען, פרעגט פרוי ביאליק ביי אים וועגן וואס די פרוי האט מיט אים אזוי לאנג געשמועסט. ענט-פערט ביאליק: „גאר פשוט, מאניעטשקע, די פרוי עפנט אין תל-אביב א משוגעים-הויז, וויל זי משמעות, מיך האבן פאר דעם ערשטן קאנדידאט” . . .

דער דיכטער און דער המון־עם

זאל זיין ווי אייערער מיין גורל מענטשן שטילע און באשיידענע,

וואס וועבן זייער לעבן אין פארבארגעניש, באשיידן אין גע-
דאנק און מעשים.

ס'איז אייער הארץ אן היכל און די ליפן טויערן פארשלאסענע.

פירשטן זייט איר — און איר ווייסט נישט, פרינצן גייסטיקע —
און קיינער זאגט ניט.

„אומעטום וואו דו געפינסט זיין גרויסקייט, דארט געפינסטו
אויך זיין עניוות". ביאליק איז געווען דער באשיידענסטער מענטש
וואס איך האב ווען באגעגנט צווישן די אידישע „גדולים".

מיינע א באקאנטע, פרוי בערסוצקי פון באלטע, האט מיר
דערציילט: זי האט אמאל באזוכט דאס הויז פון הרב פאליאנ-
קאווסקי, אין אדעס. און ווי איבערראשט איז זי געווארען, ווען זי
האט דארט געטראפן א יונגענמאן וואס איז ארומגעגאנגען איבערן
הויז און אויסגעפייפט א ניגון.

פרוי בערסוצקי וועלכע האט ניט חושד געווען, אז דער
יונגערמאן איז געווען ביאליק, האט מיט דערשטוינונג געפרעגט די
רבי'צין, ווי ס'קומט, אז איר „פריקאשטשיק" (די רבי'צין איז גע-
ווען א קרעמערין) זאל ארומגיין ביי איר אין הויז און סוויסטשען.
די רבי'צין האט אין שפאס איבערגעגעבן ביאליק'ן די פראגע,
און דער דיכטער האט זיך דערויף אפגערופען: „איר דארפט זיך
ניט וואונדערן אויף דער פראגע, ווייל ווער ס'זעהט מיך און קען

מיך ניט, נעמט מיך גיכער אן פאר א „פריקאשטשיק״, ווי פאר א פאעט״.

מיינער א קרוב, וואס וואוינט אין תל-אביב, האט מיר דער-ציילט: ער איז אמאל געפארן ווינטער-צייט מיט זיין פערד און וואגן אין א זייטיקן געסל אין תל-אביב. זענען די רעדער אריין אין א בלאטע, און די פערד האבן זיי ניט געקענט ארויסשלעפן. האבן די פארבייגייער געהאלפן דעם בעל-עגלה ארויסשלעפן דעם וואגן. אזוי ווי ביאליק איז דעמאלט פארבייגעגאנגען אויף דעם פלאץ, האט ער אויך אונטערגעשטעלט זיינע אקסלען און געהאלפן שלעפן דעם וואגן, צו דער גרויסער דערשטוינונג פון בעל-עגלה.

אמאל זיץ איך אין מיין אויפנאם-צימער אין תל-אביב׳ער שטאט-ראט (איך בין דעמאלט געווען א ראטמאן אין עיריה). קלאפט עמיצער אן אין טיר. עפן איך און דערזעה ביאליק׳ן צוזא-מען מיט אן אפגעריסענעם, צושויבערטן יונגן בחור׳ל. בין איך געווען זעהר אנגענעם איבעראשט פון דעם באזוך פון דיכטער. אין דער זעלבער צייט אבער האב איך זיך געוואונדערט אויף דער חברותא צווישן דעם דיכטער און דעם מאדנעם יונגערמאן. ביאליק האט מיר דאן דערקלערט, אז ער איז געקומען צו מיר טאקע אין די אינטערעסן פון זיין באגלייטער.

— עמיצער האט מיר רעקאמענדירט דעם יונגענמאן, האט ביאליק געזאגט, אלס א טאלאנטפולער מאלער. אבער לײדער איז ער זעהר ארים, און דעריבער איז ער ניט אומשטאנד צו שטודירן מאלעריי. אייניקע היגע מאלער האבן מיר צוגעזאגט צו לערנען אים בחינם. אבער אום דער יונגערמאן זאל קענען שטודירן;מוז מען פאר אים שאפן ארבעט, כדי ער זאל האבן פון וואס צו ציען זיין חיונה. איך וועל אייך דעריבער דאנקבאר זיין — האט דער

דיכטער מיך געבעטן — אויב איר וועט זיך באמיהען, אז די עיריה זאל שאפן ארבעט פאר דעם יונגענמאן.

אזוי ווי איך האב צוגעזאגט ביאליק׳ן צו געבן אים א תשובה מיט א פאר טאג שפעטער, בין איך צו דער באשטימטער צייט גע־קומען אין זיין הויז, וואס געפינט זיך לעבן שטאט־ראט, און דארט אויך געטראפן דעם יונגענמאן, וועלכער האט ביאליק׳ן דערציילט, אז ער דארף איצט האבן א גרויסע סומע געלט „אפשר גאנצע 5 פונט", כדי צו באצאלן זיינע חובות און דינגען א צימער פאר זיך.

ביאליק האט געשמייכעלט פון די „באנציע־שוויינ" השגות פון דעם יונגענמאן און געזאגט צו אים. „נו, מילא, אף אזא סומע קענען מיר זיך נאך אן עצה געבן". ער האט דעם יונגענמאן געגעבן די פארלאנגטע שטיצע, באטש זיין אייגענער עקאנאמישער מצב איז דעמאלט געווען ניט גלענצנד, און אים צוגעזאגט שטיצע פאר זיין ווייטערדיקן שטודיום.

די ראטמענער פון תל־אביב׳ער עיריה האבן מיך ערוויילט אלס פארזיצער פון דער קאנטראל קאמיסיע. האב איך אונטערזוכט די חשבונות פון די שטייערן און אויסגעפונען: די רייכע באלע־באטים זענען שולדיק געווען היפשע טויזנטער פונטן, און די עיריה האט ניט געמאנט די שטייערן דורכ׳ן געריכט. דאגעגן די ארימע תושבים, וואס זענען שולדיק געווען קלענערע סומען, האבן גע־מוזט אפצאלן זייערע חובות, ווייל די עיריה פלעגט אפשליסן די וואסער ביי די וואס האבן ניט אפגעצאלט די חובות.

אויך ביאליק איז שולדיק געווען א גרעסערע סומע געלט דער עיריה אין שטייערן, האב איך פארגעשלאגן: „היות ווי מיר פאר־מאגן בלויז איין ביאליק (אחד ואין שני לו), זאל די עיריה אים באפרייען פון צאלן שטייערן. מיין פארשלאג איז ניט אנגענומען געווארן".

אמאל טרעף איך זיך אן מיט ביאליק'ן אין עיריה און זעה, אז ער איז זייער צורודערט. פרעג איך ביי אים: „מה לכהן בבית הקברות?*) וואס טוט איר אין עיריה? דערציילט ער מיר, אז די פקידים, די שטאט-בעאמטע שיקן אים אפטע ידידי-ברייוולאך וועגן זיין שטייער חוב.

„ווי געפעלט עס אייך, שערמאן? — זאגט דער דיכטער צו מיר אין א ברוגז'ן טאן — זיי מאנען ביי מיר שטייערן ניט נאר פאר מיין וואוינונג, נאר אויך פאר די צימערען וואו מיינע שווער און שוויגער וואוינען. איר פארשטעהט? ווען מיר וואלטן געלעבט אין אן אנדער סדר העולם, אין א וועלט פון צדק און יושר, דאן וואלטן מיינע זקנים געווים געקראגן זייער חיונה פון דער געזעל-שאפט. איצט אבער דארף איך אויסהאלטן די זקנים, און די עיריה מאנט נאך ביי מיר שטייערן פאר זייער וואוינונג. איז דאס ריכטיק געהאנדלט?"

איך האב דעם דיכטער בארוהיקט און אים פארזיכערט, אז די עיריה וועט געווים ניט אנגעבן אין געריכט אויף אים פאר זיין שטייער חוב. כך הוה.

צו דעם וויל איך צוגעבן, אז די באציהונגען צווישן די זקנים און דעם דיכטער זענען געווען זעהר אידעאלע. דער דיכטער האט זיי אויסגעהאלטן מיט גרוים כבוד. נאך ביאליק'ס טויט האט זיין שווער אים מספיד געווען בשעת דער קבורה, און געזאגט בערך אזוי: „עס שטעהט אין דער תורה, כבד את אביך ואת אמך — האלט עהרליך דיין פאטער און דיין מוטער, כדי דו זאלסט לאנג לעבן. איך קען עדות זאגן, אז איך און מיין פרוי זענען אויסגע-האלטן געווארן פון ביאליק'ן בכבוד גדול. טא וואו איז די גערעכ-טיקייט? פארוואס האט ער ניט מאריך ימים געווען?" . . .

---

*) צו יענער צייט איז דער פינאנציעלער צושטאנד פון דער עיריה געווען זייער צרהידיק.

דער פּריזירער, ביי וועמען ביאַליק פלעגט זיך ראַזירן, איז אַן אינטעליגענטער איד, וואָס טינטלט אויך פון צייט צו צייט. ביאַליק פלעגט זיך דעריבער באַציהען צו אים מיט באַזונדער אַכ־טונג ווי צו אַ קאָלעגע.

אפטמאָל פלעג איך הערן ווי ביאַליק פרעגט זיך נאָך ביים פּריזירער, צי ער שרייבט לעצטנס נייע זאַכן. דער דיכטער האָט אים אויך געהאָלפן מיט ראָט און טהאָט צו פאַרעפענטלאַכן זיינע אַרטיקלען.

אַמאָל קום איך אַריין צום פּריזירער און טרעף דעם דיכטער זיצן על כסא הפּריזורע. צו יענער צייט האָט מען אין תל־אביב פיל גערעדט וועגן אַ דעמאָנסטראַציע, וואָס די אידישע קאָמוניסטן האָבן דעמאָלט דורכגעפירט אין תל־אביב, וועלכע איז צוטריבן גע־וואָרן מיט גרויס אכזריות פון דער אידישער פּאָליציי.

אויך דער דיכטער האָט געשמועסט מיט׳ן פּריזירער וועגן דער פּאַסירונג, אָבער אויף זיין אייגנאַרטיקן שטייגער. ער האָט דערציילט:

— אין די צייטן פון דער רוסיש־טערקישער קריג זענען אידן, כידוע, געווען צוטיילט אין צוויי פּאַרטייען: אַ טייל אידן זענען געווען פאַר דעם, אַז „פאָניע" זאָל האָבן אַ נצחון און דער פעטער ישמעאל אַ מפּלה; אַנדערע אידן ווידער האָבן מתפּלל געווען, אַז פאָניע גנב זאָל כאַפּן אַ מפּלה און דער טערק זאָל מנצח זיין. ויהי היום, איז אַ מלמד, אַ געגנער פון רוסלאַנד, געקומען אהיים און דערציילט זיין פלונית׳טע, אַז איצט איז ער זיכער, אַז פאַניע חזיר וועט האָבן אַ מפּלה, ווייל ער, דער מלמד, איז איבערגעגאַנגען די סאָלדאַטן מיט ליידיקע עמער.

זאָגט די רבי׳צין צום מלמד: „איך ווייס, אַז דו ווילסט פאָניען דערגעהן די יאָרן, אָבער צו וואָס דאַרף אַזאַ בידנער מלמד ווי דו זיך אַריינמישן צווישן מלכים?"

איך דענק, האט דער דיכטער פארענדיקט, אז די דעמאנסט־ראציע וועט האבן אזא השפעה אויף דער ענגלישער פאליטיק אין ארץ־ישראל, ווי די לידיקע עמער האבן געהאט אף דעם אויסגאנג פון דעם רוסיש־טערקישען קריג . . .

מיר איז אויסגעקומען צו ריידן וועגן דיכטער מיט א חסידישן רבי'ן אין תל־אביב. דער רבי האט מיר געזאגט, אז ער ליינט ביאליק'ן מיט גרוים פארגעניגן. „דער חסרון מיט ביאליק'ן איז בלויז דאס, האט דער רבי געזאגט, וואס ער הויבט אן אלע מאל זעהר גוט, אבער ער ענדיקט ניט לפי רוח התורה".

א איד א זקן, אין תל־אביב, האט מיר דערציילט:

„איך שטאם פון רבנים און לומדים. און אליין בין איך אויך נישט קיין „קטלא־קניא" — כ'האב געלערנט ש"ס, פוסקים, שאלות־תשובות וכדומה, אבער איך בין קיינמאל ניט געווען קיין פאנאטיקער. כ'האב אלעמאל ליב געהאט צו לערנען אויך חכמות חיצוניות, די היינט־וועלטיקע לימודים. נאך אין יענע יארן פלעג איך ליינען דעם „המליץ" און „הצפירה". מיט באזונדער תשוקה האב איך געליינט די ספרים און מאמרים פון חיים זעליג סלא־נימסקי.

ויהי היום, קום איך צופארן קיין זשיטאמיר. דערוויס איך זיך אז סלאנימסקי געפינט זיך דארטן. האב איך זעהר געוואלט זיך באקענען מיט אים, אבער ווי מאכט מען עס? ווייסט איר דאך ווי אונזערע חכמים זאגן — אין לך דבר העומד בפני הרצון, אז מ'וויל עפעס באמת דערגרייכן — דערשלאגט מען זיך דערצו.

הקיצור הדבר, איך האב זיך דערשלאגן צו סלאנימסקי'ן. אדיינקומענדיק אין זיין צימער, אין דער שעהנער אכסניא וואו ער האט זיך אפגעשטעלט, האב איך זיך פאר אים פארגעשטעלט

אַלס אַ „קורא־נכבד”, אַ לײנער און חסיד זײַנער. דערבײַ האָב איך געמאַכט די ברכה, װאָס מען זאָגט, װען מ׳באַגעגנט זיך מיט אַ חכם — ברוך שחלק מחכמתו. - - -

נאָך דעם האָב איך געהאַלטן אַ רעדע פֿאַר אים, אין װעלכער איך האָב אָנגעװיזן, אַז ער (חז״ל) איז ממשיך די אַרבעט װאָס דער רמב״ם האָט געטאָן בשעתו. אױך ער באַקענט אידן מיט חכמת־החשבון, חכמת־התכונה, אַסטראָנאָמיע, און אַנדערע חכמות חיצוניות.

סלאָנימסקי האָט מיר האַרציק געדאַנקט פֿאַר דעם כּבֿוד, װאָס איך האָב אים צוגעטײלט, און פֿאַרבראַכט מיט מיר זעהר פֿרײַנדלאַך אַ היפּשע צײַט.

פֿון ביאַליק׳ן האָב איך אַלעמאָל זעהר פֿיל געהאַלטן. אמת, ניט אַלע זײַנע שירים האָב איך פֿאַרשטאַנען, אָבער פֿון די שירים װאָס איך האָב יאָ פֿאַרשטאַנען, װי „משא נמירוב”, „המתמיד” האָב איך זעהר פֿיל הנאה געהאַט. איך געדענק, װי הײַנט װאָלט דאָס פּאַסירט, װי מיר האָבן בײַ אונז אין בערשאַד אין בית־מדרש געלײענט מיט גרױס התלהבות זײַן שיר „משא נמירוב”, װאָס איז געדרוקט געװען אין „הזמן”, באַלד נאָך דעם פּאָגראָם.

װען ביאַליק האָט זיך באַזעצט אין תּל־אָבֿיבֿ, בין איך, באמונתי, שטאַרק צופֿרידן געװען דערפֿון. איך האָב געהאַט גרױס תּשוקה צו באַקענען זיך מיט אים, אָבער עס איז אַלץ ניט געװען קײן שעת־הכּושר דערצו.

אײנמאָל גײ איך פֿאַרבײַ דעם מגרש, דעם בױ־פּלאַץ פֿון דעם משורר, װען ער האָט געבױט זײַן הױז. האָט מיר מײנער אַ פֿרײַנד, װאָס איז דעמאָלט געגאַנגען מיט מיר צוזאַמען, אָנגעװיזן אױף ביאַליק׳ן, װעלכער איז געשטאַנען אױף דעם בױ־פּלאַץ לעבן די אַרבעטער. גײ איך צו צום משורר און שטעל זיך פֿאַר פֿאַר אים אַלס זײַנער אַ גרױסער חסיד, און דערבײַ האָב איך אױך

געמאכט די דערמאנטע ברכה.

משמעות, אז איך האב אויף אים געמאכט א גוטן רושם. ביאליק האט מיט מיר פארפירט א שמועס וועגן מיין שטעטל בערשאד, וועגן דעם העברעאישן שרייבער מ. י. בערדיטשעווסקי, וועלכער האט געוואוינט אין בערשאד אייניקע יאר, און וועמען איך האב זעהר גוט געקענט. נו, געוויס האב איך שטארק הנאה געהאט פון זיינע שיחות-חולין.

אינמיטן אונזער שמועס איז צוגעקומען אן ארבעטער מיט א טאטשקע זאמד. לאזט ביאליק מיך איבער, און, ניט זאגענדיק מיר אפילו „שאלאם" ווענדעט זיך צום ארבעטער און זאגט: „גיב מיר נאר איבער די טאטשקע, וועל איך דיר ווייזן, אז איך פיר שנעלער זאמד ווי דו". און עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז ער איז באמת געווען מסוגל צו דער פשוט'ער ארבעט.

„איך אבער, האט דער בערשאדער איד פארענדיקט דעם שמועס, האב זיך געפילט זעהר באליידיקט פון דעם, וואס דער משורר האט אפגעהאקט דעם שמועס אינמיטן און זיך אפילו ניט געזעגנט מיט מיר. דערצו האב איך אויך געפילט, אז עס איז א פחיתת-הכבוד פאר דעם משורר צו טון אזא פשוטע ארבעט, וואס ביי אונז אין דר'היים פלעגט איוואן דאס טון. ניט אומזיסט האבן אונזערע חכמים געזאגט — „אויב די פארצייטיקע זענען געווען ווי מלאכים, זיינען מיר ווי מענשן." סלאנימסקי האט זיך אויפגעפירט בכבוד'יק, און ביאליק כאחד הנערים.

משמעות, וויל איך צוגעבן צו דעם, אז אין ביאליק'ן האט זיך דעמאלט דערוועקט דער פארצייטיקער שטיפער, ווי ער שילדערט זיך אין זיין אויטאביאגראפיע: „א אינגל א שטיפער, א צולאזענער יתום, א פוריץ-גדר בטבע" — „די רביים, צו וועלכע ער (דער זיידע) האט מיך אוועקגעגעבן לערנען, האבן זיך צו מיר גענומען מיט א

שטארקער האנט און מיר פארביטערט דאס לעבן. בין איך ארויפ־געקראכן אויף א טעלעגראף־סלופ — שמיץ! האט מען מיך גע־כאפט ווינטער זיך גליטשענדיק — שמיץ! האב איך ארונטערגע־קרעהעט ווי א האָן פון ערגיץ א דאך — חיות ניט זיכער! (ציטירט פון י. י. שווארץ'ס איבערזעצונג).

ה' מרדכי סאבאל, א איד א משכיל און א מעצענאט פון דער העברעאישער ליטעראטור, באשרייבט אין „הארץ" די לעצטע שטונדן, ווען ביאליק איז אפגעפארן פון אדעס קיין ארץ־ישראל:

— מיר (ביאליק און ה' סאבאל, צו לענגערע יאָר) זענען גע־גאנגען צוזאמען אויף דער מאלא־ארנאוטסקי גאס. ביאליק האט מיך איינגעלאדן ארייצוגיין מיט אים צו א פריזירער, וועמען ער האט מיטגעטיילט וועגן זיין נסיעה, אים ארומגענומען און געקושט זיך מיט אים. ווען מיר האבן פארלאזט דעם פריזירער, האט מיר ביאליק געזאגט: „פאר א סך יאָרן ראזיר איך זיך ביי אים. דער פריזירער איז בכלל א וואוילער איד, און ער האט בדעה אויך צו פארן קיין ארץ־ישראל".

— מיר זענען ווייטער געגאנגען. פלוצלינג איז ארוים פון א קויהלן־קעלער א מאן וואס איז געווען איינגעריכט אין קויהלן פון די שפיץ פים ביז'ן קאפ, און האט אויסגעשריגן:

— חיים־נחמן! ווען פארסטו אפ?

— באלד, האט ביאליק געענטפערט.

— וואס־זשע טוט מען? — האט דער קוילן־מאן געזאגט מיט פארדרוס. ווי קען איך גייען צום פארט דיך באגלייטן, אז איך האב ניט אויף וועמען איבערצולאזן דעם קויהלן־סקלאד?

— לאמיר זיך דא געזעגענען, האט דער משורר געזאגט.

— ביאליק איז דעמאלט געפאלן דעם קויהלן־מאן אויפ'ן

האלז, אים ארומגענומען און הארציג זיך צוקושט מיט אים. ווען מיר זענען אוועק פון דעם קויהלן-מאן, איז דעם דיכטער'ס געזיכט געווען איינגאנצן אויסגעשמירט פון קויהלן. ער האט ארויסגענומען געלאסן זיין טיכל פון קעשענע און זיך אפגעווישט דאס פנים. אויפ'ן וועג צו דער שיף האט מיר ביאליק דערציילט, אז דער קויהלן-מאן איז זיינער א חבר, וועלכער האט מיט אים צוזאמען געלערנט אין חדר. אויסערדעם האט דעם בחור'ס פאטער אים, ביאליק'ן, געראַ-טעוועט אמאל פון טויט. דער משורר האט מיר דערציילט ווי דאס האט פאסירט:

„ווען איך בין אלט געווען 9 יאָר, בין איך קראנק געווארן פון אן ענטצינדונג אין רוקנביין. מיין לעבן איז געווען אין א סכנה. דער פאטער פון דעם קויהלן-מאן איז געווען א „רופא". ער האט אויף מיר אויפגעפאסט אין משך פון מיין קראנקייט. אפילו ביינאכט פלעגט דער רופא זיך געפינען לעבן מיר. עס זענען אוועק עטליכע טעג, וואס איך האב לגמרי ניט געגעסן און ניט געטרונקען, און די אויגן מיינע זענען געווען פארשלאסן.

„איינמאל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון שלאף און דער־הערט ווי עמיצער שעפטשעט צו מיר: „חיימ'וני! חיימ'וני!" מיט גרויס שוועריקייט האב איך אויפגעעפנט מיינע אויגן און דערזעהען ווי מיין זיידע שטייט לעבן מיין בעט, אנגעטון אין טלית און קיטל, און זאגט צו מיר:

— חיימ'וני! היינט איז יום כפור. א גאנצן טאג האב איך מתפלל געווען אז דו זאלסט האבן א רפואה שלמה. איך בעט דיך, אז דו זאלסט מיך תמיד פאלגן, זאלסט זיין א גוטער אינגל, וועסטו אם-ירצה-השם געזונד ווערן.

„איך האב געפיהלט, אז מיין געזיכט איז נאס געווארן פון די טרערן, וואס מיין זיידע האט דאמאלט פארגאסן. מיט מיינע לעצטע כחות האב איך אנגענומען מיין זיידן ביים האלז און גע-

שאקלט מיט׳ן קאפּ, צו ווייזן אים אז איך וועל דערפילן זיין וואונש. מיין זיידע האט מיך איבערגעלאזט און איז אוועקגעגאנגען אין שול אריין. דעמאלט איז צו מיר געקומען דער רופא, דער פאטער פון דעם קויהלן-מאן, וועלכער האט אויף מיר אויפגעפאסט ביז מיין זיידע מיט זיין משפחה זענען צוריקגעקומען פון דער שול.״

דער דיכטער איז אמאל געקומען צו א אידן א סוחר וועגן א געשעפטס אנגעלעגנהייט. ביאליק האט גערעדט מיט דעם סוחר אין אידיש. דער סוחר, א העברעאיסט, האט פּראטעסטירט קעגן דעם וואס דער נאציאנאל-העברעאישער דיכטער רעדט אידיש.

ביאליק האט דעמאלט געזאגט צום סוחר: „ענטשולדיקט, איך האב געדענקט אז איר האט קיין צייט ניט, דעריבער האב איך מיט אייך גערעדט אידיש. אויב אבער איר האט צייט, אדרבא, לאמיר רעדן העברעאיש״.

דער דיכטער האט אמאל געהאלטן א לעקציע אין תל-אביב, אין העברעאיש פארשטעהט זיך. נאך דער לעקציע, ווען דער דיכטער האט פארלאזן דעם זאל צוזאמען מיט ראווניצקי׳ן, האבן זיי גערעדט צווישן זיך אין אידיש.

א יונגערמאן א העברעאיסט, וואס איז פארבייגעגאנגען און געהערט ווי דער דיכטער רעדט אין אידיש, האט קעגן דעם פּראטעסטירט. ביאליק האט געענטפערט דעם יונגענמאן אין אן אויפגערעגטן טאן:

„לעזאזל, — צום טייוועל, איך האב זיך פארמאטערט פון דער לאנגער דרשה אין העברעאיש, וויל איך זיך איצט אביסל אפּרוען, לאזן מיך די גדוד׳ניקעס ניט. (די חברים פון „גדוד מגיני השפה״)!״

אין שרייבער פאראיין

די אגודת-הסופרים, דער שרייבער-פאראיין, איז אנגעפירט געווארן פון ביאליקן. ער איז געווען דער ראש-המדברים, דער הויפט רעדנער און אנפירער פון שרייבער פאראיין. אויסער דעם, וואס ער איז געווען דער גייסטרייכסטער צווישן דער שרייבער משפחה, איז ער אויך געווען דער אינטערעסאנטסטער רעדנער צווישן זיי. דער גרעסטער טייל פון די שרייבער אין ארץ-ישראל זענען כבד-פה'ניקעס, שוואכע רעדנער. צום באדויערן ווייסן די שרייבער ניט וועגן דעם, און איניקע פון זיי האבן א שוואכקייט דוקא צו האלטן רעדעס.

וועגן די אויפגאבן פון דער „אגודת הסופרים", שרייבער פאראיין, האט ער געזאגט אין זיין איינלייטונג צו אירער א קאנ-פערענץ:

„דער הויפט ציעל, צו וועלכן די אגודת הסופרים דארף שטרעבן איז ניט צו מאכן פון די שרייבער א סטאדע, אז אלע זאלן טאנצן נאך איין פייפל, און זיך פאשען אונטער איין בייטש פון איין פאסטוך. אין געגנטייל, מיר ווילן און שטרעבן צו א פארמע-רונג, צום גליק פון פיל שפע. יעדער איינער זאל זוכן זיך אליין אין זיין אייגענעם וועג און שאפן לויט דעם, ווי ער איז באשאנקען פון גאט. מיר דארפן זינגען, שפילן יעדער אויף זיין מוזיקאלישן אינ-סטרומענט, אבער אלעם דארף זיך ענדלאך פאראייניקן, פון אלע פרקים דארף ווערן איין מסכתא, און פון אלע מאטיוון איין סימ-פאניע.

„מיר שטרעבן צו ווערן די ערשטע שטימע צווישן דעם אי-

דישן פאָלק. מיר שטרעבן צו דעם, אַז די ליטעראַטור זאָל ווערן דער „אור-החיים" און „יורה-דעה" פון דעם אידישן פאָלק. דאָס אידישע פאָלק דאַרף דערפילן די קראַפט פון דער העברעאישער ליטעראַטור און איר השפּעה אויף דעם אידישן פאָלק".

איך וועל איצט פאַרצייכענען אייניקע אַרויסטרעטונגען פון ביאַליק'ן אין שרייבער-פאַריין:

צום יאָהרצייט פון רוסיש-אידישן שרייבער בן-עמי, וועלכער איז געשטאָרבן אין ארץ-ישראל, האָט די אגודת-הסופרים איינגע-אָרדענט אַן אזכרה-אָוונט אין תל-אביב. ביאַליק איז געווען אַן אינ-טימער פריינד פון בן-עמי'ן, וועלכער האָט פיל געשטיצט מאָראַליש דעם דיכטער בעת ער האָט געמאַכט זיינע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור. זעלבסטפאַרשטענדלאַך אַז ביאַליק איז געקומען צום אזכרה-אָוונט.

מיר איז אויסגעקומען צו זיצן לעבן אים. זעה איך, אַז ביאַליק האַלט זיין הוט אין די הענט. פרעג איך אים: פאַרוואָס ער לעגט ניט אוועק דעם הוט ערגיץ-וואו? צולאַכט ער זיך האַרציק און זאָגט צו מיר: „ווייסט איר דען ניט, אַז איך האָב אַ סך מאָל געהאַט אונאַנגענעמליכקייטן מיט מיין קאַפּעליוש? אָדער איך פאַר-בייט דעם קאַפּעליוש אויף אַן אַנדערן, וואָס קליידט מיר ניט, אָדער איך פאַרגעס אינגאַנצן אים מיטצונעמען".

אין לויף פון אונזער שמועס יענעם אָוונט האָב איך גע-פרעגט ביי ביאַליקן זיין מיינונג וועגן דער דיכטונג פון י. ל. גאָרדאָן. ביאַליק האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז גאָרדאָנ'ס אַ גרוי-סער חסיד.

„וואָס ווייסן די איצטיקע בורים און עמי-הארצים פון גאָרדאָנ'ען? — האָט ביאַליק זיך צוהיצט, — ער איז געווען אַ גרויסער משורר און פילזייטיקער שרייבער, אַן עכטער טאַלאַנט און

ועל כלם א גרויסער קולטור-מענש. ווי קומען די היינטיקע שרייבער צו אים!״

אין זיין רעדע וועגן בן-עמי׳ן האט דער „משורר לאומי״ גע-רעדט מיט גרויס בעגייסטערונג וועגן דעם נפטר אלס איינער פון די זיילן פון דער אידיש-רוסישער ליטעראטור, וועלכער האט געהאט דעם מוט אין יענער צייט, ווען זיינע קאלעגן האבן געפּרעדיקט די אידעען פון אסימילאציע מיט די ארומיקע פעלקער, צו פּראטעס-טירן קעגן דער ענטפרעמדונג און אפּגעזונדערטקייט צווישן דער אידישער אינטעליגענץ און די אידישע מאסן. און געשריבן האט ער דוקא אין „וואסכאד״, דער ארגאן פון די אסימילאטארן.

און ער האט ממשיך געווען:

„בן-עמי האט געשריבן פּובליציסטיק. איך ווייס ניט צי ריכ-טיקע פּובליציסטן וועלן דארטן געפינען אמת׳דיקע פּובליציסטיק. ער האט געשריבן אויך שיינע ליטעראטור, דערציילונגען. אויך בנוגע די דערציילונגען ווייס איך ניט, צי קינסטלער-דערציילער וועלן געפינען אין זיי קונסט. דאך דער וואס האט געלעבט אין דער ליטעראַרישער תקופה פון יענע טעג געדענקט ווי מען פלעגט לייענען, זיך צוהערן צו אלעם וואס ער האט געשריבן, ווי זיינע רייד פלעגן עפענען דאס הארץ פון דעם לייענער אין יעדער צייט און אין יעדער פארם וואס ער האט געשריבן.

„מיר דארפן ניט מגזם זיין זיין ליטעראַרישע באדייטונג. געוויס איז ער ניט געווען קיין דערציילער אפילו ווי לעוואנדע. ער איז ניט געווען קיין פּובליציסט ווי די בעסערע פּובליציסטן אין זיין צייט, ווי ארשאנסקי, ראבינאוויץ, די אנפירער פון דעם רוסישן „ראזסוועט״. עס זענען געווען פּובליציסטן און דערציילער גרעסע-רע פון אים. אבער וואס ער איז באזעסן, זיינען זיינע חברים ניט באזעסן. ער איז געווען „לויטער הארץ״. און „זאכן וואס קומען ארויס פון הארצן, דרינגען אריין אין הארצן״.

„עס איז פאראן א פשוט'ער „בעל-תפלה", א געוויינלאכער „בעל-שחרית" און ס'איז פאראנן א „בעל-מוסף"; געווים איז דער „בעל-מוסף" מער בעגאבט, אבער עס איז פאראן א „בעל-שחרית" וואס איז פול מיט הארציקייט. זיין שטימע איז א ביסל הייזעריק-לאך, דאך ווען ער גייט צו צום עמוד דערוואַרימט ער דעם עולם. אזא מין „בעל-תפלה" איז בן-עמי געווען אין דער רוסישער ליטע-ראטור". (זעה דעם בוך „ח. נ. ביאליק, דברים שבעל פה", 2-טער טייל).

נאך דער הזכרה האט בן-עמי'ס זוהן, וועלכער איז אנוועזענד געווען אויף דער פארזאמלונג, אויסגערעדט ביאליק'ן פאר די קרי-טישע באמערקונגען וועגן זיין פאטער. דערביי האט דער יונגער בן-עמי צוגעגעבן, אז ער האט ניט געליינט זיין פאטער'ס ווערק אין אריגינאל, נאר אין דער העברעאישער איבערזעצונג. ביאליק האט העפליך ערקלערט דעם יונגן בן-עמי'ן, אז עס איז פאראן אן אונטערשיד צווישן אריגינאל און דער איבערזעצונג. דערביי האט ער צוגעגעבן, ווענדענדיק זיך צו מיר: „גיי דערצייל דעם יונגען-מאן וויפיל מי און ארבעט איך האב ארייגעלייגט אין דער איבערזעצונג".

די אגודת-הסופרים האט איינגעארדנט א יובל-אוונט פאר אן אנגעזעהענעם העברעאישן שרייבער. ביאליק האט דעם שרייבער ניט איבריק האלד געהאט. דאך, אלס א געטרייער קאלעגע, איז ער געקומען צום אוונט, ער האט אפילו אנגענומען דעם פארזיץ און אויך געהאלטן די הויפט רעדע. אזוי ווי דער דיכטער האט, ווי גע-זאגט, ניט געהאלטן פון דעם יובילאר, האט ער אין זיינע שבחים צום חתן-היובל א ביסל איבערגעבאפט די מאס . . .

אין אנהויב פון אוונט איז זיין געמיט געווען פארוואלקענט. ער האט גערעדט בכבידות און געווען צו ערנסט. זיין פאטאלע קראנקהייט האט ביסלעכווייז אונטערגעגראבן זיין שטארקן ארגא-

ניזם און אויך געווירקט אויף זיין געמיט. שפּעטער אבער איז ער געקומען צו זיך און זעהר געלונגען אימפּראוויזירט פארשיידענע קאלאמבורן.

דער עולם אין זאל האט געגעסן מאראנצן, וועלכע מען רופט אין ארץ-ישראל תפ"זים (א פארקירצונג פון „תפוחי"-זהב). ביאליק האט זיך געוויצלט און געזאגט, אז זיי זאלן ניט עסן צופיל מא- ראנצן, ווייל „תפ"זת מרובה לא תפ"זת".

איינער א שרייבער האט זיך געהיצט און אנגעוויזן אז די העברעאישע ליטעראטור דארף רעפארמירט ווערן, מען דארף אנ- הויבן יעדן זאץ מיט א גרויסן בוכשטאב, אזוי ווי אין די אייראָ- פּעאישע שפּראכן. ביאליק האט געזאגט, אז ער איז מסכים צו דעם פארשלאג, ווייל אויך דאס ווארט „ויזתא" אין מגילת אסתר הויבט זיך אן מיט א גרויסן בוכשטאב . . .

נאכ'ן אוונט איז דער דיכטער געגאנגען שפּאצירן מיט א טייל קאלעגן צום ברעג ים. ער איז געווען זעהר שטיפעריש גע- שטימט. וועגן דעם יובילאר האט ער געזאגט: „ער זעהט אוים ווי א וועווערקע, א קליין, קליין קעפּעלע, און א לאנגער, לאנגער עק"...

ער האט דאן גערעדט וועגן פארשידענע ליטעראַרישע און געזעלשאפטלאכע פראגן און זיינע קאלעגן, צווישן וועלכע עס האבן זיך געפונען אזעלכע, וואס האבן געהאט אנדערע מיינונגען איבער די ענינים וואס ער האט באשפּראכן אין דעם שמועס, האבן דאך ניט געוואגט צו באשטרייטן זיינע מיינונגען. זיי זענען געווען צו נאכגעבנדיק און הכנעה'דיק צו אים . . .

צו יענער צייט האט זשאבאטינסקי פארעפנטלאכט אין דער פאריזער צייטונג „פאסליעדניא נאוואסטי" אן אויסגעצייכנטן אר- טיקל וועגן ביאליק'ן. אין די ליטעראַרישע קרייזן האט מען זיך גע- וואונדערט, ווי קומט עס, אז זשאבאטינסקי זאל שרייבן אן הלל-

ארטיקל וועגן ביאליק'ן, בעת מיט א פּאר יאָר פריער האט ער אנ-גערופן ביאליק'ן „דער געוועזענער פּאעט".

מיר האט זיך געוואָלט וויסן די מיינונג פון דיכטער וועגן דעם. פרעג איך ביים דיכטער, צי ער האט געליינט דאס ארטיקל. ענטפערט ער מיר, אז עמיצער האט אים געבראכט דאס ארטיקל, און אז עס איז טרעפלאך גוט. „ווער קען זיך ביי אונז פארמעסטן מיט זשאבאטינסקי'ן אין שרייבן? ער איז אויסערגעוויינלאך בע-גאבט". און מיט גרוים בעגייסטערונג האט דער דיכטער דערציילט:

„ווען מיר זענען נאך געווען יונגעלייט און געוואוינט צו-זאמען אין אדעס, קומט זשאבאטינסקי צו מיר און זאגט, אז ער האט בדעה איבערצוזעצן אין העברעאיש די פּאעמע „די רעיווען" פון עדגאר עלען פּאו, אבער ער צווייפלט, צי זיינע ידיעות אין העברעאיש זענען גענוג פאר אזא אחריות'דיקע ארבעט. זאג איך צו אים: „מילא, נעם זיך טון די ארבעט און איך וועל דיר ארויס-העלפן". קומט זשאבאטינסקי שפּעטער צו מיר און ברענגט אן עמוד פון דער איבערזעצונג. האב איך געמאכט א פּאר אויסבעסערונגען אין העברעאיש. דער צווייטער עמוד פון דער איבערזעצונג איז גע-ווען פיל בעסער. דערנאך אבער איז ניט געווען וואס אויסצובעסערן. זשאבאטינסקי מיט זיינע קנאפּע ידיעות אין העברעאיש האט אויס-געצייכנט איבערזעצט די פּאעמע.

„אייגנטלאך, האט ביאליק פארטגעזעצט, איז דאך זשאבא-טינסקי ניט קיין ליטעראטור קריטיקער, אבער ער האט זעהר א פיי-נעם חוש פאר ליטעראטור. דעריבער זענען אויך זיינע איבערזע-צונגען אויסגעצייכנטע איבערדיכטונגען".

איך האב גשפּירט, אז נאך די פילע שבחים אויף זשאבא-טינסקי'ס חשבון וועט ביאליק אים צום שלום אטאקירן. כך הוה. ער האט פארענדיגט זיינע לויב-געזאנגען מיט א שארפער קריטיק קעגן זשאבאטינסקי'ס ציוניסטישע טעטיקייט, וועלכע ברענגט אונז

פיל שאדן.

דער 50-יעהריקער יובל פון ה' פישעל ליאכאווער, אן אנגע-זעהענער היסטאריקער און קריטיקער פון דער העברעאישער ליטע-ראטור. די אגודת הסופרים פייערט דעם יובל אין איר לאקאל אין „אוהל שם".

געוויינטלאך פלעגט ביי אזעלכע אונטערנעמונגען ביאליק זיין דער פארזיצער און איינלייטער. דאס מאל איז ביאליק ניט געווען פארזיצער. די רעדנער זיינען מערסטנס געווען ליטערא-טור-קריטיקער, אדער שרייבער נאהענטע צו ליאכאווער'ס געביט, וואס זענען בעהאוועגט אין דער אייראפעאישער ליטעראטור-קרי-טיק. דאך זענען די רעדעס געווען קאלטע, טריקענע און ניט אינ-ספירירנדע.

דער לעצטער רעדנער איז געווען ביאליק, און זיין רעדע האט געשאפן די געהעריקע שטימונג. ער איז ניט געווען קיין גרויסער קענער פון דער אייראפעאישער ליטעראטור קריטיק, האט ניט גע-שעפט פון פרעמדע קוואלן, נאר פון די אלטע אידישע מעינות החכמה, פון ר' עקיבא'ן, ר' מאיר'ן און אנדערע קדמונים. זיינע רעיונות זענען געווען איינגעפלאכטן און איינגעוועבט אין דער אל-טער אידישער קולטור, וועלכע ער האט איבערגעארבעט און אי-בערגעשפונען אויף זיין אייגנארטיקן און אריגינעלן אופן.

אין זיין רעדע האט ביאליק אנגעוויזן, אז ביז דער לעצטער צייט זענען אין דער נייער העברעאישער ליטעראטור געשריבן גע-ווארן בלויז ביכלעך און ניט קיין ספרים, מיט דער אויסנאמע פון „דור דור ודורשיו" און דער „מורה נבוכי הזמן". אפילו אחד-העם האט ניט געשריבן קיין בוך, נאר באזונדערע ארטיקלען, וועלכע זענען געזאמלט געווארן אין א בוך. די לעזער האבן דעריבער ניט

געהאט קיין באזונדערע אכטונג צו דער „ביכלאך" ליטעראטור. בלויז אין דער לעצטער צייט איז אנגעשריבן געווארן א ספר פון יחזקאל קויפמאן „גולה ונכר" (וועגן דעם בוך האט ביאליק גע- זאגט: „דאס איז דאס בוך פון אונזער דור"), און אויך ליאכאווער האט איצט פארעפנטלאכט א וויכטיקן בוך.

ער האט געלויבט דעם בוך פון ליאכאווער'ן וועגן דער גע- שיכטע פון דער העברעאישער ליטעראטור און אים געוואונשן, אז ער זאל אנשרייבן די געשיכטע פון דער העברעאישער ליטעראטור אין אלע אירע תקופות.

אין זיין שלום-ווארט האט ליאכאווער געזאגט: „מען דער- ציילט: ר' עקיבא איגער האט אמאל געשריבן א בריוול צו א שום- טער, אין וועלכן ער האט געבעטן ביי אים, אז ער זאל פארריכטן זיינע שיך. ר' עקיבא איגער האט דערביי אדרעסירט דעם שוסטער „כבוד הרב הגאון". דער שוסטער איז דאמאלט געקומען צו ר' עקיבא'ן און אים געפרעגט, פארוואס ער האט חוזק געמאכט פון אן ארימען שוסטער און אים גערופן „הרב הגאון".

ר' עקיבא איגער, דער גרויסער עניו, האט געענטפערט דעם שוסטער: „היינטיקע יארן איז מען זיך נוהג, אז אין בריוו רופט מען „הרב הגאון" דעם, וועמען דער בריוו ווערט געשיקט. והראיה, מען ווענדעט זיך צו מיר מיט אזא טיטל, דעריבער האב איך אויך דיך גערופן „הרב הגאון" . . .

„אויך ביאליק שלאגט מיר פאר, האט ליאכאווער געזאגט, צו טאן אזא גרויסע ארבעט צו וועלכער בלויז ער אליין איז מסוגל" . . .

ביאליק׳ס באציהונג צום ציוניזם

דער גרעסטער טייל פון די העברעאישע שרייבער איז, ווי באוואוסט, באקערט צום ציוניזם. דאך באנוגענען זיך א סך פון זיי בלויז מיט זייערע סימפּאַטיעס און ניט מער. אנדערש איז גע-ווען ביאליק׳ס באציהונג צום ציוניזם. ער האט מיטגעהאלפן בפועל ממש דער ציוניסטישער באוועגונג. ער האט זיך באטייליקט אין פילע ציוניסטישע קאנגרעסן און אין אנדערע ציוניסטישע טעטי-קייטן, כאטש ער האט געהאט פיל אויסצוזעצן קעגן די ציוניסטישע מנהיגים.

זיין הויפּט קריטיק קעגן די ציוניסטישע מנהיגים איז בא-שטאנען אין דעם, וואס זיי אינטערעסירן זיך ניט מיט דער אידי-שער קולטור, מיט דער פארשפּרייטונג און אונטערשטיצונג פון דעם העברעאישן בוך, מיט דער העברעאישער דערציהונג וכדומה.

אין א רעדע וואס ביאליק האט געהאלטן ביים צוזאמענפאר פון די העברעאישע שרייבער אין תל-אביב, האט ער מיט צער און צארן גערעדט וועגן דער ירידה פון דער העברעאישער ליטעראטור, וועלכע האט פארלארן איר השפּעה אין גלות און איז אנגעוויזן בלויז אויף דעם קליינעם קיבוץ אין ארץ-ישראל. ער האט קריטי-קירט די ציוניסטישע מנהיגים, וועלכע קימערן זיך ניט פאר דעם גורל פון דער העברעאישער ליטעראטור דערפאר „וואס דער רוב פון זיי זענען מענשן, וואס פילען ניט די וועהען פון דער העברעאי-שער קולטור, מענשן, וואס זענען אנגעזעטיקט מיט פרעמדע אי-דעען, און האבן ניט קיין אידישע קולטורעלע בארערפעניש. דער זאטער גלויבט ניט דעם הונגעריקן״.

„צו אונזערע פירער וויל איך דא זאגן — אפשר וועט די שטימע זיי דערגרייכן. איך האב ניט לאנג געהערט אן אנעקדאט, אפשר זעהר אן אלטן. דער אנעקדאט איז געשאפן געווארן אין דער תקופה פון דער וועלט-מלחמה און אינפלאציע, ווען סוחרים האבן געהאנדלט מיט פארשידענע זאכן, און איין סחורה פלעגט אי-בערגיין מיד-ליד פילע מאל. און אפטמאל פלעגט די סחורה זיך צוריקקערן צום ערשטן אייגענטימער.

„האט פאסירט א געשיכטע מיט א קאסטן ליכט, אדער מיט א גאנצן וואגאן ליכט, מיט וועלכן מען האט געטון מקח-וממכר און פארדינט דערביי א סך מיליאנען. נאך א היבשער צייט און פילע גלגולים, ווען דער וואגאן ליכט איז אנגעקומען אין אנדערע הענט, וואס האבן די סחורה געהאלטן פאר אן אבן-טוב און דערוואַרטעט גרויסע רווחים פון איר, האט מען אויפגעעפנט די קאסטנס און גע-פונען, אז אלע ליכט זענען אהן קנויטן . . .

„אזוי וועט אויך פאסירן מיט אונזערע סוחרים פון אידעאלן און הויכע ווערטער. שוין א סך יאָרן צייט איז ביי מיר פאראן א חשד, אז אין לעצטן טאג, אין דעם לעצטן מאמענט וועט מען אויס-געפינען, אז אין די ליכט וואס מען וויל אנצינדן זענען ניטא קיין קנויטן, ווייל די קנויטן זענען דאך סוף-כל-סוף די העברעאישע ליטעראטור און דאס הייליקע פייער, וואס דער העברעאישער שריי-בער טראגט אין אלע ווינקלען און לענדער, וואו אידן געפינען זיך. אהן אים וועט אלעס אויסגעלאשן ווערן, און אונזער גאנצע טע-טיקייט וועט קיין תקומה ניט האבן".

אין א רעדע, וואס ביאליק האט געהאלטן אין אויסלאנד, האט ער אויסגעדריקט זיין מיינונג וועגן די באציהונגען צווישן די אידן אין ארץ-ישראל און די אראבער. ער האט געזאגט:

„מיר אידן האבן ניט קיין זייטיקע פניות, מיר דערציילן ניט

קיין מעשיות וועגן קולטור--טרעגערייַ פאר אנדערע. ניין און ניין! מיר דערקלערן בפירוש, אז אלץ וואס מיר טוען דא איז בלויז פאר אונז אליין, פאר אונזער גאולה. אבער אויב, דרך-אגב, וועט אונזער טעטיקייט זיין א ברכה אויך פאר אנדערע, אדרבא, זאלן זיי הנאה האבן און געניסן פון אלדאס גוטס.

„לעת-עתה איז פאראן אין ארץ-ישראל גענוג פלאץ פארביידען. מיר ווילן ניט ארויסשטויסן די אראבער פון לאנד. מיר ווילן ניט פארטרייבן זיי אין דער מדבר, אזוי ווי אברהם אבינו האט געטון בשעתו צו זיין זוהן ישמעאל. אדרבא, זאלן זיי וואוינען אין לאנד און זיך איינוואָרצלען אין איר. אבער ישמעאל האט זיך צוריקגעקערט פון דער מדבר, איז געקומען אין לאנד אריין און מיטגעבראכט דעם מדבר מיט זיך. און מיר קומען און פערטרייבן די מדבר און פערוואנדלען עס אין א לאנד פון קאלאניזאציע און קולטור פאר אלע וואס בויען עס".

וועגן די סכסוכים און רייבונגען אין ארץ-ישראל צווישן דער ענגלישער מאכט און דעם אידישן ישוב, האט ביאליק געזאגט אין דער דערמאנטער רעדע: „אמאל האט די ענגלישע רעגירונג פארעפנטלאכט א ווייסן-בוך, צו דערקלערן די באלפור-דעקלארא-ציע, און פון יענעם טאג אן פארעפנטלאכט זי אלע מאל פארשיי-דענע פירושים. דאס דערמאנט מיך די תקופה פון מיין יוגנט, ווען איך פלעג זיצן ביים רבי'ן און לערנען א בלאט גמרא".

„עס זענען פאראן פארשיידענע בלעטער אין דער גמרא. עס זענען דא בלעטער וואו דער פנים, דער טעקסט, פארנעמט מער פלאץ פון די מפרשים. פון אזא מין בלאט גמרא האבן מיר הנאה געהאט. אז ס'זענען פאראן ווינציק פירושים איז א סימן, אז דער פנים איז לייכט צום פארשטעהען".

„אמאל אבער זענען פאראן בלעטער גמרא מיט ווינציק

טעקסט, בלויז אייניקע שורות, און די פירושים — זאָל גאָט אויס-היטן — בייכיקע, וואס הויערן ווי שווארצע וואָלקנס ארום. אזא בלאט גמרא פלעגט ארויפוואַרפן א פחד אויף די תלמידים: געוויס איז ניט אלץ כשורה״ . . .

„אויך די איבערטריבענע פירושים פון דער ענגלישער רע-גירונג אויף דעם קליינעם טעקסט פון דער באַלפור דעקלאַראַציע שרעקן אפּ פילע פון אונז, פילן אונז אן מיט שרעק, טאמער וועלן די פירושים חס-ושלום אויפעסן דעם טעקסט! איך פערזענלאך האָב קיינמאָל ניט מורא געהאט פאר די בייכיקע פירושים אין דער גמרא, און איך האב אויך קיין מורא ניט פאר די לאַנגע פירושים פון ענגלאַנד . . .

„לאָיד דזשארדזש און זיינע חברים זיינען געקומען צום ציוניזם אפשר אויס „קליינע חשבונות״ פון סועץ-קאַנאַל וכדומה. אבער דזשאָרדזש עליאָט און אירע פאַרגייער און נאכפאָלגער — זיי זענען געוועזן די שלוחים פון דעם „גרויסן חשבון״, שלוחים פון דער געשיכטע, און די ענגלאַנד פון די „גרויסע חשבונות״ באַהעפט זיך צו דער אידישער גאולה — און די דעקלאַראַציע איז דער „לבוש״ צו דער באַהעפטונג.״

אמאָל האָב איך געשמועסט מיט ביאַליק׳ן וועגן דעם באַ-וואוסטן גענעראַל סטאָרס, דער געוועזענער גובערנאַטאָר פון ירושלים, א טיפּיש-ענגלישער קאָלאָניאַלער דיפּלאָמאַט פון דער לאָורענס שולע. דער גענעראַל איז געווען א העכסט געבילדעטער און קולטורעלער מענש, און דערצו אויך אן אוואַנטוריסט און יע-זואיט. אידן האָבן פון אים ניט געהאַלטן, כאָטש ער פלעגט זיך חנפ׳ענען צו זיי.

דער גענעראַל האָט אייניקע מאָל באַזוכט אחד-העם׳ען, ווע-מען ער האָט האָלד געהאַט. אחד-העם און דער גענעראַל האָבן אויך

קאָרעספּאָנדירט צווישן זיך אין ענגליש.

ביאַליק האָט מיר דערציילט, אַז סטאָרס האָט אים באַזוכט אין זיין הויז. אַלס אַ באַזונדער צייכן פון פריינדשאַפט צום דיכטער האָט דער גענעראַל פאַרגעלעזן פאַר אים זיין ליד „הכניסיני" אין העברעאיש (דער גענעראַל האָט אין ארץ-ישראל שטודירט העב-רעאיש). סטאָרס האָט איייניקע מאָל איינגעלאַדן ביאַליק'ן צו באַ-זוכן אים אין ירושלים. ביאַליק אָבער האָט אים קיינמאָל ניט באַ-זוכט.

איך האָב דעם דיכטער דאַן באַמערקט, אַז לויט מיין מיינונג, האָט ער ניט געהאַנדעלט דזשענטעלמעניש לגבי סטאָרס'ן, ווייל ער האָט געדאַרפט נעמען אין אַכט, אַז דער גורל פון דעם אידישן ישוב אין ארץ-ישראל ליגט אין די הענט פון די ענגלענדער און מיר מוזן דעריבער אָנהאַלטן פריינדלאַכע באַציהונגן מיט זיי.

ביאַליק האָט איינגעשטימט מיט מיר, אַז ער האָט ניט ריכ-טיק געהאַנדלט לגבי סטאָרס'ן. „משמעות, האָט ביאַליק געזאָגט, אַז מיר, רוסישע אידן, האָבן זיך נאָך אַלץ ניט באַפרייט פון דעם געפיהל פון שנאה, מיט וועלכן מיר פלעגן זיך באַציהען צום רו-סישן „פּריסטאַוו".

ביי דער געלעגנהייט האָט ער אויך געשמועסט מיט מיר וועגן דער ענגלישער דיפּלאָמאַטיע אין אַלגעמיין. „איייניקע דענקען, האָט דער דיכטער געזאָגט, אַז די ענגלענדער זענען די פעהיקסטע און בעסטע דיפּלאָמאַטן און מיר אידן די ערגסטע, און דעריבער קומען פאָר סכסוכים צווישן אונז און זיי. איך אַליין בין ניט קיין גרויסער בקי אין הלכות דיפּלאָמאַטיע, און דעריבער ווייס איך ניט, צי די הנחה איז אַ ריכטיקע.

„קומט צוגיין זשאַבאָטינסקי און זאָגט, אַז די ענגלישע דיפּ-לאָמאַטיע איז ניט תמיד אויסגעהאַלטן און אָפטמאָל אומגעלום-

פערט. טיילמאל פאסירט, אז די פאליטיק פון קאלאניאל מיניסטע־ריום אין לאנדאן און די פון די קאלאניאל בעאמטע אויפ׳ן ארט זענען פארשיידן. אויך לגבי ארץ־ישראל ווערט דאס קאלאניאל מי־ניסטעריום געשטערט אין זיין טעטיקייט מצד די ענגלישע בעאמטע אין אינדיע, וואס זענען פארבונדן מיט די דארטיקע מוסולמאנער.

„און נאך די אלע גערעכטע טענות, וואס מיר האבן קעגן זשאבאטינסקי׳ן, מוז מען אנערקענען, אז אין פאליטישע פראגן איז ער מער קאמפעטענט פון אנדערע ציוניסטישע מנהיגים״.

אין אוונט האבן מיר געהאט א זיצונג אין דער עיריה (שטאָט־ראט). די זיצונג האט געזאלט זיין א קורצע. דאך האט זי זיך פארצויגן ביז נאך חצות. די ארבעטער האבן דעמאלט געהאט א מערהייט אין דער עיריה, האט די אפאזיציע פון די בירגערלאכע עלעמענטן געשטערט זיי דורכצופירן זייערע פלענער.

דער פארזיצער א איד א חלוש, וואס פלעגט אפטמאל שפייען מיט בלוט, בפועל־ממש, נאך די זיצונגען, האט אומזיסט זיך בא־מיהט מיט זיינע לעצטע שוואכע כוחות צו בארוהיקן די געמיטער.

פלוצלינג הויבט אחד־העם ז״ל (ער איז דעמאלט געווען א חבר אין עיריה) אויף די האנט אלס צייכן, אז ער בעט א ווארט. די קריגעריי איז באלד אפגעשטעלט געווארן. אלע האבן דערוואַרט, אז אחד־העם וועט אויסגלייכן דעם סכסוך. ווי ענטוישט אבער זע־נען מיר געווארן, ווען אחד־העם האט אנגעוויזן דעם לעצטן רעד־נער, אז ער איז ניט קיין בעל מדקדק, אז ער האט געמאכט גראמא־טיקאלישע טעותים אין העברעאיש. דער עולם האט זיך אויף א ווײַלע צולאכט און נאכדעם ווידער פארטגעזעצט די קריגעריי.

כדי דער טראגי־קאמישער אינצידענט זאל פארשטאנען ווערן ווי געהעריק, וויל איך צוגיבן פאלגענדע באמערקונג:

שפּעט ביינאַכט בין איך אהיימגעגאַנגען מיט א שווער גע-מיט. איך האָב געטראַכט: „מי יודע, צי אונזער אַרבעט וועט גע-קרוינט ווערן מיט דערפאָלג, צי אונז וועט זיך איינגעבן צו ערוועררבן אונזער היימלאַנד. בני קורח לא מתו, אויך איצט רייסן זיך אידן אַרום צווישן זיך, קענען צו קיין טאָלק ניט קומען און דער דריטער צד, דער ענגלענדער, מישט זיך אריין און טוט וואָס אים לוינט זיך.

אויפ'ן וועג אהיים, שפּרייזענדיק איבער דער ביאַליק גאַס, האָב איך געזעהן פון וויטנס ווי דער דיכטער דערנעהענטערט זיך צו מיר. געוויינלאַך פלעג איך אים זעהן אין גאַס א ביסל איינגע-בויגן, אַנגעשפּאַרט אויף זיין באַוואוסטן גראָבן שטעקן, מיט וועל-כען ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשיידט. דאָס-מאָל אָבער האָב איך אים געזעהן גייען בקומה זקופה, א שיינענדיקער און א פריילאַכער.

ער האָט מיך פריינדלאַך באַגריסט און געפרעגט פון וואַנען

אחד-העם איז אין זיינע לעצטע יאָרן אין ארץ-ישראל געווען, צו אונזער גרויסן באַדויערן, א קראַנקער און צובראַכענער מענש, אַן אינוואַליד. ער האָט ווינציק וואָס בייגעטראָגן צו דער טעטיקייט פון דער עיריה. בלויז איינמאָל, אויף וויפיל איך געדענק, האָט ער זיך באַטייליקט אין א וויכטיקער דעבאַטע. עס האָט זיך דאַן גע-האַנדלט וועגן א זעהר טרויעריקער פּאַסירונג: די אַראַבער האָבן מיט א פּאָר טעג פריער, ביינאַכט, אויפן וועג קיין פּתח-תקוה באַ-פאַלן א אידישן דיכטער, אים מערדערליך געשלאָגן און אויך צו-קאַליעטשעט געשלעכטלאַך. אידן האָבן זיך געפיהלט זעהר באַליי-דיקט און באַשימפּפט פון דעם באַרבאַרישן איזדעקעווען זיך פון די אַראַבער אויף די „מאַסקאַבעס", אידישע עולים. מיט א פּאָר טעג שפּעטער האָט מען אויף דעם זעלבן פּלאַץ געפונען א דער-מאָרדעטן אַראַבער, וועלכער איז אויך געווען צוקאַליעטשעט אויף יענעם אופן . . .

א איד געהט אזוי שפּעט ביינאכט. באגלייטנדיק אים אהיים האב איך אים דערציילט, אז איך געה פון דער עיריה און געשילדערט מיט גרויס פארדרוס די קריגערייען, וואס קומען דארטן פאר. ביא-ליק האט מיך גענומען אונטערן ארעם און געזאגט צו מיר אין א פייערלאכער שטימונג: „מילא, איז וואס? נעמט זיך ניט צום הארצן די רייסערייען! אידן קריגן זיך אבער זיי וועלן קומען צו עמק-השוה, זיי וועלן אויסגלייכן די סכסוכים צווישן זיך.

„היינט איז ביי מיר געווען א גרויסער יום טוב, האט דער משורר פייערלאך פארטגעזעצט, איך האב געליינט אין די צייטונ-גען, אז די מיטגלידער פון דער ארבעטער פארטיי אין ענגלישן פארלאמענט, וועלכע האבן באזוכט די אידישע משקים (ווירט-שאפטן) זענען ענטציקט פון אונזער גרויסן אויפטו און דערפאלג אין לאנד. און ס'איז קיין וואונדער ניט. מען קען דאך ניט דער-ווארטן, אז זיי זאלן ענטציקט ווערן פון דער אראבישער פרימיטי-ווער ווירטשאפט, פון זייערע „חושעס", כאטעס פון בלעך אדער ערד, פון דעם נידריגן קולטורעלן מצב, אויף וועלכן זיי געפינען זיך.

אין שטאַט-ראט האט מען וועגן דעם אינצידענט דיסקוטירט. אייניקע פארשטעהער האבן פארטיידיקט די טאט דערפאר, וואס מיט בארבארן מוז מען האנדלען מידה כנגד מידה, ווייזן זיי א געפאנצערטן פויסט. אחד-העם איז דאן ארויסגעטראטן מיט א קור-צער רעדע, אין וועלכער ער האט געזאגט בערך, אז די אידישע מאראל פארבאט בלוטפארגיסונג אונטער אלע אומשטענדן. ניט דערפאר זענען מיר געקומען קיין ארץ ישראל, כדי מיר זאלן פאר-גרעבט און פארווילדעוועט ווערן ווי די ישמעאלים. ער האט דער-ביי דערמאנט די ווערטער פון יענעם תנא וואס האט געזאגט: אויב דאס איז דער משיח איז „ייתי ולא אחמיני," זאל ער קומען און איך זאל אים ניט זעהען. זיין רעדע האט דאן געמאכט אן אונגע-הייערן רושם אויף די צוהערער.

„גלויבט מיר, שערמאן, אז מיר וועלן האבן א האלבן מיליאן אידן דא, וועט אונזער לאגע לגמרי אנדערש זיין. אי די אראבער, אי די ענגלענדער וועלן האבן מער דרך-ארץ פאר אונז. און דאס וועט זיין במהרה בימינו."

מיר האבן זיך געזעגנט. די טרויער וואלקנס זענען פאר-שוואונדן פון מיין האריזאנט. איך בין אנגעשטעקט געווארן מיט זיין פרעהלאכער און פייערלאכער שטימונג.

ווען איך האב זיך צוריקגעקערט צו מיין „צריף" — צו׳ם הילצערנעם באראק וועלכער איז געשטאנען אין עק שטאט ניט ווייט פון די אראבישע „חושעס", האט מען מיר אנגעזאגט, אז איך דארף געהן אויף שמירה, וועכטעווען, כדי צו פארהיטן אונזער קווארטאל פון א פלוצימדיקן בײנאכטיקן איבערפאל פון די ארא-בער . . .

די לינקע פועלי-ציון זענען א ווילדפלאנץ אין ארץ ישראל. זייער פראגראם איז שעטנז, א געוועב פון אינטערנאציאנאליזם, קא-מוניזם, אידישיזם און ציוניזם, וועלכע פאראייניקן זיך ניט אין לעבן, נישט געקוקט אויף די טיפזיניקע חקירות און פלפולים פון זייערע טעארעטיקער. זיי זענען ניט באליבט אין ארץ-ישראל, אפילו ניט אין די ארבעטער קרייזן, א פשיטא שוין צווישן די ביר-גערלאכע קרייזן.

מיט עטלאכע יאר צוריק האבן די לינקע פועלי-ציון איינגע-ארדנט אין זייער קלוב (אן עכט פראלעטארישער קלוב, אין א קע-לער אויף אלענבי גאס) א פורים׳דיקן מאסקן-באל. אין דעם באל האט זיך אויך באטייליקט דער איינציקער אראבער, דער בן-יחיד, וועלכער האט רעפרעזענטירט דעם אראבישן פראלעטאריאט אין די רייהען פון דער אינטערנאציאנאלער, טל-ומטר׳דיקער פארטיי.

אזוי ווי די אידישע חברים האבן ניט געקענט רעדן קיין

אראביש און דער בן-יחיד, דער אראבער האט געקענט רעדן העב-רעאיש, פלעגט ער אין העברעאיש מיטהעלפן די פועלי-ציון אין זייער אגיטאציע פאר אידיש אין ארץ-ישראל . . .

און ווי איבעראשט זענען מיר געווארן (צו יענער צייט האב איך געהערט צו די לינקע פועלי-ציון), ווען מיר האבן דערזעהן ביי אונז אין קלוב ביאליק׳ן וועלכער איז געקומען אויף א באזוך צו אונז (דוכט מיר, אז אין דער באגלייטונג פון דעם שרייבער עגנון). דער דיכטער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א צובראכענער פראלעטארישער באנק און זיך צוגעקוקט צום מאסקן-באל.

איינער פון אונזערע חברים, וועלכער האט געוואלט דע-מאנסטרירן פאר׳ן דיכטער אונזער אינטערנאציאנאליזם, איז גע-פאלן אויף אזא המצאה: ער האט פארגעשלאגן דעם אראבישן חבר, אז ער זאל באגריסן דעם דיכטער אין העברעאיש, אין נאמען פון די אראבישע און אידישע ארבעטער. דערביי האט ער אויך געזאגט דעם אראבער אין קורצן דעם אינהאלט פון דער רעדע, וואס ער האט בעדארפט האלטן.

האט אבער דער אראבער צומישט די יוצרות. אין זיין רעדע האט ער באגריסט ביאליק׳ן אלס דעם פריינד און קעמפער פאר דער פרייהייט פון די אידישע און אראבישע ארבעטער. דער דיכטער האט פארשטאנען, אז דער רעדנער איז אריינגעפאלן ווי א יון אין סוכה, אבער אוים העפליכקייט האט ער ניט געמאכט קיין שום בא-מערקונג צום רעדנער.

מיט א פאר טעג שפעטער געה איך פארביי דעם דיכטער׳ס הויז און טרעף אים שטייען ביי דער פירטקע פון גארטן. באגריסן מיר זיך און נאך איידער איך האב באוויזן צו פרעגן ביי אים וועגן דעם איינדרוק, וואס דער פראלעטארישער באל האט אויף אים גע-מאכט, האט דער דיכטער, בליצנדיק אויף מיר מיט זיינע קלוגע העל-בלויע אויגן, זיך צו מיר געווענדעט מיט א פראגע:

„זאגט נאר, שערמאן, אט-א-דער פארמאסקירטער אראבער, וואס האט מיך באגריסט איז טאקי באמת אן אראבער, אדער א איד וואס האט זיך פארשטעלט פאר אן אראבער, כדי מיך מבלבל צו זיין?"

כאראקטעריסטיש איז אז דיזעלבע פועלי-ציון, וואס האבן זיך דאן גע'חנפ'ט צו ביאליק'ן, האבן מיט עטלאכע יאר שפעטער דעמאנסטראטיוו פארלאזן די זיצונג פון דער הסתדרות, אויף וועל-כער עס איז געפייערט געווארן ביאליק'ס יובליי . . .

שיחות - חולין

אין דעם אידיש-קינסטלעריש אויסגעשטאטעטען הויז פון מיין פריינד דר. יהודה קויפמאן, אין תל-אביב, פלעגן קומן פילע באזוכער פון די העכסטע אינטעלעקטועלן אין לאנד — חסידים פון מארקס'ן אין ארבעטער בלוזעס, חסידים פון בע"שט און הגד"א אין יארמאלקעס און ארבע-כנפות'ן, פראפעסארען, ליטע-ראטן, ארטיסטן, וכדומה.

ביאליק פלעגט אפטמאל באזוכן די הויז, ווייל ער האט זעהר האלד געהאט קויפמאנ'ען. אמאל האט דער דיכטער געזאגט קויפ-מאנ'ען: „איך וואלט א בעלן געווען צו הערן פון אייך א ניט גע-לונגענע רעדע. ביז איצט האט דאס מיט אייך ניט פאסירט."

ביי קויפמאנ'ען אין הויז האב איך אסך מאל זיך באגעגנט מיט ביאליק'ן. איך וועל דא ברענגען די שמועסן פון דעם דיכטער אין קויפמאנ'ס הויז, וועלכע זענען ביי מיר פארבליבן אין זכרון:

מוצאי יום טוב אין אָוונט ווערט קויפמאנ'ס הויז באזוכט פון דער אידישער „פני", פון דער עליטעי, אזוי צו זאגן. אפטמאל פלעגט אויך ביאליק דאמאלט זיין צווישן די באזוכער. געוויינלאך, פלעגט דער דיכטער ניט זיצן אין זאל, וואו די אורחים נכבדים זע-נען געזעסן, נאר אין א זייטיקן צימער, ארומגערינגלט פון אן ענ-גערען קרייז פון זיינע מקורבים, וועלכע האבן מיט גרויס נייגער און יראת-הכבוד צוגעהערט זיך צו זיינע שמועסן-אימפראוויזא-ציעס איבער פארשיידענע טאג-פראגן.

אמאל אין א מוצאי יום טוב, דארטן אין הויז, איז דער דיכטער געווען אין א יום-טוב'דיקן, פרעהלאכן געמיט. פלוצלונג

זאגט ער אין לויף פון שמועס צום עולם: „איר ווייסט פאר וואס מען זאגט: „א חזן נאך זיבעציק יאר בילט ווי א הונט, און פרעסט ווי א פערד?"

מעגלאך, אז אייניקע פון אונז האבן געוואוסט די פאלקס מעשה, וואס ווערט דערציילט וועגן דעם, אבער אזוי ווי מיר האבן געוואלט הערן זיין נוסח פון דער מעשה, האבן מיר ניט געענטפערט אויף זיין פראגע. דער משורר האט אונז דעמאלט דערציילט אין א שטיפערישן טאן די פאלקס מעשה:

— ווען גאט האט באשאפן די וועלט, האט ער, כידוע, פריער באשאפן די חיות און דערנאך דעם מענשן. ווען גאט האט באשאפן דעם הונט, האט ער געפרעגט ביי גאט: „וואס דארף איך טון אויף דער וועלט, און ווי לאנג וועל איך לעבן?" און גאט'ס ענטפער איז געווען אזוי:

„דו וועסט דארפן דינען געטריי דיין בעל-הבית, שטענדיק בילן אין דער צייט פון א סכנה, און אפהיטן געטריי זיין הויז און שטאל. און אויב דו וועסט ניט דאס טאן, וועסטו באקומען פון אים סטוסאקעס און בוכטשעס. דיין שפייז וועט זיין די ביינער, וואס פאלן ארונטער פון דיין האר'ס טיש. אט אזוי וועסטו אפלעבן זי-בעציק יאר."

„איך בעט דיך, גאטעניו, האט דער הונט געזאגט, זיי מקצר מיין לעבן אויף צוואנציק יאר צייט, ווארים צו וואס זיך מאטערן און לעבן אזא הינטיש לעבן אזעלכע לאנגע יארן?"

איז דער בורא עולם נאכגעקומען די בקשה פון דעם הונט, און באשאפן א פערד . . . „וואס וועל איך טון אויף דער וועלט, און ווי לאנג וועל איך לעבן?" — האט דער פערד געפרעגט.

„זומער אין די גרעסטע היצן וועסטו שלעפן דעם שווערן וואגן, האט דער בורא-עולם געזאגט, און ווינטער, אין די גרעסטע קעלטן און זאווערוכעס, דעם שליטן. און, אויב דו וועסט ניט זיין

געהארכזאם צו דיין האר, וועסטו אכזריות'דיק געקאטעוועט ווערן פון אים מיט דער בייטש. און עסן וועסטו קריגן געוויינלאך מעקע-נע און שטרוי, און בלויז א מאל א בינטל היי. אט אזוי וועסטו לעבן אין צרות און פיין זיבעציק יאר צייט."

„איך בעט דיך, גאטעניו, זיי מקצר מיין לעבן אויף דרייסיק יאר צייט, ווארים אזא צרה'דיק פערדיש לעבן איז בעסער וואס ווינציקער צייט". האט דער בורא עולם מקצר געווען דעם פערד'ס יארן און באשאפן א חזן.

„וואס וועל איך טון אויף דער וועלט, און ווי לאנג וועל איך לעבן"? — האט דער חזן געפרעגט.

„דו וועסט דאווענען פאר'ן עמוד אין שוהל, זינגען אויף ברית'ן און חתונות, עסן און טרינקען פון כל טוב, און לעבן א גוטן טאג פאר זיבעציק יאר צייט."

ווען דער חזן האט זיך דערוואוסט, וואס פאר א גוטע וועלט ער וועט האבן, האט ער געבעטן ביי גאט, אז ער זאל אים שענקען נאך עטלאכע יאר צום לעבן. האט דער בורא עולם גענומען די רעשטלעך יארן פון דעם הונט און פערד, און אוועקגעשענקט זיי דעם חזן. דעריבער בילט א חזן נאך זיבעציק יאר ווי א הונט, און פרעסט ווי א פערד.

געענדיקט די דערציילונג, האט דער דיכטער געפרעגט ביי ראווניצקי'ן, צי די פאלקס מעשה איז פון אים אויפגעשריבן גע-ווארן.

צווישן די באזוכער פון קויפמאנ'ס הויז איז אויך געווען דניאל לייבל, א מיליטאנטישער אידישיסט. פון צייט צו צייט זינ-דיקט לייבל אונטער מיט שרייבן לידער און פראזע אין העברעאיש, באזונדערס האט ער ליב צו גריבלען זיך אין תנ"ך. דאך איז ער אן אויסגעשפראכענער געגנער פון העברעאיש אין ארץ-ישראל.

קומט ביאליק אמאל צו קויפמאנ'ען פאר א באזוך, און

טרעפט דארטן א יונגעמאַן, וועלכער טיילט-מיט קויפמאנ'ען זיינע חידושים אין תנ"ך. מישט זיך ביאליק אריין אין דעם שמועס — מיט אייניקע חידושים איז ער מסכים, און אנדערע באשטרייט ער. בכלל אבער האט דער יונגערמאן געמאכט א גוטען רושם אויף ביאליק'ן מיט זיינע מאדערנע ביבל דערקלערונגען.

נאך דעם ווי דער באזוכער האט פארלאזט די הויז, פרעגט ביאליק זיך נאך ביי קויפמאנ'ן ווער דער באזוכער איז. זאגט קויפמאן צום דיכטער, אז דאס איז דניאל לייבעל, דער באוואוס-טער קעמפער פאר אידיש אין א"י. וואונדערט זיך דער דיכטער וואס א איד א אידישיסט שטודירט אזוי פלייסיק „חבקוק" און די אנדערע נביאים. דאך, היות ווי לייבעל איז געפעלן געווארן ביאליק'ן, האט ער אים איינגעלאדן צו זיך אהיים, זיך באפריינ-דעט מיט אים און איבערגעגעבן לייבל'ן א קאלעקציע פון אידי-שע פאלקס-לידער.

לייבל האט די לידער פארעפענטלאכט מיט אייניקע הערות אין דעם העברעאישן פאלקלאר—זאמלבוך „רשימות", וואס ביאליק און ראווניצקי האבן רעדאגירט.

שפעטער אבער, ווען ביאליק האט זיך דערוואוסט וועגן לייבעל'ס עקסטרעמע ארויסטרעטונגען קעגן העברעאיש אין ארץ-ישראל, האט ער איבערגעריסן זיינע באציהונגען מיט אים.

נאָך דער פארעפענטליכונג פון מיין בוך „הערשעלע אָס-טראָפּאליער" אין ארץ ישראל, האָב איך זיך צוזאמענגעטראָפן מיט ביאליק'ן אין הויז פון קויפמאנ'ען. זאגט ביאליק צו מיר אין א שפאס:

„איר ווייסט, שערמאן, וועגן אייער הערשעלע האָט אין דער פרעסע מער געשריבן ווי וועגן מיין בוך „שלמה אבן גבירול." „משמעות, האָב איך אים געענטפערט, אז דער עולם אינ-

טערעסירט זיך מער מיט הערשעלע אסטראפאליער ווי מיט „שלמה אבן גבירול".

אין יאר 1932 איז דר. קויפמאן צוריקגעקומען פון א רייזע אין אמעריקא. מוצאי-שבת אוונט האט ביאליק מיט זיין פרוי באזוכט קויפמאנ'ען אין זיין הויז. ווי געוויינלאך, האט דער דיכ-טער פארבראכט דעם אוונט רעדנדיק דברי תורה וחכמה.

היות ווי ביאליק האט זייער ליב געהאט אידישע נגינה און יהודה קויפמאן, אים צו לענגערע יאר, איז א יודע נגן, זינגט שיין און הארציק אידישע ניגונים, האט פאר אונז קויפמאן גע-זונגען חסידישע ניגונים מיט גרויס דביקות און התלהבות. ענדע אוונט האט קויפמאן לכבוד ביאליק'ן ארויפגעשטעלט אויף דער וויקטראלע א נייע פלאטע, וואס ער האט געבראכט פון אמעריקע, דעם חזן ל. גלאנץ'ס קאמפאזיציע צו ביאליק'ס ליד „אחרי מותי". ביאליק האט געבעטן צו שפילן די קאמפאזיציע נאכאמאל, און דערביי באמערקט אין א מינארנעם טאן:

„איז דאס ניט מערקווירדיק, אז מיט אסך יארן צוריק, ווען איך בין נאך געווען א יונגערמאן, האב איך אנגעשריבן דאס ליד „אחרי מותי"(* דער פארשטארבענער קאמפאזיטאר יואל ענגל האט אנגעשריבן מוזיק צו דעם ליד, און איצט שרייבט מען ווייטער מוזיק צו דעם. אויב אזוי, אז חברה זענען זיך טאקע מטפל מיט מיין טויט, דארף מען גיין אהיים זיך אפרוען."

אמאל אין א שבת בין-השמשות האב איך באזוכט די הויז

(* מען דערציילט דאס ליד „אחרי מותי" איז אנגעשריבן געווארן פון ביאליק'ן מיט דרייסיק יאר פאר זיין טויט אין טאג פון זיין טויט—כ"א תמוז.

פון י. קויפמאַן, וואו איך האָב געטראָפן ביאַליק'ן מיט זיין פרוי. זע איך, אז דער דיכטער ליינט אַן אַרטיקל אין אַן ענגליש-אידישער צייטונג. פרעג איך ביי אים, צי ער פאַרשטייט ענגליש. ערקלערט ער מיר, אז ער פאַרשטייט קנאַפּ ענגליש, אָבער אויב אין אַן ענגלישן אַרטיקל ווערט געשריבן וועגן „חכמת ישראל", איז ער תופס דעם תוכן פון אַרטיקל.

אַזוי ווי איך בין געווען געוואוינט צו באַגעגנען אים מערסטענס אַ שיינענדן און אַ ליכטנדן, בין איך דאַמאָלט איבערראַשט געווען צו זען אים אין אַ געדריקטן געמיט. אינגיכן האָבן מיר פאַרלאָזט קויפמאַנ'ס הויז. באַגלייטנדיק דעם דיכטער אַהיים, האָב איך מיט אים געשמועסט וועגן אַן ענין וואָס איז דעמאָלט געווען דער געשפּרעך פון טאָג, וואָס אַזאַ חשוב'ן פּערזאָן, ווי דעם בירגערמייסטער פון תל-אביב, האָט זיך ניט איינגעגעבן צו שאַפן אַ גרעסערע הלואה פאַר אַ וויכטיקער שטאָטישער אונטערנעמונג.

ביאַליק האָט מיך גענומען אונטער'ן אָרעם, און מיט גרויס רוגזה געזאָגט צו מיר:

„אומזיסט וואונדערט איר זיך! די ענגלישע אידן זענען גרויסע דברים-אחרים, געוואַלדיקע קמצנים. ווען איך בין לעצטענס געווען אין לאָנדאָן, האָב איך איינגעזען דעם גרויסן אונטערשייד צווישן די רוסישע אידן, וועלכע פלעגן שטיצן מיט אַ ברייטער האַנט אַלערליי אינסטיטוציעס און די שטייפע, אויסגערעכנטע ענגלישע אידן.

„אין יענער צייט האָבן מיר, העברעאישע שרייבער, געוואָלט שאַפן אין לאָנדאָן אַ פאָנד פאַר דער אויסגאַבע פון אַ בוך פון דר. לעווין, דער פייהיקער קאָמענטאַטאָר און פאָרשער פון דער „גאָונישער ליטעראַטור". מיר האָבן געוואָלט שאַפן אַ קליינע סומע געלט, ביי זיבן-אַכט הונדערט פונט בערך.

„האָבן מיר פאַר דעם צוועק פאַררופן א מסבה, אויף וועלכער עס זענען אויפגעטראטן מיט רעדעס דער רב-הכולל דר. הערץ; סאָקאלאוו, איך און אנדערע רעדנער. צו דער פארזאמלונג זענען איינגעלאדן געווארן לאנדאנער רייכע אידן, צווישן זיי אויך איינער פון די ראטשילדס.

„געוויינלאך פירט מען זיך אין לאנדאן, אז מען איז ניט מסלק די געלט אויפן פלאץ, נור מען שיקט עס נאכדעם צו דורך טשעקס. און ווי איבערראשט זענען מיר געווארן, אז די גאנצע הכנסה פון דעם אוונט איז געווען עטלאכע פונט. און עס איז קיין וואונדער ניט, ווייל ראטשילד גופא האָט צוגעשיקט א טשעק— בלויז אויף איין פונט. . .

„נו, קענט איר זיך פארשטעלן אזא דערשיינונג ביי רוסישע אידן? נעמט מיך, למשל· איר ווייסט דאך, ווי גרויס מיין עשירות איז. דאך האָט ניט לאנג פאסירט .אז אונזערע א שכנה איז קראנק געווארן, האב איך איינגעצאלט אין דער „הדסה" עטלאכע פונט (מער פון ראטשילד'ן), אז מען זאל די שכנה אריינגעמען אין שפיטאל. היינט שטעלט אייך פאר ווען איך בין ראטשילד, ווי פיעל געלט וואלט איך געגעבן פאר דער אויסגאבע פון דר. לעווינ'ס בוך".

אויף מיין פראגע, פארוואס ער איז אין א געדריקטער שטימונג, האט ער זיך צולאכט און געזאגט צו מיר:

„איר מיינט אוודאי אז ס'איז אינדעם דא רזי-דרזין, האט איר אבער דאס מאל א טעות· די סבה איז גאר א פשוט'ע:—די שיך קוועטשן מיך. ניט אומזיסט זאגט מען: „קיינער ווייסט ניט וועמען דער שיך קוועטשט. . "

דער באוואוסטער אידישער קאמפאזיטאר, ה' ראזאווסקי, האָט מיר דערציילט: פאר יארן לאנג שטודירט ער אידישע מוזיק.

זיין ארבעט באשטייט אין דער אויספארשונג פון פארשידענע אי-דישע ניגונים, כדי פעסטצושטעלן, צי עס איז פאראן אריגינעלע, אייגנטימלאכע אידישע מוזיק.

ענדלאך האט ה׳ ראזאווסקי אויסגעפונען, אז דער טראפ ענטהאלט אין זיך עכטע, אריגינעלע אידישע מוזיק. דער קאמפא-זיטאר האט וועגן דעם אנגעשריבן א גרעסערע ארבעט, מיט וועל-כער עס האט זיך פאראינטערעסירט דער העברעאישער אוניווער-סיטעט אין ירושלים, פראפעסיאנעלע מוזיקער און כלל-טוער.

אויך ביאליק האט זיך פאראינטערעסירט מיט זיין ארבעט. ער האט דעריבער איינגעלאדן ראזאווסקי׳ן צו זיך אין הויז פאר א פארלעזונג פון זיין ווערק. דער קאמפאזיטאר האט אוים העפ-ליכקייט צום משורר אנגענומען די איינלאדונג, כאטש ער האט ניט ערווארט, אז דער דיכטער איז בעהאוועגט אין זיין אויס-פארשונג ארבעט.

אבער ווי ערשטוינט איז דער קאמפאזיטאר געווען, ווען ביאליק האט אים געמאכט וויכטיקע באמערקונגען וועגן דעם טראפ. עס האט זיך ארויסגעצייגט, אז ביאליק איז אין די יונגע יארן געווען א גוטער בעל-קורא, און אזוי ווי ער האט אויך געהאט א חוש פאר מוזיק, האט ער דעריבער אויך אויף דעם געביט, אויף וועלכן ראזאווסקי האט געארבעט, געהאט פילעס צו זאגן.

אין די יארן 1925-26 האט דער ישוב אין ארץ-ישראל דורכ-געמאכט א שווערן קריזיס, וועלכער איז געווען דער פועל- יוצא פון דער דאמאלסדיקער גרויסער פויליש - אידישער אימיגרא-ציע קיין ארץ-ישראל. די אימיגראציע איז אנגערופן געווארן „עלית-גראבסקי״, ווייל די פוילישע אידן זענען דאן געצוואונגן געווען צו עמיגרירען קיין ארץ-ישראל צוליב די שווערע האנדעלס-גזרות קעגן אידן פון דעם פוילישן מיניסטער גראבסקי..

די פוילישע אידן אין ארץ-ישראל האָבן דאן הויפּטזעכלאך זיך באשעפטיגט מיט באדן און הייזער ספּעקולאציעס. דער פּועל-יוצא איז געווען, אז די ספּעקולאטיווע אונטערנעמונגן האבן גע-פּלאצט ווי א זייפנבלאז, און אין לאנד איז דאַן ענשטאַנען א שווערער עקאנאמישער קריזיס.

דער באוואוסטער אידישער מעצענאט, ה׳ זלמן שאקען פון בערלין, האט דאמאלס געשיקט קיין ארץ- ישראל עטלאכע טויזנט דאלאר צו שטיצן די העברעאישע שרייבער דארטן.

אין יענער צייט האָט אין תל-אביב געוואוינט מיינער א פריינד א אידישער דיכטער, וועלכער האָט זיך זייער געניטיגט אין מאטעריעלער שטיצע. איך האב זיך דעריבער געווענדט צו אייניקע העברעאישע שרייבער מיט א ביטע, אז זיי זאלן שטיצן דעם דיכטער.

נאך א לענגערן משא-ומתן מיט די שרייבער האב איך בא-קומען אן ענטפער, אז זיי וועלן דעם דיכטער ניט שטיצן, ווייל ער איז א קאלעגע וואס באנוצט זיך „מיט אנדערע געצייג״, ער שרייבט אין אידיש.

האב איך זיך געווענדט צו ביאליק׳ן און געבעטן ביי אים שטיצע פאר דעם דיכטער. ביאליק האט מיר צוגעזאגט דאס צו טאן בתנאי, אז דער דיכטער זאל באקומען די שטיצע אלס האנאראר פאר אן איבערגעזעצט ליד אין העברעאיש, וועלכע ער וועט פארעפענלאכן אין דעם העברעאישן זאמלבוך, וואס איז דאן צוגע-גרייט געווארן צום דרוק.

ביי דער געלעגנהייט האט מיר ביאליק געזאגט, אז ער איז דא-געגן דעם, אז שרייבער זאלן באנוצן זייער טאלאנט אלס א קרדם לחפר בה, פאר מאטעריעלע צוועקן. ער אליין האט דאס קיינמאל ניט געטון. ער האָט געטון אלעס: געווען א לערער, א קוילנהענדלער, אן ארויסגעבער, כדי ניט צו דארפן זיך דערנערן פון זיין שרייבן.

„ביי אונז אידן זענען דאך פאראן פילע עקסטערניקעס און אינטעלעקטועלן וואס שרייבן לידער. איז ערשטענס א פראגע צי די לידער שרייבער זענען דיכטער, און צווייטענס, צי זיי דארפן ווערן פראפעסיאנעלע שרייבער. „עס איז פיל בעסער צו זיין א חוטב עצים ושואב מים, א האלץ־העקער און א וואסער־טרעגער, ווי צו דערנערן זיך פון שרייבן", האט דער דיכטער פארענדיקט דעם שמועס.

צום באדויערן האט דער דיכטער דאמאלס ניט געקענט באַקומען קיין פאסיגן איבערזעצער פאר זיינע לידער. איך האב זיך דעריבער ווידער געווענדט צו ביאליק׳ן, אז ער זאל ארויסהעלפן דעם נויטבאדערפטיקן דיכטער אן דעם תנאי. און ביאליק האט דאס געטאן.

ווי מען האט מיר שפעטער איבערגעגעבן, האט עמיצער מלשין געווען פאר ביאליק׳ן, אז דער אידישער דיכטער איז א קאָמוניסט. אויף דעם האט ביאליק געענטפערט: „עס שטייט ביי אונז געשריבן „אין בודקין למזונות", א הונגעריקן פרעגט מען ניט וועגן זיינע איבערצייגונגען.

ר׳ ברוך שווארץ, עליו השלום, א איד א משכיל, א בעל־דקדוק און א אנגעזעהענער ציוניסטישער טוער אין באלטע, אוקריינע, האט געוואוינט גענענאיבער ביאליק׳ס הויז. דער דיכטער האט זייער האלד געהאט דעם חשוב׳ן זקן. ער האט געזאגט וועגן ר׳ ברוך׳ן: „הוא יהודי שכולו לב", א איד פון לויטער הארץ.

אמאל גייט דער דיכטער פארביי ר׳ ברוך׳ס הויז שפעט ביינאכט. זעט ער ווי ר׳ ברוך קוקט מיט א באזונדער אויפמערקזאמקייט אויפן הימעל. פרעגט ער אים, פארוואס ער קוקט אזוי אנגעשטרענגט אויפן הימעל. דערקלערט אים ר׳ ברוך, אז ער איז בעהאוועוונט אין חכמת התכונה, אסטראנאמיע הייסט עס, או דעריבער איז דער הימעל פאר אים אן אפענער בוך. ער פאלגט

איצט נאך דעם גאנג פון פארשידענע כוכבי-לכת אויפן הימל. זאגט ביאליק צו ר׳ ברוכ׳ן, אז ס׳טוט אים לייד, וואס ער האט א קנאפע ידיעה אין אסטראנאמיע.

ר׳ ברוך, וועלכער איז געווען, אלס א לאנג-יאריקער לע- רער, א וואונדערבארער מסביר, א פאפולאריזאטאר, האט ביאליק׳ן דאמאלס געגעבן א פראקטישע לעקציע אין אסטראנאמיע, אנ- ווייזנדיק אים אויף דעם צוזאמענשטעל און גאנג פון די פלאנעטן און דער דיכטער האט הארציק באדאנקט ר׳ ברוך׳ן פאר די ידי- עות, וואס ער האט אים מיטגעטיילט.

ר׳ ברוך האט לעת זקנה, אויפגעשריבן זיינע איבערלע- לעבונגען און זכרונות אין אן אייגנארטיגן העברעאישן סטיל. ביאליק האט איבערגעליינט די זכרונות, וועלכע זענען אים גע- פעלן געווארן, כאטש ער האט געמאכט אייניקע אנווענדונגען קעגן דעם מחבר׳ס פילע שפראך-חידושים.

פרעג איך ביי ביאליק׳ן, וואס ער דענקט וועגן די מעמוארן פון ר׳ ברוכ׳ן. ענטפערט ער מיר, אז זיי געפעלן אים זייער הגם ער איז ניט מסכים מיט אייניקע שפראך-חידושים פון מחבר, דאך דענקט ער ,אז זיי דארפן געדרוקט ווערן אזוי ווי ר׳ ברוך האט זיי געשריבן.

„ר׳ ברוך האט געשריבן זיינע זכרונות הויפטזעכלאך פאר זיינע ליבע און חשוב׳ע קינדער, האט דער דיכטער געזאגט, און ד׳עריבער דארף אלעס איבערגעגעבן ווערן בצורתו וכלשונו, אין זיין סטיל.

„שטעלט אייך פאר , אז איינער פארשרייבט זיינע איבער- לעבונגען אין אן אלבום, וועט דען עמיצער וואגן צו ענדערן און סטיליזירן דאס אויפגעשריבענע?״

ווען ר׳ ברוך איז געשטארבן, האבן זיין משפחה און פריינד געוואלט אים מקבר זיין אויפן בית-הקברות וואס געפינט זיך

אין צענטער פון תל-אביב. האט אבער חברא-קדישא זיך אפגעזאגט דאס צו טון, סיידן מ׳וועט באצאלן א גרעסערע סומע געלט און אויב ניט וועט מען מקבר זיין ר׳ ברוך׳ן אויף דעם נייעם בית-הקברות, אויסער׳ן שטאט.

בין איך אוועקגעגאנגען צו ביאליק׳ן און אים געבעטן אונז צו העלפן, אז ר׳ ברוך זאל באערדיגט ווערן אויף דעם אלטן בית-הקברות. זאגט ביאליק צו מיר: „איינענטלאך ווייס איך ניט וואס איז דער אונטערשיד וואו מען איז מקבר. מיך, למשל, ארט לגמרי ניט וואו מען וועט מיך באערדיקן.״ (דאך ווי מ׳גיט איבער, האט ער אנגעזאגט, אז מ׳זאל אים מקבר זיין לעבן אחד-העם׳ן).

האב איך ביאליק׳ן דערקלערט, אז די משפחה באשטייט אויף דעם, אז ר׳ ברוך זאל באערדיגט ווערן אויף דעם אלטן בית-הקרות, וואו זיין פרוי ליגט. האט ביאליק מיר דאן געגעבן א בריוו צו דער חברה-קדישא, אין וועלכן ער האט זי אויפגעפאדערט מקיים צו זיין אונזער פארלאנג. זיין בקשה איז דערפילט געווארן.

דער דיכטער האט זיך באטייליגט אין דער לויה. אויפן וועג צום בית- הקברות איז צוגעקומען צום דיכטער אן אלטער באקאנטער זיינער, א איד א משכיל פון די „געוועזענע״, און האט אנגעהויבן מיט אים שמועסן וועגן דעם דיכטער׳ס יצירות, אז ער איז דער איינציקער גרויסער אידישער דיכטער, דער אידישער פושקין און ענלאכע הלל- געזאנגן.

היות ווי עס איז קענטיק געווען, אז דער שמועס וועט זיך לאנג פארציען, האט ביאליק, ווען די שבחים זענען געווען איאיבערדריסיג, אפגעשטעלט דעם מיטשמוסער און געזאגט צו אים: „איך גלויב, אז ניט איצט איז די צייט פאר דעם שמועס. זוכט בעסער אויס אן אנדער טעמע צום ריידן.״

אויפן בית-הקברות האט ביאליק זיך צוזאמענגעטראפן מיט א פארשטייערפון דער קהלה, וועלכע פארוואלטעט אויך דעם

בית-הקברות. דער חשובער פארשטייער האָט דעם דיכ־טער זייער פריינדלאך באגריסט. ביאליק אבער האט אין אן אויפ־גערעגטן טאן געזאגט צום באגריסער: „איך האב געהאפט, אז דא, אין ארץ-ישראל, וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן פון דער ממש־לה פון די חברה-קדישא שיכורים. לײדער, אבער, טוט אויך דא די חברה—קדישא דיזעלבע מעשים—תעתועים און נבלות וואס זי פלעגט טון אין חוץ-לארץ. איר רייסט געלט פון לעבעדיקע און טויטע און קיינער ווייסט ניט וואס איר טוט מיט די געלדער".

אומזיסט האט דער פארשטייער פון דער קהלה זיך באמיט צו בארואיגן ביאליק'ן, וועלכער איז לגמרי ניט געוועזן איבערקליי־בערש אין די זידל-ווערטער מיט וועלכע ער האט זיך באנוצט בעידנא דרותחא, ווען ער איז געווען אויפגערעגט.

י. י. שווארץ'ס איבערזעצונג פון די מיטלאלטערלאכע אידישע פאעטן איז אויפגענומען געווארן מיט גרויס צופרידענהייט אין די קרייזן פון דער אידישער אינטעליגענץ אין אמעריקא. שווארץ האט ענטדעקט פאר די אידישע לעזער די גאלדענע תקופה פון דער מיטלאלטערלאכער אידישער פאעזיע אין שפאניע.

אין יענער צייט האב איך פארווײלט אין אמעריקא. געדענק איך דעם טומל, וואס חיים ליבערמאן'ס קריטישער ארטיקל וועגן שווארץ'ס איבערזעצונג האט ארויסגערופן אין מאנכע קרייזן.

זיצן מיר ביי א טישל אין „ראיאל קאפע" און מען רעדט, אדער גענויער: מען בארעדט, די וואס זיצן ביי א צווייטן טישל. עפנט זיך אויף די טיר און א. מ. דילאן קומט אריין א פארסאפע־טער מיט א טעקע אונטערן ארעם, ווי זיין שטייגער איז געווען. ער קומט צו צו אונזער טישל און זאגט אן קיינע הקדמות:

„איצט זע איך איין, אז איך בין געזוען גערעכט אין מיין אפשאצונג פון שווארץ'ס איבערזעצונג. אט איז אנגעקומען די טעג א בריוו פון ביאליק'ן, אין וועלכן ער שרייבט , אז שווארץ'ס

איבערזעצונג איז א גוטע."

ווען איך האב זיך צוריקגעקערט קיין תל-אביב, האב איך צווישן אנדערעס געפרעגט ביאליק'ן, צי עס איז ריכטיג וואס דילאן האט איבערגעגעבן אין זיין נאמען.

„איך האב געזאגט, האט ביאליק געענטפערט, אז שווארץ'ס איבערזעצונג איז ניט שלעכט. אבער פון ניט שלעכט ביז גוט איז א גרויסער מהלך. עכטע פאעזיע דארף ניט איבערזעצט ווערן נאר איבערגעדיכטעט ווערן. דאס האב איך געטון אין מיין איבערזעצונג פון יהודה הלוי אויף אידיש.

„מיך וואונדערט וואס שווארץ האט איבערזעצט „כתר-מל-כות". איך, למשל, וואלט דאס ניט געטון, ווייל אין אידיש פעלן די פאסיקע ווערטער און דער ריטם פאר דער דאזיקער אלטער תפילה."

דער העברעאישער שרייבער ז. ראזענטאל שרייבט אין „מאזנים" אין אן ארטיקעל א.ג. „די ערשטע יארן פון דעם באלשעוויזם":

אין א משך פון עטלאכע טעג זענען פארמאכט געווארן אלע העברעישע שולן. יעדער אנדענק פון א העברעאיש ווארט איז אויסגעשטראכן געווארן, ווייל די רעגירונג, און באזונדערס אונזערע אידן, וואס זענען געווען קרובים למלכות, האבן געהאל-טען העברעאיש פאר קאנטר-רעוואלוציע. אויך דער ליבלינג פון ביאליק'ן, דער פארלאג „מוריה", איז פארכאפט געווארן. די ביכער האט מען קאנפיסקירט און באנוצט זיך מיט זיי פאר פאק-פאפיר. ארעסטן אין דער „טשעקא" אפט מאל ווילדע, משו-נה'דיקע, אונזיניקע. אט האט מען ארעסטירט ציוניסטן, פארוואס און צוליב וואס? — דערפאר וואס זיי האבן געמאכט יד-אחת מיט דער אנטאנטע.

„און ביאליק האט אנגעהויבן ארומלויפן פון איין קאמיסאר צום צווייטן, פון איין באלשעוויסטישן גדול צו א אנדערן

מבטל צו מאכן די גזרות. און ווער נאך ווי ער האט געהאט דעם מוט צו רעדן אין יענע טעג? דער שרייבער פון די שורות האט געהערט ווי ביאליק האט געזאגט צום פינאנץ-קאמיסאר אין יענע טעג אין אדעס, „חאווער" דוכאווני:

„אין מיטן שטאט האט איר איינגעארדענט דעם גיהינם, וואס איר האט א נאמען געגעבן „טשעקא"—אויבן זיצן מענטשן צו—פרידענע, וואס פרעסן און זויפן, און פון אונטן שטייען די שוחטים און שעכטן".

„מענטשן, וואס האבן דעמאלט געוואוינט אין רוסלאנד, ווייסן וואס עס האט געמיינט אזא שמועס מיט א קאמיסאר און באזונדערס וועגן דער טעטיקייט פון דער „טשעקא". פאר אזא פראזע איז מען געבליבן קירצער מיט א קאפ. אבער ביאליק האט זיך ניט געשראקן פאר קיין זאך. גאנצענע טעג פלעגט ער ארום-לויפן, כדי צו ראטעווען דאס לעבן פון אידישע ארעסטירטע, וואס זענען פארהאלטן געווארן אין דער „טשעקא" געפענגנים אן קיינע אורזאכן דערצו.

אין 1925 האט ה' ראזענטאל זיך באגעגנט מיט ביאליק'ן אין ארץ-ישראל. ער האט געשפאצירט מיט אים אין תל-אביב. ער (ביאליק) רעדט. וועגן וואס רעדט ער? וועגן תל-אביב.

—פארשטייסטו, זאגט ער צו מיר אין אידיש, אן אויסגעצייכנטע שטאט, א טייערע שטאט איז תל-אביב, אבער עס פעלט איר פילעס. עס איז נישטא דא ביי וועמען צו באקומען א גמילת-חסד אויף שבת. . ."

—ביאליק—זאג איך צו אים—פארוואס רעדט איר ניט קיין העברעיש?

— יע, יע, מען דארף רעדן העברעאיש.

און שפעטער א ווײַלע רעדט ער ווידער אידיש: „דו פאר-

שטייסט א גמילת-חסד אויף שבת."

מיר ווערן דא איבערגעבן אייניקע ווערטלאך און אפאריזמען פון דעם דיכטער, וואס זענען פון אים ארויסגעזאגט געווארן ביי פארשידענע געלעגנהייטן:

„דאס קריסטנטום האט פראקלאמירט: אויב מ'פאטשט דיך אויף דער לינקער באק, שטעל אונטער די רעכטע. און דאך וויפיל רציחות און הריגות זענען פארגעקומען אין נאמען פון קריסטענטום. ביי אונז אבער ווערט געזאגט: „אן אויג פאר אן אויג", און דאך זענען אונזערע הענט ניט איינגעריכט אין בלוט".

„דער ריכטיקער קינסטלער ווערט דערקענט דורך דעם, וואס אויך אין באנאלע זאכן איז ער גוט און אריגינעל".

„נאכמאכן מעג מען בלויז א געניאלן סטיל.
„ניט יעדער וואס מען גיט אים א גאלדענע פען- האט א גאלדענע פען."

עס איז א קונסט צו שרייבן אין א פשוט'ן סטיל."
„אן אמת'ע שאפונג אנשטייט אין צושטאנד פון משוגעת."

„די אויפגאבע פון דעם ריכטיקן קינסטלער איז קלאר צו מאכן דאס אומפארשטענדלאכע, צו מאכן הערן דאס ניט גע-הערטע, און צו ווייזן דאס ניט געזעענע". (איבערגעגעבן פון ה' שמואלי אין „הארץ")

„דער העלד אין א בוך, אין א ראמאן מעג זיין אונוויכטיג און ליינגווייליק, אבער דאס בוך גופא דארף נישט זיין לאנג־ווייליק."

אין יאר 1931, ווען ביאליק ע"ה האט באזוכט לאטוויא און איז אויך געווען אין דווינסק, האט ער דארטן ראשית חכמה בא־זוכט דעם ראגאטשאווער גאון. עס איז געווען א זעלטענע בא־געגעניש. דער גרעסטער אידישער דיכטער און דער גרעסטער גאון. פרצ'עס „צווישן צוויי בערג" אין דער ווירקלאכקייט. א באגעגעניש פון הלכה און אגדה אין איין פונקט.

„ביידע האבן געשמועסט און זיך מתוכח געווען. ח. נ. ביא־ליק האט נאכדעם מיר איבערגעגעבן דעם איינדרוק, וואס דער גאון האט אויף אים געמאכט.

איך גיב דא איבער דעם שמועס אות באות, ווי איך האב אים דעמאלט פארצייכנט. ביאליק האט אזוי געזאגט:

„שילער זאגט: די שפראך דיכטעט שוין פון זיך. ווען די שפראך איז איבערפילט מיט גרויס שפע, שאפט זי שוין במי־לא פון זיך. דער ראגאטשאווער איז בלי ספק דער גרעסטער תלמודיסט אין אונזער צייט. ער איז מלא וגדוש מיט תורה אזוי אז ער אליין איז שוין א שטיק תורה. לערנט זיך שוין ביי אים פון זיך אליין. אים אינטערעסירט נישט, נישט עולם הזה, נישט עולם הבא, דאווענט ער אפ אויף גיך—און ווידער לערנען תורה. אט ווי יענער גרויסער פינאנסיסט, פאר וועמען האנדעל איז שוין נישט קיין פראגע פון קיין תכלית, פון קיין צוועק, נאר וועלכער איז פארכאפט פון עצם פראצעס פון האנדעל, פון שפיל. אט אזוי איז דער ראגאטשאווער פארכאפט פון עצם פראצעס, פון עצם שפיל פון תורה לערנען.

דער ראגאטשאווער איז געווען דער גליקלאכער זיווג פון

שארפסטן מח און איבערמענשליכער התמדה.

וואס הייסט התמדה? — קאנצענטראציע. געטהע זאגט: קאנ-צענטראציע און געניאליטעט.

דער ראגאטשאווער איז געווען דער געניאלסטער תלמודיסט, וועלכן מיר איז אויסגעקומען ווען צו טרעפן.

פון איין ראגאטשאווער קענט איך אויסשניידן צוויי איינ-שטיינס ——— דער ראגאטשאווער איז געווען אן אוניקום א זעלטענער מעכאניזם, וועלכער געפינט זיך אין איינצאל, א יחיד במינו. דעם ראגאטשאווער דארף מען באטראכטן ווי א גרויס גייסטיג אייגנטום.

ווען מע וואלט וויסנשאפטלאך אויסגענוצט די געוואלדיקע תלמודישע בקיאות פון ראגאטשאווער, וואלט מען געקענט די ווי-סענשאפט באדייכערן מיט צענדליגע מעכטיקע ווערק. ווען מען וואלט אויסגעשעפט דעם ראגאטשאווער׳ס תלמודישן וויסן; וואלט מען געקענט אויפשטעלן א גאנצע קולטור געשיכטע.

שטעלט זיך פאר: — האט געזאגט ביאליק — מיר ווילן וויסן געננוי, וועלכע שיך מענשן האבן געטראגן אין דער תלמודישער תקופה, איז אנשטאט צו זוכן און צו פארשן די צייטן פון דער תלמודישער ליטעראטור, האט מען זיך נאר געדארפט ווענדן צום ראגאטשאווער, וועלכער וואלט כהרף עין אנרופן אלע ערטער אין דער גמרא, תוספתא, מכילתא, ספרא, ספרי — וואו און ווען עס רעדט זיך דארטן וועגן שיך.

„איך האב מיט דעם ראגאטשאווער גאון פארבראכט שעה׳ן — האט ווייטער דערציילט ביאליק — וועגן איין ענין: וועגן האר-פרי-זורן אין דער תלמודישער צייט — וועלכע האר פריזורן מענשן האבן אין יענער צייט געטראגן. האט דער ראגאטשאווער ניט אויפגעהערט צו ציילן די ערטער אין דער תלמודישער ליטערא-

טור וועגן דעם ענין.

אט אזוי האָט זיך אפּגערופן דער גרעסטער העברעאישער דיכ־טער וועגן ראגאטשאווער גאון.

(אויסצוג פון אן ארטיקעל פון נ. גערץ)

נאכדעם וואס כ'האָב פארענדיקט דעם קאפּיטעל, איז מיר געקומען אונטער'ן האנט אן אינטערעסאנטער ארטיקעל „ביאַ־ליק והמוסיקה" פון דעם מוזיק־פארשער מ. ש. גשורי. מיר וועלן דאָ ציטירן אייניקע שטעלן פון דעם ארטיקעל.

„עס איז קיין ספק ניט, אז ביאליק האָט געהאט אויך געוויסע מוזיקאלישע פעהיקייטן און א גוטן געהער. ער האָט ליב געהאט צו זינגען די ניגונים, וואס ער האָט געהערט אין קינדהייט, און באזונדערס האָט ער ליב געהאט דאס דביקות פון די חסידי־שע ניגונים. ער האָט פארפאסט פילע מעלאדיעס פאר לידער, און אייניקע פון זיינע שירים זענען פון אים געשריבן געוואָרן לויט געוויסע ניגונים, וואס ער האָט פארפאסט.

„עס זענען באוואוסט זיינע מעלאדיעס צו זיינע קינדער לי־דער—„אמא יצאה אל השוק", „משה הנער", וועלכע פּאסן זיי־ער גוט צו דעם טעקסט".

„די אידישע מוזיק האָט פארלאָרן, דורכ'ן טויט פון ביאַ־ליק, א שטארקע שטיצע, א ליבהאָבער און גרויסען פארערער.

„ניט אומזיסט האָט סאקאלאוו פארגליכן ביאליק'ן צו א סטאראדביר'ס פידעל, וואס איז פילבאר צו יעדער בת־קול, וואס רעאגירט אויף יעדן קלענסטן שארך און ריר".

„און דער פידעל איז אנטשוויגן געוואָרן"...

דער זעכציק יעריקער יובל

עשרה בטבת, אין יאר 1933, איז געפייערט געוואָרן אין ארץ-ישראל דער זעכציק-יעריקער יובל פון ח. נ. ביאַליק. איך וועל מיר דערלויבן צו ציטירן אייניקע שטעלן פון אן ארטיקל, וואס איך האָב ביי יענער געלעגנהייט פארעפנטלאכט אין די אי-דישע צייטונגן. דער ארטיקל הויבט זיך אן מיט די ווערטער:

„דער לויטערער, לוסטיקער און לאַסטשענדער ארץ-ישראל-דיקער בלוי-געוועלבטער הימל, די ערד פארפוצט און באצירט מיט גאָלדענע פּאָמעראַנצן—און חיים נחמן ביאַליק. גאַנץ ארץ-ישראל, יונגע און אַלטע, ארטאָדאָקסן און פרייַדענקער, רייכע און אָרימע, ציוניסטן און ניט-ציוניסטן—אַלע פייערן איצט דעם יובל פון דעם גרויסן דיכטער. אויך די גאַנצע פארצווייגטע נעץ פון דאָרטיקן שול-וועזן, אנהויבנדיק פון דער פאָלקס שולע און ענדיגענדיק מיט׳ן אוניווערזיטעט, באטייליקן זיך אין דער פייערונג.

„און וואס טוט איצט דער חתן-היובל, דער גרויסער דיכ-טער? ער האָט פארלאָזט זיין הויז, ער איז נע-ונד, פאָרט ארום איבער׳ן לאַנד. ער איז א „נחבא אל הכלים”; ער היט זיך אויס, אז זיינע פריינד זאָלן אויף אים ניט ארויפצווינגען בייצוזיין אויף די פייערונגען.

„איז דאָס דען ניט א גרויס וואונדער, אז אין אונזער צייט, אין דער צייט פון דעם מאָדערנעם דור הפלגה, ווען די גאַנצע מענשהייט איז צעריסן און צעשפּליטערט, ווען די מזרח-וואַנט פארנעמען איצט אזעלכע ברוטאַלע און אומווירדיקע פערזענלאַכ-קייטן, ווי מוסאָליני און היטלער, אין אזא צייט זאָל געפייערט

ווערן מיט אַזוי פיל ליבע און אַכטונג דער יובל פון אַ דיכ-טער וואָס זיין וועלט-אַנשויאונג איז די טראַדיציאָנעל—אידישע, „לא בחיל ולא בכח, כי אם ברוח", ניט מיט אַרמעען און ניט מיט מאַכט, נאָר מיט גייסט.

„וואָס איז די סבה, וואָס ביאַליק האָט זוכה געווען צו אַזוי פיל ליבע און אַכטונג פון אַלע טיילן פון אידישן ישוב?

„די סבה איז די, וואָס דאָס אידישע פאָלק פילט בנוגע ביאַ-ליק'ן, אַז ער איז „עצם מעצמו ובשר מבשרו", אַז ער איז ניט קיין דערויסנדיקער מענש, וואָס קוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די פאָלקס מאַסן, וועלכע ער איז מדריך. ביאַליק איז צוזאַמענגעבונדן און צוזאַמענגעקניפּט מיט טויזנטער פעדים מיט די אידישע פאָלקס מאַסן, ווי שלום-עליכם איז עס געווען אין זיין צייט. אָבער בעת שלום-עליכם איז געווען פאַרבונדן בלויז מיט דער אידישער גע-גענוואַרט, איז ביאַליק אויך באַהעפט מיט דער גאָלדענער קייט פון דער גרויסער גלאָררייכער אידישער פאַרגאַנגענהייט.

„זיין פאָרגייער, דער גרויסער העברעאישער דיכטער י. ל. גאָרדאָן, האָט געפּרעדיקט „היה אדם בצאתך ויהודי באהליך"—זיי אַ מענש אין גאַס, און אַ איד אין הויז, ד. ה. אַז אידן זאָלן אויס-מיידן צו וואַרפן זיך אין די אויגן מיט זייער אידישקייט.

„פּונקט דער היפּוך איז געווען ביאַליק'ס רוף צום אידישן פאָלק. זיין בליק אויף די אידן פון אונזער דור איז, אַז מיר זע-נען „דור אחרון לשעבוד וראשון לגאולה", דער לעצטער דור צו קנעכטשאַפט און דער ערשטער צו דער גאולה. מיר דאַרפן דעריבער ניט בעהאַלטן אונזער אידישקייט, נאָר שטאָלץ און מו-טיק אַרויסטרעטן מיט אונזערע אידישע פאָדערונגען"

מיין אַרטיקל פאַרענדיק איך מיט די דאָזיקע שורות:

„דער זעכציק-יעריקער ביאַליק איז פול מיט ענערגיע און גרויסער שעפערישער קראַפט. ער איז פיל יונגער אין גייסט פון די

יונגסטע אידישע דיכטער.ער געהערט צו דעם טיפּ פון די תל-מידי חכמים, וועגן וועלכע עס ווערט געזאגט, אז וואס עלטער א געלערנטער איז, אלץ רייפער איז זיין גייסט. מיר דערוואַרטן נאך זייער פיל פון ביאליק׳ן אויפן געביט פון זיין אייגענער יצירה און פיל פארצווייגטע קולטור טעטיקייט."

נאך די יובל-פייערונגען

אין איין שיינעם פרימארגן באגעגנט איך ביאליק'ן אין גאס, אין תל-אביב. שטעל איך אים אפ און פארפיר מיט אים א געשפרעך. צווישן אנדערעס האב איך דעם דיכטער מיטגעטיילט, אז דער פאריין פון אידישע לעגיאנערן האט מיך געבעטן זיך דורכרעדן מיט אים וועגן אן ענין וואס איז זיי נוגע.

„וואס פאר א שייכות האב איך מיט די לעגיאנערן? -- האט דער דיכטער צו מיר געזאגט אין אן אויפגערעגטן טאן — מיט לעגיאנערן אינטערעסירט זיך זשאבאטינסקי, וועלכער האלט זייער פיל פון „סאלדאטשינע", אבער ניט איך".

האב איך בארואיגט דעם דיכטער און אים ערקלערט, אז עס האנדעלט זיך וועגן דעם, וואס די געוועזענע לעגיאנערן האבן באקומען באדן פון נאציאנאל-פאנד צו קאלאניזירן זיך אין „וואדי חאווארעט" (עמק-חפר), דעריבער ווילן מיר אים בעטן אז ער זאל פארשלאגן א פאסיקן נאמען פאר דער סאלאניע.

„דאס וועל איך גערן טאן" — האט ביאליק געזאגט צו מיר בניחותא. „איך בין זייער צופרידן פון דעם וואס נאך אן עדה אידן קאלאניזירן זיך".

דערביי האט ער ביי מיר געבעטן אים מיטטיילן ווי אזוי די קאלאניזאציע וועט דורכגעפירט ווערן — אויף יחידישע יסודות אדער קאלעקטיווע, צי די לעגיאנערן האבן פינאנציעלע מיטלען און צי ס'איז פאראן וואסער אין „וואדי חאווארעט".

איך בין אנגענעם איבערראשט געווען, ווען איך האב זיך דערוואוסט, אז ביאליק אינטערעסירט זיך אויך מיט דער פראקטישער זייט פון דער אידישער קאלאניזאציע.

נאָכדעם ווי איך האָב אים געענטפערט אויף זיינע פראגן, האָט דער דיכטער מיר פארגעשלאָגן א נאמען פאר דער קאָלאָניע. אזוי ווי איך האָב ניט געוואוסט דעם באדייט פון דעם ווארט וואס ער האָט געברויכט, האָט מיר דער דיכטער דערקלערט, אז דער נאמען געפינט זיך ערגעץ וואו אין מדרש.

איך האָב ניט איינגעשטימט צו דעם נאמען, ווייל ניט יעדער וועט פארשטיין זיין באדייט (לידער געדיינק איך איצט ניט זיין פארשלאָג). ביאַליק האָט מיר דעריבער פארגעשלאָגן צו באזוכן אים מיט א פאר טעג שפעטער צו באראטן זיך וועגן דעם ענין וואס איך האָב געוואָלט.

אדר, 1933, נאכמיטאג צייט. די זון שיינט מילד און ליבלאך, דער צניעות'דיקער הימעל איז העל-בלוי, תכלת'דיק, אן קיין וואלקענדל, די לופט איז פול מיט פארפומירט נאך פון די ארומיקע פרדסים. איך קום צו צום דיכטער'ס הויז, דעם בית-מקדש-מעט, שטיי אויף אויף די טרעפּאך, וואס פירן „על ראש הפסגה,״ אויפן שפּיץ בערגעל, וואו זיין קינסטלערישע הויז איז אויפגעשטעלט.

געקומען בין איך צום דיכטער אין, זיינע אויפנאם-שטונדן און דעריבער האָב איך גענומען א געלעגנהייט צו באאבאכטן די באזוכער און אויך ביאַליק'ס פריינדלאכע באציאונג צו זיי. אין זיין אויפנעמ-צימער האָב איך געטראָפן א מיטעל-יעריקע פרוי פון דעם „גרעטכען״ טיפ, וועלכע האָט געשמועסט מיט דעם דיכטער אין דייטש. ביאַליק האָט זיך באמיט צו ענטפערן איר אין דייטש, געניוער, אין קאנגרעס דייטש.

ווען די פרוי האָט פארלאזט דאס צימער האָט ער מיר דערקלערט, אז זי האָט אין דייטשלאנד געגרינדעט פארשיידענע פארוויילונגס אינסטיטוציעס, און איצט וויל זי אויך אין ארץ-

ישראל גרינדן ענלאכע אינסטיטוציעס. זי האָט זיך וועגן דעם באראטן מיט ביאליקן.

ער האָט איר דערקלערט, אז ער איז ניט קאָמפעטענט גע-נוג צו ראטן איר וואו און ווי צו גרינדן די אינסטיטוציע. דע-ריבער האָט ער איר פארגעשלאגן זיך צו באראטן וועגן דעם מיט הרב אהרנסאן.

עמיצער האָט אנגעקלונגען. ביאליק האט געעפנט די טיר און פריינדלאך איינגעלאדן א נייעם גאסט. א „פראנץ-יאזעפישער" טיפ, מיט באקן-בערדן, ה' יארק שטיינער, וועלכער איז געווען באוואוסט אין די ציוניסטישע קרייזן אלס א נאענטער פריינד פון דר. הערצל.

ה' שטיינער האט פארגעשלאגן דעם דיכטער, אז דער פאר-לאג „דביר", וואס ביאליק און ראווניצקי האָבן אנגעפירט, זאל ארויסגעבן אין העברעאיש זיינעם, שטיינער'ס א ראמאן, וואס ער האָט פארעפענטלאכט אין דייטש.

משמעות, אז ביאליק האט קנאפ געהאלטן פון שטיינער'ס שרייבן, דאך האָט ער אויס העפלאכקייט דערקלערט דעם גאסט; אז לײדער קען דער פארלאג „דביר" ניט אננעמען דעם פאר-שלאג, ווייל זיי דרוקן ניט קיין ראמאנען. ער האָט דעריבער גע-ראטן ה' שטיינער'ן זיך ווענדן צום פארלאג „מצפה".

כדי צו באווייזן שטיינער'ן, אז ער מיינט ערנסט מיט זיין פארשלאג וועגען „מצפה", האט דער דיכטער ביי מיר געפרעגט, וואס איך דענק וועגן דעם? האב איך דעם דיכטער צוליב געטאן און אויך פון מיין זייט פארזיכערט שטיינער'ן אז ער דארף אונ-טערהאנדלען מיט'ן פארלאג „מצפה" וועגן דער פארעפענטלא-כונג פון זיין ראמאן.

די טיר האט זיך געעפנט, און א מאסיווע פרוי, פון א טיפ, וואס מיר רופן דא אָן א „מיט טראסט", איז אריינגעקומען.

זאגט צו איר ביאליק אין שפּאס: „נעמט, זייט מוחל, אַ פּאָר בענקלאך און זעצט זיך אוועק."

די פרוי, אַ גוטע באקאנטע זיינע, האָט זיך גוטמוטיק צו-לאכט און געזאגט, אַז זי איז געקומען זיך זען ניט מיט אים נאָר מיט פרוי ביאליק, וועלכע איז געווען אין אַן אנדער צימער. די פרוי האָט פארלאזן דעם צימער און אַ יונגערמאַן איז אריינ-געקומען. דער נייער באזוכער האָט פאַרפירט אַ שמועס מיט דעם דיכטער וועגן דעם פורים'דיקן „קאַרניוואַל" אין תל-אביב (דער דיכטער איז געווען דער אנפירער פון דער קינסטלערי-שער קאמיסיע פאַר דער איינאָרדנונג פון דעם קאַרניוואַל).

דער יונגערמאַן האָט אין איינוועגס געוואָלט וויסן ביאליק'ס מיינונג וועגן זיינעם אַ באקאנטענ'ס פורים לידל, וואָס ער האָט דעם דיכטער איבערגעגעבן. ביאליק האָט געענטפערט אַז דאָס לידל איז ניט פּאסיק פאַר דעם פורים קאַרניוואַל, ווייל ס'איז ניט פורים'דיק, ניט חנ'עוודיק.

„דו מיינסט אודאי—האָט דער דיכטער געזאגט צום באַ-זוכער—אַז שרייבן אַ שטיפעריש לידעל איז זייער לייכט. האָסטו אַ גרויסן טעות. מען דאַרף באַזיצן אַ היבשן טאַלאַנט צו שריי-בען לייכטע, שטיפערישע פערזן."

אזוי ווי דער יונגערמאַן האָט זיך באַקלאָגט, אַז אים איז ניט אנגענעם צוריקצוקערן דעם פאַרפאַסער זיין לידעל, האָט ביאליק פאַרזיכערט דעם באַזוכער, אַז ער אליין וועט דאָס פאַר אים טאָן: „שיק מיר צו דעם מחבר, וועל איך אים אומקערן דאָס לידעל און דערביי שוינען זיינע געפילן," האָט ביאליק געזאגט.

דאַן האָט ביאליק געעפנט די טיר און אריינגעפירט אין צימער אַ נייעם באַזוכער, וועמען ער האָט באַזונדערס פריינדלאך אויפגענומען, ווי אַן אַלטן פריינד.

אין פארלויף פון דעם שמועס צווישן דעם דיכטער און דעם נייעם באזוכער, האט דער לעצטער דערציילט: „ביי אונז אין שול, אין „שכונת מונטיפיורי" (מאנטעפיארע פערטל) איז פארגעקומען א סכסוך איבער אייך. אייניקע באלאבאטים פון שול האבן געהאט טענות צו די גבאים, פארוואס זיי האבן זיך ניט באטייליגט אין אייער יובל-פייערונג." האב איך בארו-איגט די מתאוננים און געזאגט זיי, אז איך, אייער תלמיד, האב זיך באטייליגט אין דעם יובל אין נאמען פון שכונת--מונטיפיורי און איצט, אז די באלעבאטים פון שול האבן זיך דערוואוסט, אז איך—א פשוטער איד, בין אייערער א תלמיד, בלאזט מען מיר ממש אפ דאס ארט אין שול, מען האט פאר מיר איצט רוים דרך ארץ,"—האט דער דערציילער צוגעגעבן מיט א צו-פרידענעם שמייכעל אויף די ליפן.

פרעג איך שפעטער ביי ביאליק'ן מיט דערשטוינונג, ווי אזוי דער איד איז זיינער א תלמיד, האט ער מיר דערקלערט, אז מיט יארן צוריק, ווען ער איז געווען א יונגערמאן און, ניט היינט געדאכט, געגעבן העברעאישע שטונדן, האט דער דאזיגער איד געלערנט ביי אים דקדוק: „אויב אבער איר מיינט, האט ביאליק מוסיף געווען, אז ער האט זיך אויסגע-לערנט דקדוק, האט איר א טעות. ער איז אויך איצט א שוואכער בעל-דקדוק, דערפאר אבער איז ער בקי אין דקדוקי עניות."

ענדלאך האבן די באזוכער פארלאזט דעם אויפנעם-צימער, און איך בין פארבליבן אליין מיט'ן דיכטער, וועלכער האט מיט מיר פארפירט א שמועס וועגן דער ירידה פון דער העברעאי-שער ליטעראטור. און ער איז ארויסגעקומען מיט זיין אלטער קלאגע:

„די העברעאישע פארלעגער, האט דער משורר זיך באַ-קלאגט, דרוקן ס'רוב איבערזעצונגען פון אנדערע שפראכן און זייער ווייניק אריגינעלע ווערק. דאס האט געבראכט צו דער ירידה פון דער העברעאישער ליטעראטור. פארשטייט זיך, אז די הויפט שולד פאלט ניט בלויז אויף די פארלעגער נאר אויך אויף די לעזער, אויף דעם אידישן פאלק, וואס היט פרעמדע גערטנער, אבער ניט זיין אייגענעם."

דער דיכטער האט שארף געטאדעלט דאס אידישע פאלק און זיינע מנהיגים, די ציונים, וואס קימערן זיך ווייניק וועגן דער העברעאישער קולטור און העברעאישע שרייבער.

איך האב דארויף באמערקט, אז נאך מיין מיינונג, טרייבט ער איבער מיט זיין קריטיק, ווייל די גראנדיעזע פייע-רונגען, וואס זענען איצט דורכגעפירט געווארן איבער'ן לאנד לכבוד זיין יובל וויזען, אז דאס פאלק שאצט ווי געהעריק אפ זיינע דיכטער.

„איך צווייפעל—האב איך געזאגט — צי דאס קולטו-רעלע דייטשע פאלק (דעמאלט האב איך געגלויבט אז דאס דייטשע פאלק איז ווירקלאך א קולטורעל פאלק) וואלט דורכ-געפירט אזעלכע גראנדיעזע פייערונגען צום יובל פון גערהארד הויפטמאן, אדער ריינער מאריע רילקע. משמעות, אז מיר זענען אן עם חכם ונבון, א קלוג און פארנינפטיק פאלק."

„איך דענק—האט דער דיכטער מיר געענטפערט — אז איר זענט ניט אינגאנצן גערעכט. ריכטיק איז אייער באַ-מערקונג, אז די יובל-פייערונגען וויזן, אז דאס פאלק אינטערע-סירט זיך אין א געוויסער מאס מיט דער העברעאישער ליטע-ראטור. אבער די ליטעראטור באשטייט דאך ניט פון מיר אליין. עס געפינען זיך אין ארץ-ישראל באדייטענדע שריפטשטעלער, וועלכע הונגערן, בפועל ממש, און קיינער קוקט זיך אויף זיי ניט אום.

„גלויבט מיר, אז ניט איין מאל קען איך ניט איינשלאפן, ווען איך טראכט, על משכבי בלילות, וועגן דעם טרויעריקן מצב פון אידישע שרייבער. דער גרעסטער כבוד פאר מיר וואלט גע-ווען, ווען דאס פאלק שטיצט ווי געהעריק די שאפער פון דער העברעאישער ליטעראטור. וואס דענקט איר בין איך עס? —האט דער דיכטער געזאגט מיט גרויס אויפרעגונג—איך בין ניט קיין קהל'שער אתרוג, וואס ליגט אויפן באלעמער און יע-דער איד, וואס האט ניט קיין אתרוג, נעמט מיך אין האנט אריין, טוט א שאקעל מיט מיר, מאכט א ברכה— און פטור. ניין, דאס איז א פחיתת-הכבוד פאר מיר און דער העברעאישער ליטעראטור.

„אט נעמט, למשל, אזא פיינעם און עכטן ליריקער ווי מ. טעמקין, ועמען איך ליין מיט גרויס פארגעניגן, ווער אינטערעסירט זיך מיט זיינע שירים ביי אונז?"

ווען דער דיכטער האט פארענדיגט זיין זייער אינטערע-סאנטן שמועס, האב איך אים מיטגעטיילט, אז דר. שמריהו לעווין האט אין זיין רעדע געזאגט צווישן אנדערעס:

„ווען איך האב געליינט ביאליק'ס וואונדערבארע פאעמע „יהי חלקי עמכם"—זאל מיין גורל זיין ווי אייערער, מענשן שטילע און צניעות'דיקע, קארגע אין ווארט און רייך אין שיינ-קייט" —האב איך געדענקט, אז אין דעם ליד שילדערט דער דיכטער דעם גרויסן אידישן דענקער אחד-העם'ן.

„ווי גרויס אבער איז געווען מיין איבערראשונג, ווען ביאליק האט מיר געזאגט, אז אין דעם ליד האט ער געשילדערט א פשוט'ן אידן אין זשיטאמיר, וועלכער האט אויף דעם דיכ-טער געמאכט אן אומגעהויערן רושם אלס איינער פון די גרויסע אידישע למד-וואווניקעס."

איך האָב געזאגט ביאַליק׳ן, אז אויך איך בין איבערראשט געווארן, ווען איך האָב דאס געהערט פון שמריהו לעווין אין זיין נאמען. דער דיכטער האט מיר געענטפערט, אז שמר-יהו האָט ריכטיק איבערגעגעבן וואס ער האָט געזאָגט וועגן דעם שיר.

„אין מיין גרינער יוגנט", האָט ביאליק דערציילט מיט גרויס פאטאס און התלהבות,—האָב איך זיך צוזאמענגעטראפן מיט א פשוט׳ן אידן, א שוסטער, וועלכער איז געווען אן אוי-סערגעוויינלאכע פערזענלאכקייט, א איד א קדוש, א נסתר. ניט איין מאל פלעגט דער איד מיר און מיינע חברים פארלאטן די שיך בחנם און בכלל טאן א סך צדקה בסתר."

איך בין באצויבערט געווארן פון דעם דיכטער׳ס שילדערן פון דעם פשוט׳ן אידן און דעריבער אים געפרעגט, פארוואס ער שרייבט ניט אויף זיינע זכרונות, צווישן וועלכע דער שוסטער וואלט געווים פארנומען א וויכטיק אָרט. ביאליק׳ס ענטפער איז געווען, אז ער איז איצט פארנומען מיט אנדערע ארבעטן. בנוגע דער באשרייבונג פון דעם שוסטער האָט ער געזאגט, אז ער האט אים געשילדערט אין דעם דערמאנטן ליד און אויך אין א בעלעטריסטישער יצירה. איך האָב אים דאמאלס דערציילט וועגן אן אנדער שטעלע אין שמריהו לעווינ׳ס דערמאנטע רע-דע, אין וועלכער ער האט געזאגט:

„איך האָב אמאל געפרעגט ביי ביאליק׳ן וואו און ווען ער האט בעאבאכטעט די זאמד-שטורמס, וועלכע ער האט מיט אזוי פיל קראפט געשילדערט אין זיין פאעמע „מתי-מדבר":

און ס׳גיסט זיך א פרוכטבארע רויטקייט,
און ס׳בלעזעלט און צארענט אין חלל פון מדבר און ברענט
אויף די גלויקע שפיצן פון פעלזן—
אויפגעברויט ווערט דאן דער מדבר און ברומט מיט
רציחה און צארן

און מישט אויס די ערד און דעם הימל צוזאמען אין
א קאכיקן קעסעל

(ח. נ. ב. „מתי מדבר", איבערזעצט פון י. י. שווארץ)

„און ווי איבעראשט בין איך געווארן, ווען ער האָט מיר גע-זאגט, אז די זאמד-שטורמס האט ער געשילדערט לויט דעם, וואס ער פלעגט באאבאכטן אין זיין קינדהייט די ווירקונג פון דעם ווינט אויף דעם בערגעל מיסט לעבן דעם הויז, וואו ער האט געוואוינט.

„שמריהו האט דא פארמישט די יוצרות, האט דער דיכ-טער געזאגט, איך האָב אים געזאגט, אז די זאמד-שטורמס האָב איך בעאבאכטעט, אין מיין יוגנט, לעבן דעם טייך טעטערעוו, וואו עס זענען פאראן זאמד-בערגלאך (דיוני—אין רוסיש).

צום סוף פון אונזער לאנגן שמועס האב איך דערמאנט ביא-ליק'ן וועגן דער ביטע פון די לעגיאנערן, אויסגעפינען א פאַ-סיקן נאמען פאר זייער קאלאניע. דער דיכטער האט מיר פאר-געשלאגן איניקע נעמען און נאך א שקלא-וטריא צווישן אונז האבן מיר זיך געאייניגט אויף דעם נאמען „בית-חיל" (אויפן משקל פון „בית-לחם").

מיט א שטיקעל צייט שפעטער האט דער קאמיטעט ביים נאציאנאל-פאנד צו באשטימען נעמען פאר די נייע אידישע ישובים אנגענומען דעם פארשלאג פון פראפעסאר קלויזנער, אז דער נאמען פון דער קאלאניע זאל זיין „אבי-חיל", א נאמען וואס געפינט זיך אין ת"נך.

שמחת־תורה פייערונג אין תל־אביב

„נישט געגאשט פון עולם-הזה,
עולם-הבא אויך נאך גאנץ —
וואס זשע פעלט אייך? — האנט אויף אקסעל —
און לאז פלאקערן א טאנץ!
זאלן שווינדלען פאר די אויגן
פיס און פיאטעס הויך און שטארק,
פונקן זאל פון שטיינער שפריצן,
אנצינדן זאל זיך דער מארק!
(„א פרעהליכם" פון ח. נ. ביאליק)

שמחת-תורה אין תל—אביב איז געווען הילולא דרבי חיים נחמן ביאליק. טויזנטער אידן פון פארשידענע עדות, עלטער און שטאנד געפינען זיך ארום ביאליק'ס הויז אין דעם אוונט. דאס הויז פון דעם דיכטער איז דעמאלט אפן פאר יעדן: „כל דכפין ייתי וייכל וישתה"—יעדן איז ערלויבט אריינצוקומען אין דעם הויז און געניסן פון דעם כיבוד, וואס איז צוגעגרייט ביד רחבה, דורך זיין ליבענסווירדיקער פרוי, אויף די שיין סערווירטע טישן.

אויסער די סתם באזוכער, וואס פארבלייבן אין משורר'ס הויז בלויז פאר א ווייל, זיצן ארום די טישלאך אין זאל זיינע אינטימע פריינד: שרייבער און לערער, שוישפילער און מא-לער, פראפעסארן און מוזיקער, סתם-אידן און רעליגיעזע אידן מיט יארמאלקעס און שווארצע סורטוקן.

צווישן די געסט ווארפן זיך אין די אויגן א גרופע אמע-ריקאנער טוריסטן, וואס האבן פארבלאנזשעט אהערצו, ווייל זיי האבן געזען אז אלע גייען אין דעם הויז פון דעם „גרייט מען״

די אמעריקאנער פילן זיך דארטן ווי בלודנע שעפסעלאך, ווייל זיי קענען קיינעם ניט פון די אנוועזנדע. כדי צו מאכן א באזונדערן רושם אויף די געסט רעדן זיי צווישן זיך אין ענגליש.

איינער פון זיי, א איד א פוזאטער, מיט א „דיימאנד רינג״ אויפ׳ן פינגער, א טיפישער „אלרייטניק״, באטראכט מיט באזונדער אויפמערקזאמקייט דעם שיינעם זאל, מיט די גרויס-ארטיקע מעבעל, קונסט-בילדער און בונטע, אריענטאלישע טע-פיכער און זאגט דערנאך צו זיינע חברים: „איל בעטש יו״, אז דער דזשענטעלמען, מר. בלאק האט די ווערט שווערע טוי-זענטער דאלארן.״

אבער א צווייטער אמעריקאנער שלאגט אים איבער די רייד און זאגט: „עס ווייזט אויס, אז א „רעגס-פעדלער״ בלייבט א „רעגס-פעדלער״—אלעס איז ביי דיר די פאר טאלער. ווייסטו דען ניט, אז די יאלדן—שרייבער, מלמדים וכדומה מאכן קיין געלט ניט? איי וואס דו וואונדערסט זיך, ווי קומט צו דעם דזשענטלמאן אזא שיינע פארניטשור מיט רייכע פיקטשורס און קארפעטס, וועל איך דיר דאס ערקלערן:—עס איז גאר פשוט, מן-הסתם האט ער אויסגעשנארעט ביי זיינע רייכע פריינד א פאר טאלער פאר דעם.

אויסער דעם וויל איך דיר זאגן, אז דו ביסט אן עם-הארץ. דו ווייסט אפילו ניט דעם נאמען פון דעם מאן. זיין נאמען איז ניט מר. בלאק, נור מר. בוליק, אן אמעריקאנער איד, ניט קיין גרינהארן, וואס פלעגט,דוכט זיך, שרייבן אין אמאליקן „טא-געבלאט״.

„אין אמת'ן פאַרשטיי איך ניט וואָס די גרינהאָרנס צאַצקען זיך אַזוי פיל מיט אָט דעם קיילעכדיקן אידל מיט'ן ליסן קאָפּ, אָבער ביי זיי איז ער אַ גרויסער „קנאַקער".

דער ראש-המדברים אין דער מסיבה איז, ווי אַלע מאָל, ביאַליק, וועלכער שפּרייזט אַרום אין זאַל אַ שטראַלענדער און אַ ליכטיקער און שטעלט זיך אָפּ רעדן מיט פאַרשיידענע געסט. אָט שטעלט ער זיך אָפּ לעבן אַ בלאָסן יונגעמאַן, מיט אַ חסידישן אויסזעהן און טיילט אים מיט, אַז ער האָט געהאַט גרויס פאַר-גענִיגן פון זיין לעצטן ליד, וואָס ער האָט פאַרעפענטלאַכט אין אַ געוויסער צייטונג, אָבער אַ פּאָר פערזן אין דעם ליד הינקן אונ-טער, זענען יוצא-דופן'ס, אפשר דערפאַר, וואָס ער, דער דיכטער האָט ניט גענוג בעאַרבעט דאָס ליד, דאַן שטעלט ער זיך אָפּ לעבן אַ מאָלער, מיט אַ קינסטלערישן קראַוואַט און אַ אָריענטאַלן שניפּס, קלאַפּט אים פריינדלאַך אויפ'ן אַקסל און זאָגט צו אים, אַז ער האָט מיט גרויס צופרידענהייט געזעהן זיינע אַרבעטן אויף דער לעצטער אויסשטעלונג, וואָס ווייזן, אַז ער, דער מאָלער, מאַכט גרויסן פאָרטשריט אין זיינע אַרבעטן. „אָבער, גיט דער משורר דערביי גוטמוטיק צו, היט זיך אויס פון קונצן אין קונסט, וויל „אומן" און „אמונה" זענען פון איין און דעמזעלבן שורש . . . דער תמצית פון קונסט איז פּ ש ט ו ת און בלויז פּ ש ט ו ת".

און נאָך איידער דער מאָלער באַוויזט צו ענטפערן דעם דיכטער אויף זיין באַמערקונג, לאָזט ער אים איבער און שטעלט זיך אָפּ לעבן אַ מוזיקער, מיט אַ גרויסער שעוועליורע, צושויבערטע האָר, מיט וועמען ער פאַרפירט אַ שמועס וועגן דער וויכטיקייט פון דער העברעאישער אָפּערא אין ארץ-ישראל. דערביי דערציילט ער מיט גרויס התפּעלות וועגן די גרויסע אָפּערא זינגער, וואָס ער האָט געהערט אין זיין יוגענד אין אָדעס, וועגן די גרויסע רוסישע אַר-טיסטן — דאַווידאָוו, קאַטשאַלאָוו וכדומה.

אבער דער משורר איז געצוואונגן איבערצורייסן זיינע שמועסן, ווייל דער עולם הויבט אן זינגען פארשיידענע ניגונים: — הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד, שישו ושמחו בשמחת תורה — — — — —

ביאליק, מיט זיין הייזעריקלאכע, באסאווע שטימע, זינגט מיט די ניגונים מיט גרויס התלהבות און באטייליקט זיך אויך אין די ריקודים אין הויז.

אין דער זעלבער צייט זינגט דער גרויסער, פילקעפיקער עולם, וואס איז פערזאמעלט לעבן דיכטער'ס הויז, ביאליק'ס ניגון (א פאלק'ס ניגון, וואס דער משורר פלעגט אפט זינגען און דעריבער איז דער ניגון געווארן פאפולער אין לאנד אלס „ביאליק'ס ניגון"), טאנצט א „הארע" און פארברייינגט לוסטיק די צייט. נאך די געזענג און טענץ שרייט דער עולם אויס: „הידד, ביאליק!" דאס איז אן אנצוהערעניש, אז דער עולם פאדערט אויף ביאליק'ן, ארויסצוקומען פון הויז און ריידן פאר זיי.

און ביאליק לאזט זיך ניט לאנג בעטן. ער קומט ארויס פון הויז, שטעלט זיך אוועק ביים גדר פון זיין פראכטפאלן גארטן און רעדט, געניויער, שמועסט, מיט גרויס בעגייסטערונג, מיט'ן עולם מעניני דיומא, וועגן די פראבלעמען פון אידן אין גלות וועגן פראגן פון ישוב וכדומה.

און אפטמאל פאסירט, אז מיט א שטיקעל צייט שפעטער קומט אן א נייער עולם, וואס האט פארפעהלט צו הערן די רעדע און דעריבער פאדערט ער פונ'ם דיכטער ווידער צו ריידן, וואס ביאליק טוט גערן. א צווייטן מאל און אפטמאל אויך א דריטן מאל אימפראוויזירט ער בליציקע, שארפזיניקע רעדעס. און נאך חצות כטוב לב המשורר, טאנצט ער א הארע, מיט חסידישע דביקות און התלהבות, צוזאמען מיט די חלוצים און חלוצות.

אשרי עין ראתה כל אלה, וואויל איז צו די וואס האבן זוכה געווען צו זעהן די דאזיקע חגיגה, די אייגענארטיקע שמחה און חדוה, די הארציקע באגעגעניש צווישן דיכטער און דעם המון-עם.

די היטלער רדיפות אויף דייטשע אידן

אין זומער פון יאר 1933 איז דער דיכטער אוועקגעפארן קיין וויען זיך קורירן פון זיין נירן--קראנקהייט, וועלכע האט אים פריצייטיק אוועקגערוייבט פון אונז (וועגן זיין קראנ-קייט פלעגט ער זיך וויצלן, אז ביי אים אין די נירן איז פא-ראן א „מחצבה", א שטיין-ברעכעריי. ווען דאקטוירים האבן ביי אים ארויסגעצויגן זאמד פון די נירן, האט ער אין א שפאס גע-זאגט: „לוא כחול ארבה ימי").

פאר זיין אפפאר קיין וויען האט ביאליק פארדונגען זיין פראכטפול הויז צו א רייכן אידן פון ענגלאנד, וואס האט אים דערפאר באצאלט א מנהו יפה, גרויסע דירה-געלט. די מקו-רבים פון דיכטער האבן געוואוסט, אז ער איז געווען געצוואונ-גען צו שיידן זיך מיט זיין ליבער, קינסטלערישער הויז דערפאר, וואס ער האט ניט געהאט קיין מזומנים אויף הוצאות הדרך. . .

ענדע זומער פון דעם יאר איז ביאליק צוריק געקומען קיין תל-אביב. די מערסטע איינוואוינער פון תל--אביב האבן געליינט אין די צייטונגען, אז דער דיכטער האט זיך צוריק--געקערט, אבער זיי האבן ניט געוואוסט, אז ער האט זיך אפ-געשטעלט אין א האטעל. דעריבער איז א גרויסער עולם גע-קומען שמחת-תורה אוונט צו זיין הויז, ווי געוויינלאך, און צו זייער גרויסער עגמת-נפש האבן זיי אויסגעפונען אז ער האט פארלאזט זיין הויז.

ארום חצות, דעם אוונט, ווען איך האב זיך צוריקגעקערט צו מיין וואוינונג און אנטוישטער פון דעם, וואס איך האב דאס מאל ניט געזען ביאליק'ן אין זיין שמחת-תורה-חדוה--

דיקן געמיט, האב איך באמערקט פון וויטנס דעם דיכטער שפּאַ-צירנדיק, אויף דער אלענבי גאַס, אין דער באַגלייטונג פון זיין פרוי.

בין איך באזונדערס געוועזן צופרידן צו זען ביאליק'ן, דאָך האב איך דאָס מאָל געוואָלט זיין אַ רואה ואינו נראה. האָט פּאסירט, אז ער האָט מיך באמערקט און אפּגעשטעלט, מיך פריינדלאַך באַגריסט און געפרעגט ווי דער עולם פראַוועט איצט שמחת-תורה. זאָג איך צו אים: „איר האָט אונז פאַרשטערט דעם יום-טוב. מיר זענען אלע געגאַנגען מקבל פּנים זיין דעם רבי'ן אין הויף און ניט געטראָפן דעם רבי'ן.”

דאָס מאָל האָט ביאליק אויסגעמיידט צו געבן מיר אַ קלאָרן ענטפער, פאַרוואָס ער האָט פאַרלאָזן זיין הויז. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט, צי אין גאַס פילט זיך איצט די יום-טוב'-דיקע חדוה, ניט קוקנדיק אויף דער אַלגעמיינער שווערער שטי-מונג צוליב דעם וואָס היטלער האָט געקראָגן די מאַכט אין דייטשלאַנד.

האָב איך דעם דיכטער מיטגעטיילט, אז היטלער'ן אויף צופּוקעניש האָט אויך היינטיקן שמחת תורה, ווי אלע מאָל, די יוגנט געזונגען און געטאַנצט אַ הארע לעבן אָפּערא-הויז און אויפן ברעג ים.

אין דער זעלבער צייט האב איך ביי ביאליק'ן, וועלכער האָט זיך אַקאָרשט אומגעקערט פון מערב--אייראָפּא, געפרעגט זיין מיינונג וועגן דער טרויעריקער לאַגע פון די אידן אין דייטש-לאַנד און וועגן דער צוקונפט וואָס דערוואַרט זיי. ביאליק האָט מיט מיר גערעדט באריכות וועגן דער פראַגע. איך וועל דאָ איבער-געבן אין קורצן דעם תמצית פון זיין שמועס:

„די פאַרפאָלגונגען און ענויים קשים, וואָס אידן שטייען איצט אויס אין דייטשלאַנד זענען געוויס שוידערלאַך, אָבער

איך האף, אז מעז יצא מתוק. מיט דער צייט וועט דאס אי־דישע לעבן דארט מער־וועניקער נארמאליזירט ווערן. עס וועט ווערן גלות־דייטשלאנד, ווי מיר האבן גלות פוילין א. ד. ג.

„אונזער געווינס אבער וועט באשטיין אין דעם, וואס דייטשע אידן, וועלכע זענען ביז איצט געווען אן אבר המדול־דל, אן אפגעריסענער גליד פון אידישן ארגאניזם, וואס האבן איבערגעריסן אלע באציאונגען מיט דעם אידישן עבר און מיט אידישער קולטור, וועלן זיך צו אונז צוריקקערן: „ושבו בנים לגבולם".

„ווייל אייגענטלאך, אויסער זיין רשעות און אידן־האס, וואס וויל היטלער דען האבן? ער וויל פארשטארקן און פאר־פעסטיקן דעם ריין דייטשען גייסט, אפהיטן דאס דייטשע פאלק פון פרעמדע קולטורעלע השפעות. די אידישע השפעה בא־טראכט ער פאר שעדלאך. צו דער זעלבער צייט אבער אנער־קענט דאך היטלער דאס רעכט פון אידישן פאלק צו ענטוויקלען זיין קולטור, זיין אייגנארטיקן נאציאנאלן גייסט.

„הרבה שליחים למקום. . . ניט שטענדיק איז כביכול אויסקלייבעריש, ווען ער דארף א שליח פאר זיין צוועק. דאס מאל איז היטלער געשיקט געווארן מן השמים, כדי צוריקצו־ברייגגן דאס אסימילירטע דייטשע אידנטום צום אידישן פאלק. ער איז דער מטה זעם, דער צארן שטאק, פון גאט. און אויך ער וועט באקומען זיין שטראף."

ווען איך האב ביאליק'ן אויסגעדריקט מיין פארוואונדע־רונג אויף דעם, וואס אזעלכע קינסטלער ווי גערהארד הויפט־מאן און גארקי שטיצן די דיקטאטארן אין זייערע לענדער, האט ער מיר געענטפערט:

„איך פארשטיי זיי גאנץ גוט. יעדער איינציקער דיכטער דארף מיטגיין מיט דעם רוב מנין ובנין פון זיין פאלק.

„דער נביא ישעיה, דער גרויסער מוכיח, האט גערופן די אידן: „זרע מרעים, בנים משחיתים", קינדער שלעכטע, זין פארדארבענע. כאטש די אידן זענען געווען פארדארבן, רופט דער נביא זיי „קינדער" און „זין". (דער דאזיקער רעיון, אויף אן ענלאכן אופן, איז ארויסגעזאגט געווארן פון תנא ר' מאיר'ן, אין מסכתא קידושין דף ל'ו. א.ש.)

„הויפטמאן און גארקי זענען געווים ניט מסכים מיט די מעשים תעתועים פון היטלער'ן און סטאלינ'ען. אויב אבער די מערהייט פון פאלק שטימט איין מיט די דיקטאטארס, דארפן אויך די שריפטשטעלער שטייען מיט זיי, ווייל אל תפרוש מן הצבור."

כדי מער קלאר מאכן ביאליק'ס בליק אויף דער גרויזאמער תקופה, ווען מיר דא ברייננגן א טייל פון א רעדע, וואס דער דיכטער האט געהאלטן פאר זשורנאליסטן אין א מסיבה, וואס איז איינגעארדענט געווארן פון דעם העברעאישן אוניווערזיטעט אין יאר תר'צג. דער דיכטער האט דאמאלט געזאגט:

„איך דענק, אז די איצטיקע תקופה איז א ווענדונגספונקט. דער היטלעריזם און די פארשטארקטע רדיפות אויף דעם וועלט-אידנטום זענען זייער ענלאך צו דער צייט פון חורבן, ווען מיר זענען פארטריבן געווארן פון אונזער לאנד אין דער גרויסער וועלט אריין און דורך אייניקע פארבארגענע צינורות, קאנאלן—עס איז אומפארשטענדלאך, וואס איז געווען דער צווייבער פון אידנטום אין יענער צייט!—באזיגט א גרויסן טייל פון דער געצענדינערישער וועלט. צוערשט דורך דעם אידישן העלעניזם און דערנאך דורך אנדערע קאנאלן האט דאס אידנטום זיך דורכגעבראכן א וועג און אריינגעדרונגען אין דער אלטער וועלט, וואס איז געווען מעכטיק מיט זיינע שאפונגען, אויפטוהונגען, פאליטיק, העלדנטום און זינד.

—„אין דער מעכטיקער וועלט האט אריינגעדרונגן א קליין, ארים פאלק פון פאסטוכער, סוחרים און בעל-מלאכה'ס—ישו הנוצרי איז, ווי באוואוסט, א זון פון א סטאליער. דעמאָלט זענען די אידן ארויסגעקומען אין דער ברייטער וועלט. און וואס איז געווען דער סוף דערפון? גרויסע טיילן פון אידנ-טום זענען אריינגעדרונגן אין די וועלט קולטורן פון יענער צייט, האבן זיך אויסגעמישט מיט די יסודות פון געצענטום און עס איז געבאָרן געווארן דאס קריסטנטום, וואס האט צוגע-געבן צו די אידישע ביישטייערונגן אן איינענעם צוגאב: די שנאה צו די אידן גופא. די גויים האָבן אנגענומען די יסודות פון אידענטום, האבן אמווייניגסטענס מינדלאך אנער-קענט דאס באקומען פון די מתנות און ביישטייערונגן וואס דאס אידנטום האָט זיי געבראכט. אבער אלס א פועל-יוצא פון דעם און ווי א „באלוינונג" איז געקומען די שטארקע שנ-אה צו די, וועלכע האבן זיי די מתנות און ביישטייערונגן גע-געבן.

„אויך איצט איז פאראן א געצענדינערישער קריסטנטום. עס זענען פאראן נייע אפגעטער: די ראסן-טעאריע פאליטיק אין איר אייצטיקער פארם, נאציאנאליזם אין ווילדער, בייזער חיה'שער פארם. וואס איז דאס אלץ, אויב ניט נייע אפגעטער? אבער אויך איצט וועט די וועלט געצוואונגן ווערן אנצונעמען טיילן פון אידנטום אין איר נייער פארם, אין איר סאָציאלער פארם. און איר וועט זעען, אז היטלער און דער היטלעריזם אין דער גאנצער וועלט וועלן זיין געצוואונגען, אזוי ווי די געצענ-דינער אין זייער צייט, אנצונעמען טיילן פון דער סאציאלער לערע. אבער די מתנה וועט קומען צו זיי צוזאמענגעבונדן מיט א שטארקער שנאָה צום אידנטום, וואס האָט אויף זיי ארויפגע-צוואונגן די פרינציפן פון דער לערע. און די שנאה וועט זיין

ביטערער און אכזריות׳דיקער פון דער פריערדיקער שנאה, ווייל זי וועט זיין באוואפענט מיט וויסנשאפט, גרינדליכקייט, טעכניק און ארגאניזאציאנס- קראפט.

„אין אזא צייט האבן מיר בלויז איין וועג: צו קאנצענטרירן אונזער לעבן, אפצוראטעווען דעם יתר הפליטה, מציל זיין די וואס אנטלויפן פון דעם חורבן, צו געבן זיי א מעגלאכקייט צו פאראייניקן ווידער דעם אידישן מוח מיט דער אידישער דערפארונג, דעם אידישן געפיל און אינסטינקט מיט קאנקרעטע, ממשות׳דיקע שאפונגען, צו דינען אלס א ביישפיל ניט נאר מיט ווערטער און דעקלאראציעס וועגן אידעען, נאר מיט דעם ממשות׳דיקן לעבן.

„דער אידישער אוניווערזיטעט דארף אויסקלייבן און צונויפזאמלען אונטער זיין דאך אט די מענשן, וואס זענען גרייט צו ארבעטן רואיק און מיט איבערגעבנהייט, מיט גלויבן און הארטנעקיקייט צו להכעיס די דאזיקע, וואס ווילן זען אונז פארטיליקט פון דער וועלט.

„מיר דארפן ממשיך זיין אונזער ארבעט מיט עקשנות, לערנען און צונויפזאמלען דאס בעסטע פון דער גאנצער וועלט און צו דעם מוסיף זיין אונזערס. (פון דעם בוך „ח. נ. ביאליק דברים שבעל-פה", חלק א׳).

אויף מיין פראגע צום דיכטער, צי ער האט געווארנט די אידן אין וויען, אז זיי זאלן באצייטנס אויסוואנדערן קיין ארץ-ישראל, ווייל אויך זיי קענען אינגיכן זיך געפינען אין דער לאגע פון די דייטשע אידן, האט ער מיר געענטפערט:

„איר ווייסט דאך, אז איך מיט ראווניצקי׳ן זענען פאר א סך יארן פאררעכנט געווארן צווישן די גוטע ציוניסטן. פלעג איך אפט מאל זאגן צו ראווניצקי׳ן, בעת מיר האבן געוואוינט אין אדעס: „נו, ווען פארן מיר קיין ארץ-ישראל?

אויך ראווניצקי פלעגט מיר אפט מאל שטעלן די דאזיקע פראַ־גע. דאָך זענען מיר פארבליבן וואוינען אין אדעס. פארוואָס? — גאָר פשוט: אין אדעס האָבן מיר זיך באשעפטיקט מיט פאַר־לאג טעטיקייט. פון דעם האָבן מיר געצויגן אונזער חיונה; און אויך זייער פיל אויפגעטאן פאר דער פארשפרייטונג פון דער העברעאישער ליטעראטור, ווייל אונזער פארלאַג „מוריה" פלעגט ארויסגעבן שיינע און ווערטפולע ביכער.

צו יענער צייט זענען נאָך ניט געווען אין ארץ־ישראל קיין דרוקערייען צו דרוקן די פראכט אויסגאבן, וואס מיר האבן פארעפענטלאכט אין אדעס. אויסער דעם איז דער ארץ־ישראל׳דיקער געברויך פאר העברעאישע ביכער געווען זייער באגרעניצט. ווען מיר זאלן דאמאלס זיך געווען באזעצען אין ארץ־ישראל וואלט איך געווען געדארפט זיך דערנערן פון מלמדות, זיין א לערער אין א שולע אין ארץ־ישראל, וואס איז מיר דערווידער.

„מיר זענען דעריבער פארבליבן וואוינען אין גלות ביז מיר זענען געצוואונגן געווען צו פארלאזן דאס ארץ־הדמים דאס בלוטיקע לאנד.

„היינט, אויב אזעלכע ציוניסטן ווי איך און ראווניצקי זענען פארבליבן אין גלות ביז אין דער לעצטער שעה, וואס־זשע קענט איר דערוואַרטן פון סתם אידן? אויך די וויענער אידן וועלן פארבלייבן אין עסטרייך ביז זיי וועלן זיין געצוואונגן צו פארלאָזן דאָס לאנד. אזוי איז געווען, און אזוי וועט זיין."

אונזער דעמאלטיקער געשפרעך האָט אנגעהאלטן עטלא־כע שטונדן צייט, און, כאטש איך האב ניט איינגעשטימט מיט אייניקע רעיונות וואס דער דיכטער האָט ארויסגעזאגט, דאך האָב איך זיך געפילט אמת שמחת־תורה׳דיק אין זיין געגנוואַרט.

ווייל ער איז געווען א פה מפיק מרגליות, פערל האָבן זיך אים געשיט פון מויל.

עס איז ניט אלעמאל וויכטיק וואס ער האט געזאגט, נאר ווי ער האט דאס געזאגט, די נביא׳שע התלהבות און פאטאָס, מיט וועלכן ער האט גערעדט. אשרי מי שזכה להתאבק בעפר רגליו!.

מיין לעצטע באגעגעניש מיט'ן דיכטער

א קורצע צייט, אין יאר 1933, האָט ביאַליק געוואוינט אין א האָטעל. נאָכדעם איז ער אריבערגעפארן קיין „רמת-גן", א קאלאניע לעבן תל-אביב.

ווי באוואוסט, פלעגט ער דורכפירן צוזאמען מיט ראווניצקי'ן פארשידענע ליטעראַרישע ארבעטן, ווי דעם צוזאמנשטעל פון דעם „ספר-האגדה", א.ד.ג. ראווניצקי פלעגט דערי־בער יעדן טאג קומען צו ביאליק'ן. שפעטער אבער ווען ביאליק האָט זיך באזעצט אין „רמת-גן", פלעגט ער קומען צו ראווניצקי'ן פאר געמיינזאמע ארבעט.

ביאליק'ס מקורבים און סתם אידן זענען ניט געווען צופרידן, וואס דער דיכטער האט פארלאזן תל-אביב, וואו זיין הויז איז געווען אפן פאר יעדן. ביאליק אבער האָט פעסט באַשלאָסן זיך ניט צוריקקערן קיין תל-אביב.

אינגיכן האט מען זיך דערוואוסט, אז דער דיכטער באזוכט אפט ראווניצקי'ן אין זיין הויז. האבן ביאליק'ס מקורבים אָנגעהויבן אָפּצושלאָגן די טירן פון ראווניצקי'ס הויז, כדי צו באגעגענען זיך דארטן מיט ביאליק'ן.

דער דיכטער איז ניט איבעריק צופרידן געווען פון די באַזוכן, ווייל מ'האט אים געשטערט אין זיין ארבעט. דאך פלעגט ער אויפנעמען די באזוכער זייער פריינדלאך און זיי בעטן צו ווארטן ביז ער וועט פארענדיקן זיינע דרינגענדיקע ארבעטן.

מיר איז דאמאלט אויסגעקומען זיך צו זען מיט ביאליק'ן אין ראווניצקי'ס הויז וועגן א וויכטיקן ענין:

אין ארץ-ישראל וואוינט אן אלטער העברעאישער שרייבער, אפרים ירושלמי. דער שרייבער האט פארעפענטלאכט אין „השלח" און אין אנדערע העברעאישע צייטשריפטן פילע ארטיקלען און אויך וויכטיקע ספרים איבער ביבל-פארשונג.

ה' ירושלמי איז א איד א זקן, א חלוש, דאך איז לא פסק פומגירסא. אויך איצט ארבעט ער אויף דעם געביט פון ביבלקריטיק און אויספארשונג. פאכלייט אויף דעם געביט האלטן זייער פיל פון זיינע ווערק.

צו יענער צייט איז ה' ירושלמי געקומען צו מיר און זיך באקלאגט, אז ביי אים זענען פאראן איינ‍יקע חשוב'ע חיבורים, וועלכע ער איז ניט אומשטאנד צו פארעפענטלאכן. אויסער דעם, אזוי ווי ער איז א איד א זקן, וויל ער באווארענען, אז זיינע ספרים זאלן ניט גייען לאיבוד נאך זיין טויט.

איך האב געראטן ה' ירושלמי'ן צו שאפן א קאמיטעט פון פרמינענטע שרייבער, וועלכע זאלן אויפפאסן אויף זיינע כתבים און מיטהעלפן צו פארעפענטלאכן זיי. אין דעם געפלאנטן קאמיטעט האבן געזאלט אריינגיין: ביאליק און, זיי צו לענגערע יאר, די פראפעסארן טארטשינער און דר. קלויזנער.

קודם כל האב איך זיך געווענדעט צו ביאליק'ן וועגן דעם ענין. איך האב דעמאלט געטראפן ביאליק'ן צוזאמען מיט ראווניצקי'ן ארבעטנדיק איבער דעם „ספר-האגדה". ביאליק האט מיך געבעטן צו ווארטן אין דעם ארבעטס-צימער ביז ער וועט פריי ווערן צו רעדן מיט מיר. איך האב דאן געהאט א געלעגנהייט צו געפינען זיך אין „בית-היוצר", אין לאבאראטאריע פון דיכטער און אים בעאבאכטן אין פראצעס פון זיין ארבעט.

די ארבעט איז געווען זייער אן אחריות'דיקע און קאמ-פליצירטע: זיי, ביאליק און ראווניצקי, האבן באדארפט דורכ-קיינען און פארגלייכען פארשיידענע נוסחאות פון די אגדות, קלאסיפיצירן, ערקלערן און קאמענטירן זיי. צו דעם צוועק האבן זיי זיך באנוצט מיט פארשידענע ווערק, ווי די ווערטער-ביכער פון פראפעסאר יאסטראוו, קאספער-לוואיעס א. א., מיט פארשידענע קאמענטארן און נאכדעם פלעגן זיי ממריע זיין וועגן דעם נוסח און דעם פירוש פון טעקסט.

דער געשפרעך צווישן זיי איז געפירט געווארן אין אידיש. ליינט ראווניצקי פאר אן אגדה, זאגט ביאליק צו אים מיט א גמרא-ניגון: „דו האסט „איבערגעפוצעוועט" אן אגדה, וואס דארף ארייננגיין פריער", אדער ער זאגט: „איך דענק, אז די אלע גדולים האבן ניט ריכטיק פארשטאנען די אגדה", און דער ביי גיט ער זיין אייגענעם פירוש

ביאליק האט גערעדט מיט גרויס באגייסטערונג וועגן דער נייער אויסגאבע פון „ספר--האגדה". ער האט געזאגט, אז כאטש ער ארבעט א סך יארן אויף דעם געביט פון דער אידי-שער אגדה, געפינט ער אלעמאל אויס נייע וואונדערבארע אג-דות, וואס זענען אוצרות פון גייסט.

„די וועלט ווייסט נאך עד--היום זייער ווייניק וועגן די פערל און בריליאנטן וואס זענען צושפרייט אין אונזערע אגדות," האט דער דיכטער געזאגט מיט גרויס התלהבות. דערביי האט ער מיר מיטגעטיילט אייניקע פון זיינע חידושים אין די אגדות. ליי-דער געדענק איך בלויז דעם פאלגענדן חידוש:

„די משנה זאגט: „די הייליקע שריפטן מאכן אומריין די הענט (כתבי הקודש מטמאין את הידים). איז דאך דאס אומפארשטענדלאך, פארוואס זאלן די הייליקע שריפטן מטמא זיין די הענט. איך ערקלער דאס אזוי: פארצייטן, ווען ספ-רים זענען געשריבן געווארן בלויז מיט'ן האנט, זענען די היי-

ליקע שריפטן געווען א יקר-המציאות—אין יעדער שול האט זיך געפונען בלויז איין ספר-תורה, וועלכע אלע אידן פלעגן ליינען. כדי די שריפט זאל ניט איבערגעפירט ווערן פון אפטן אנרירן מיט די הענט, האבן די חכמים צוליב דעם ארויס-געגעבן א געזעץ, אז די הייליקע שריפטן טאר מען ניט אנרירן."

ביאליק איז געווען פול מיט האפנונג, אז אים וועט זיך איינגעבן צו פארעפענטלאכן די נייע, דערגאנצטע אויסגאבע פון „ספר-האגדה" און אנדערע ארבעטן.

נאכדעם ווי ער איז פארטיק געווארן, האב איך אים מים-געטיילט וועגן מיין שליחות. ביאליק האט מיר געזאגט, אז ער האלט זייער פיל פון ירושלמי'ס ארבעטן אויף דעם געביט פון תנ"ך פארשונג.

„ירושלמי איז דער אידישער וועלהויזן (דער דייטשער ביבל--קריטיקער), האט דער דיכטער דערקלערט. און מערק-ווירדיק איז, וואס ירושלמי האט ניט געליינט ניט וועלהויזן'ען און ניט אנדערע גוי'אישע ביבל--קריטיקער. דער אלטער איז אן אפיקורס, אבער א גרויסער חריף*).

צו יענער צייט איז ביאליק געווען אידיש-טראדיציאנעל געשטימט. דעריבער איז ער, דער גרינדלאכער קענער פון דער ביבל, ניט געווען צופרידן מיט דער פרייער ביבל--קריטיק. אבער בדיעבד איז ער צופרידן געווען פון דעם, וואס דער זקן ירושלמי וויאגט ארויסצוזאגן אפיקורסישע געדאנקען וועגן דער ביבל. ירושלמי האט דאמאלט פארעפענטלאכט אין „העולם" א פאר ארטיקלען וועגן דער ביבל, וועלכע זענען ביאליק'ן זייער געפעלן געווארן.

---

*) צווישן די רתבים פון הי ירושלמי איז פאראן א חבור, אין וועלכן ער באווייזט, אז די „נביאי השקר" זענען געווען די אמתיע נביאים און פארקערט. . — א. ש.

„איר ווייסט, האָט דער דיכטער געזאָגט צו מיר, אין דעם „ספר-ביאליק," וואָס מיינע פריינד האָבן ניט לאַנג פאַרעפענט-לאַכט איז פאַראַן אַן אַרטיקל פון דעם טיפן דענקער יחזקאל קויפמאַן, וועלכער האָט גענאַשט אייניקע רעיונות פון אַלטן כאַטש ער דערמאָנט ניט זיין נאָמען.

„דער איינציקער חסרון איז, וואָס מען מוז דעם אַלטן רעדאַגירן מיט יאָרן צוריק, אין אַדעם, קומט ירושלמי צו מיר און ברענגט זיינעם אַ מאמר. איר ווייסט דאָך, אַז איך האָב אַ שטיקל ידיעה אין תנ"ך, פונדעסטוועגן האָב איך ניט פאַרשטאַנען וואָס ירושלמי ברענגט אַרויס אין דעם אַרטיקל.

שפּעטער אָבער, ווען איך האָב תופס געווען וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן, האָב איך דאָס אַרטיקל איבערגעשריבן און פאַר-עפנטלאַכט אין „השלוח". ערשט דאַן האָבן די לעזער פאַר-שטאַנען די טיפע רעיונות פון דעם זקן."

ביאליק האָט גערן אָנגענומען צו זיין אַ מיטגליד אין דעם קאָמיטעט פאַר ירושלמי'ס כתבים.

אין יענער צייט האָט ביאליק פאַרעפענטלאַכט זיין פּאָע-מע „אַלמנות"—אַלמנה'שאַפט, אין וועלכער ער שילדערט אין מעכטיקע פערזן די טראַגעדיע פון זיין מוטער:

פיל חרפּה בין איך אויסגעשטאַנען אין די יונגע יאָרן
און פיל האָב איך זיך אויסגעלערנט שפּעטער צו פאַרגעבן
די חרפּה אָבער פון דיין עלנט ברענט נאָך אַלץ אין מיינע ביינער
און כ'קען ניט מוחל זיין אויך דיר, מיין גאָט קען איך ניט מוחל זיין.

(איבערזעצט פון י. י. שוואַרץ)

די פּאעמע האָט געמאַכט אַן אומגעהויערן רושם אין ארץ-ישראל. פילע לייענער האָבן געוויינט, ווען זיי האָבן גע-לייענט די שילדערונג פון זיין ארימער מאַמע, „די נישט געטרייס-טע און ניט דערבארימטע,“ און אויך פון אנדערע סיעדיכעס, מאַרק-זיצערינס.

(אגב אורחא, אויף וויפיל מיר איז באוואוסט, איז ער גע-ווען דער ערשטער אידישער שרייבער, וואס האָט געשילדערט דעם טרויעריקן גורל פון די אידישע „סיעדעכעס“ און דוו שטעטלאך.)

איך האָב דערציילט ביאַליק׳ן, אז אידן האָבן מוריד דמ-עות געווען, געוויינט, ווען זיי האָבן געלייענט די פּאָעמע.

„איר ווייסט דאך, אז אידן האָבן ליב מוריד דמעות צו זיין, האָב איך זיי געגעבן א געלעגענהייט דערצו— האָט דער דיכטער געזאָגט אין שפּאַס. איך וועל אייך אבער דערציילן נאָך א מערקווירדיקערע זאך, האָט ער מוסיף געווען. אויך דער דיכטער יעקב שטיינבערג האָט מיר געזאָגט, אז ער איז געווען גערירט ביז טרערן פון דער פּאעמע, און דאָס איז פאר מיר אַן איבערראשונג, ווייל שטיינבערג איז ווייט פון סענטימענטן. ביז איצט האָב איך ניט געוואוסט, אז ער באזיצט אויך א פילענד הארץ.“

ביי מיר האָט דעמאלט דורכגעבליצט א געדאנק: ווי קומט עס; אז ביי אזעלכע פּשוט׳ע מענשן—א טאטע א שענ-קער און א מאמע א מארק-זיצערין—זאָל אויסוואקסן אזא געניאלער זון? איך האָב דעריבער געפרעגט ביים דיכטער וועגן זיין אפּשטאמונג. ער האָט מיר מיטגעטיילט, אז זיין מוטער שטאמט פון וואָלעדניקער רבי׳ן און דעם „בעל-שם“...

ווען ער האָט פארלאזן ראווניצקי׳ס הויז האָט ער מיך געבעטן אים צו באגלייטן. אויפן וועג אהיים האָט ער געשמועסט מיט א מוזיק-דירינענט, וועלכער האָט אים אנגעבאטן צו האלטן

א רעדע פאַר דער אויפפירונג פון הענדעל'ס אָראַטאָריע „בריאת-העולם". ביאַליק האָט זיך ענטזאָגט דאָס צו טון, ווייל ער איז אַ קנאַפּער מוזיקער. ער האָט אים געראַטן איינצולאַדן אַלס רעדנער אַ מוזיקער אַ פאַכמאַן — פּראָפעסאָר שאָר.

ווען דער מוזיקער האָט פאַרלאָזן ביאַליק'ן, האָט דער דיכטער צו מיר געזאָגט: „איר ווייסט, מיין וועג איז אַלעמאָל — בתוך עמי אנכי יושב, איך האָב ליב צו פאַרברענגען מיט פּשוט'ע אידן, און אַ פּשיטא שוין מיט אינטעלעקטועלע אידן דאָך מיסברויכן אפט מענטשן מיין פריינדלאַכקייט. אין תל-אביב פלעגט מען מיר שטערן אין מיין אַרבעט, אין רמת-גן אָבער, וואו מען שטערט ווייניקער, אַרבעט איך מער. אַט נעמט למשל, דעם מוזיקער. עס זענען פאַראַן אין ארץ-ישראל איניקע פאַכלייט מוזיקער, ווייל דער דיריגענט דוקא אָוועקרויבן מיין צייט מיט אַן איינלייטונגס-רעדע."

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן דער וואוינונג פון פישעל ליאַכאָווער. ביאַליק האָט מיך געבעטן צו וואַרטן אויף אים אַ פּאָר מינוט אין גאַס. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט האָט ער צו מיר געזאָגט:

„איר ווייסט וואָס הייסט אַ שלים-מזל? אַט שטייט ער פאַר אייך. איך האָב בעדאַרפט ברענגען ליאַכאָווער'ן אַ ספר און אַ קאַרעקטור. האָב איך פאַרמישט די יוצרות, ניט גע-בראַכט וואָס איך האָב בעדאַרפט ברענגען, און דעריבער וועל איך דאַרפן נאָך אַמאָל באַזוכן ליאַכאָווער'ן און דאָס וועט ביי מיר אַפּנעמען אַ סך צייט.

„דאָס וואָס י. ל. גאָלדבערג (אַ בעל-צדקה און מעצענאַט, וועלכער האָט פיל גוטס געטאָן פאַר'ן אידישן ישוב) טוט-אָפּ אין פינף מינוט צייט, נעמט ביי מיר שטונדן לאַנג. דערפאַר וואָס ביי מיר איז ניט פאַראַן קיין אָרדנונג אין מיין אַרבעט,

האָט זיך דער דיכטער באַקלאָגט. איך קען זיך ניט צופּאַסן צו דער היינטיקער „קאַרטעטעק—סיסטעם" פון וויסענשאַפטלאַכע אַרבעטער, און דעריבער נעמט ביי מיר צו פיל מער צייט די אַרבעט איבער דעם „ספר-האגדה".

אויפן וועג צום אויטאָמאָביל, מיט וועלכן ער איז גע-פאָרן אַהיים, האָט ער מיט מיר געשמועסט וועגן די יאָרן וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה. ער האָט מיר דערציילט, אַז אַ האַלב יאָר צייט האָט ער זיך געלערנט סטאָליעריי אין וואָלאָזשין, ווייל ער האָט געוואָלט זיין אַ יגיע-כפּים'ניק.

דאָרטן האָט ער מיט זיינע חברים געגרינדעט אַן אגודה מיט דער אויפגאַבע זיך צו פאַרנעמען מיט פיזישער אַרבעט און מיט דער צייט אָפּפאָרן קיין ארץ-ישראל.

„מיר זענען בעאיינפלוסט געווען, האָט ביאַליק געזאָגט, פון די תנאים און אמוראים וואָס האָבן געפּרעדיקט „אהב את המלא-כה,"—האָב ליב די אַרבעט. מיר זענען געווען מער נאַציאָנא-ליסטן, ווי סאָציאַליסטן. ניט ווי די היינטיקע „השומר-הצ-עיר"ניקעס, וועלכע זענען מער קאָמוניסטן, ווי ציוניסטן..."

ווען איך האָב זיך מיט ביאַליק'ן געזעגנט, פאַר מיין אָפּ-פאָרן קיין אַמעריקאַ, אין נאָוועמבער 1933, האָט ער געשפּרו-דעלט מיט ענערגיע, מיט שאַפונגס-קראַפט. ער איז געווען פול מיט פּלענער וועגן זיינע אייגענע יצירות און די זאַמעל-אַר-בעטן צו וועלכע ער האָט זיך איבערגעגעבן אין די לעצטע יאָרן. מיר האָבן געגלויבט, אַז ביאַליק וועט נאָך אַ סך יאָרן אַקערן און זייען אויפן פעלד פון דער אידישער קולטור און ליטעראַ-טור. צום באַדויערן איז ער פון אונז אַוועק פאַר דער צייט, אינמיטן פון זיינע פילע נייע שעפערישע פּלענער. אַ קליין

בלוט-קייקעלע איז געווען פיל מעכטיקער פון די הייסע תפילות פון כל-ישראל פאר זיין געזונד...

געזעגנונגס-שמועסן

דער העברעאישער שרייבער שלמה הלל׳ס, אן אינטימער פריינד פון ביאליק׳ן, גיט איבער אין דער צייטונג „הארץ״ אן אינטערעסאנטן שמועס פון דיכטער מיט אים, א קורצע צייט פאר זיין טויט. דער שמועס איז פארגעקומען אין א שבת בין-השמשות, אין דעם שיינעם באטאנישן גארטן אין „מקוה ישראל״, און טראגט דעם כאראקטער פון א השתפכות-הנפש, פון א וידוי. דער משורר לאומי האט געזאגט:

„באמת בין איך ניט פאסיק פאר דער איצטלא, מאנטל, פון א שרייבער. אלע מיינע יארן האב איך געארבעט עבודת-פרך אויף יעדער שורה, וואס איך האב געשריבן. ווען איך פארעפענטלאך א ליד פון הונדערט שורות, האב איך געשריבן און אויסגעמעקט צוויי טויזנט שורות. די לעזער האבן פארגעניגן פון זיי, ווי פון אן אפגעפוצטן שוך. אלעס איז גלאט, שיינט און איז א פארגעניגן פאר דעם אויג. אבער מיין פיין און מיין שווערע ארבעט ווייס בלויז איך.

„עס זענען פאראן מענשן, וואס זענען מער געבענטשט און באגאבט פון מיר· זיי גיט זיך זייער לייכט איין צו שאפן. ניט אזוי מיר. . .

„מיין טאטע, עליו השלום, האט מיט אלע זיינע פוחות געשלעפט זייער א שווערן וואגן, און יעדער פארבייגייער פלעגט נאכגיין נאכ׳ן וואגן און ארויפווארפן אויף אים זיין קלומעק, און נאך שווערער מאכן דעם וואגן, און מיין טאטע פלעגט ניט קוקן צוריק און ווייטער געשלעפט.

„מיין מוטער, עליה השלום, האָט אויך געאַרבעט שווער אַלע אירע יאָרן, כאָטש זי האָט געליטן פון עפּעס אַ קראַנקייט, וועלכע איז איר געקומען פון אַ שטאַרקן בריק פון אַ פערדישער קאַפּיטע. דער קלאַפּ האָט צייטנווייז געבראַכט דערצו, אַז זי פלעגט באַקומען אַ פּאַראַליז אַטאַקע. דאָך פלעגט זי ממשיך זיין איר אַרבעט, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין אַנדער אויסוועג. איך בין אויך אַזוי.

„אין מיין גאַנצן לעבנס-וועג, נאָך אין מיינע יוגנט-יאָרן, בין איך געווען באַזאָרגט: איך בין דאָך ניט פעהיק פאַר קיין זאַך. ווי אַזוי וועל איך באַקומען מיין חיונה, אַז איך בין ניט פאַרבעריייט פאַר'ן לעבן? דער געדאַנק באַאונרוהיקט מיך אויך איצט.

„קיינמאָל האָב איך ניט געהאַט קיין כבוד-אַמביציעס. אַדרבא, דער כבוד האָט מיך אַלעמאָל געדריקט, איז געווען פאַר מיר אַ משא. איך האָב קיינמאָל ניט געדענקט צו זיין אַ שרייבער. איך האָב געהאַט אַ דראַנג צו וויסנשאַפט, ניט קיין געפילשטע. אָבער עמיצער האָט אוועקגערוקט די רעלסן פון מיין לעבנסוועג אָן אַ זייט און פּלוצלינג זע איך, אַז מיין וואַגאָן איז אוועקגעשטעלט אויף אַן אַנדער לעבנס-סטעזשקע. . .

„איך האָב זיך באַשעפטיקט מיט וויסנשאַפטלאַכע אַרבעטן, אָבער ניט וועגן דעם האָב איך געדענקט. אַלע מיינע יאָרן האָב איך פאַרשוועגדט די כחות און ענערגיע אויף די יצירות פון אַנדערע. . .

„די איינציקע זאַך, וואָס באַפרידיקט מיך אַביסל, איז דער „ספר-האגדה", וואָס מיר האָבן אַרויסגעגעבן, ווייל דאָס איז אַ פאָלקס-בוך און דאָס פאָלק וועט עס אַלעמאָל שטודירן. דערייבער איז דאָס בוך פאַרשפּרייט געוואָרן אין אַזאַ גרויסער צאָל, מער פון הונדערט טויזנט עקזאַמפּלאַרן.

„דאס צווייטע בוך וואס באפרידיקט מיך איז דאס בוך „שירי בן גבירול". מיט דער ארבעט האָבן מיר געדאַטעוועט פון פאַרניכטונג די וואונדערבארע פאעזיע פון דער פאַרגאַנגענהייט. איך רעכן ניט מער צו ארבעטן אין דער ריכטונג, ווייל ס'איז פאראן א שאָקען אין בערלין (צו יענער צייט האָט דער מעצע-נאט ה' שאָקען געוואוינט אין בערלין. ער האָט דארטן גע-שאפן אן אינסטיטוט פאַר דער פארשונג פון דער העברעאי-שער מיטלאלטערלאכער פּאָעזיע א.ש.)· זאָלן זיי טון די גרויסע און וויכטיקע ארבעט. . . איך וועל זיך אפּרוען. . ·

„מיין פאטער און מיינע פעטערס האָבן געארבעט עבודת-פרך און נאָכדעם זענען זיי באפאלן געוואָרן פון א שווערער פוילקייט, פון וועלכער זיי האָבן זיך ניט געקענט באפרייען. אויך אין מיר איז פאראן אזא מין עצלות נאָך דער שווערער אדבעט.

„אז א מענש ווערט זעכציק יאר אלט, דארף ער דענקען וועגן סוף און שטערבן צו רו. . . קיין תל-אביב דענק איך ניט זיך אומקערן. ווען איך זאל האָבן געלט-מיטלן, וואלט איך גענומען צו מיר אין הויז אריין איניקע יונגעלייט, וועלכע זאלן זיך באשעפטיגן מיט זאמל-ארבעט. טייערע אוצרות זענען בע-האלטן אין די ספרים פון שי"ר, יעקב רייפמאן און נאָך פילע-און פארוואָס זאָלן זיי פארלארן גיין און ניט פארעפענטלאכט ווערן, אז אנדערע זאלן זיך מיט זיי באנוצן?

„ווען מיר וועט זיך איינגעבן אויפצובויען מיין הויז אין „רמת-גן," וועל איך אפשר קענען ווידמען פאר דעם צוועק א געוויסע סומע געלט."

ש. הלל'ס פארענדיקט זיין ארטיקל מיט פאלגענדע האר-ציקע שורות: „איך האָב געבראכט בלויז איניקע אויסציגע פון דעם וויכטיקן שמועס, וואס איך האָב באוויזן צו פארצייכענען אין דעם אָוונט. פילע געסט וואס זענען געווען ביי אונז דעם

אָוונט, האָבן אפשר באמערקט, אז ביאַליק׳ס געמיט איז דעמאָלט ניט געווען קיין דערהויבענער. אויך זיצענדיק דאן צוזאמען מיט זיינע פריינד און פילע פארערער, האָט ער זיך פארטיפט אין ליינען. זיי האָבן ניט געוואוסט וועגן זיין שמועס מיט מיר אין בין-השמשות צייט.

„און אויך איך האָב ניט געוואוסט, אז דאָס איז דער לעצ-טער אָוונט וואס ביאַליק איז אין אונזער הויז. ווי צו אונז, וואס מיר זענען געקומען דערצו!״

דער העברעאישער שרייבער ה׳ שמואלי גיט איבער אין דער ציטונג „הארץ״ זיינע שמועסן מיט ביאַליק׳ן אין „רמת-גן״. וועלן מיר דא ברענגען אין א פרייער איבערזעצונג איניקע אינ-טערעסאנטע שטעלן פון דעם ארטיקעל:

„אין דעם לעצטן יאר פון זיין לעבן האָט ביאַליק געוואוינט אין רמת-גן. ער האָט בדעה געהאט דארט אויסבויען פאר זיך א הויז אויף איינעם פון די שיינע בערגלאך לעבן דער קאָלאָניע. דערמיט האָט ער מרמז געווען, אז ער שטרעבט צו דערווייטערן זיך פון שטאָט, פון איר טומעל און רעש, מתבודד זיין זיך אין זיין ווינקעל מיט זיך אליין. . .

„דאָס קומען פון ביאַליק׳ן קיין רמת-גן איז באוואוסט גע-ווארן אין דער קאלאניע און אן אנדער גייסט האָט זיך געפילט ארום. שטילערהייד און מיט איינגעהאלטענער התלהבות איז איבערגעגעבן געווארן די בשורה פון מויל צו מויל — „ביאַליק אין רמת-גן״ נייגעריקע בליקן פלעגן אים באגלייטן בשעת זיינע שפאצירן וואס ער פלעגט שטענדיק מאכן אינדערפרי און אין אָוונט. א באזונדערס שטארקן אויפבדרויז האָט זיך געפילט צווישן די שול קינדער, וואס ביאַליק איז צווישן זיי. נאענט צו זיי, און ניט איין קינד פלעגט זיך בארימען פאר די חברים מיט

גרויס התפעלות: „היינט האָב איך געשמועסט מיט ביאַליק'ן". די קינדער האָבן געשפּירט דעם וואונדערבאַרן, גרויסן מענשן, וואס גייט אַרום צווישן זיי.

— — — ווען ביאַליק פלעגט שמועסן, האָסטו געפילט ווי שווערע גאָלדענע רענדלאך קייקלען זיך און פאַרשפּרייטן זיך אין אַלע זייטן אַזוי, אַז עס איז שווער אפילו צונויפזאַמלען און צונויפקלייבן זיי אין איין הויפן . . .

— — — פּשוט'ע זאַכן, וואס געוויינלאַך שענקען מיר זיי ווייניק אויפמערקזאַם, זענען פאַר ביאַליק'ן געווען אַ שטויס-קראַפט פאַר טיפע און העכערע רעיונות.

— — — ערגעץ וואו זענען געשטאַנען עטלאַכע מאַראַנצן-בוימלאַך, מיט פערדאַרטע און פאַרשטויבטע צווייגלאַך, וועלכע זענען צוליב דעם הייזער-בוי „בום", וואס האָט דאַן אַרומגעכאַפּט דעם ישוב, פאַרבליבן ווי אַ זכר-לחורבן, נאָכדעם ווי די ביימער פון פּרדס זענען אַרויסגעריסן געוואָרן. אַנווייזענדיק אויף דער טראַגישער דערשיינונג האָט ביאַליק מיט גרויס אויפרעגונג גערעדט וועגן אונזער אויסגעוואַרצלטקייט און דעם מאַנגעל פון עכטער קולטור ביי דעם „עם-הספר", וואס ווייסט נאָך ביז איצט ניט דעם בעדייט פון אַ בוים, וואס איז איינגעוואַרצעלט אין באָדן און דעם כבוד מיט וועלכן, באַזונדערס מיר, דאַרפן זיך באַציהן צו אים.

נאָכדעם איז ער אַריבערגעגאַנגען צו דער קללה פון שפּעקולאַציע, וועלכע רואינירט אונז און צושטערט אַלע אונזערע אידעאַלן און שטרעבונגען. דער רושם פון זיינע ווערטער איז געווען ווי איינער פון די פאַרצייטיקע נביאים וואָלט געשטראָפט דאָס פאָלק אין נאָמען פון גאָט.

— — — מיט אַ באַזונדער ליבע פלעגט ביאַליק רעדן וועגן דער קלאַסישער רוסישער ליטעראַטור, וועגן גאָגאָל'ן, פּושקינ'ען, טאָלסטאָי'ען און דאָסטאָיעווסקי'ן, די גייסטיקע ריזען, וואס האָבן

בעשאפן נייע וועלטן און וואונדערבארע קולטור-ווערטן אויפ׳ן גייסטיקן געביט און דאס אלץ מיט פשוט׳ע ווערטער און אויסדריקן, וואס מיר געפינען ניט ביי אנדערע פעלקער. דעריבער האט ער באזונדערס פארערט טשעכאוו׳ן, דעם קינסטלער פון דעם געשליפענעם און זאפטיקן ווארט.

וועגן דעם ענין האט מיר ביאליק דערציילט: דער באוואוסטער שרייבער גארקי האט אין אנהויב פון זיין ליטעראַרישער שאפונג איבערגעגעבן טשעכאוו׳ן זיינע א דערציילונג, כדי טשעכאוו זאל ארויסזאגן זיין מיינונג וועגן איר. טשעכאוו האט אנגעטראפן אין דער דערציילונג אזא זאץ: „ער איז געזעסן אויפ׳ן הויכן און זאפטיקן גראז״. וועגן דעם זאץ האט טשעכאוו געזאגט גארקי׳ן: „צוליב וואס שרייבסטו „אויפ׳ן הויכן און זאפטיקן גראז״? קענסט דאך זאגן גאנץ פשוט — „ער איז געזעסן אויפ׳ן גראז״, איז דאס דען ניט גענוג? די שארפזיניקע באמערקונג פון טשעכאוו׳ן, האט ביאליק באמערקט, ענטהאלט אין זיך א פאלשטענדיקע טעאריע פון קונסט.

ער האט אנגעוויזן אויף דעם, אז די רוסישע ליטעראטור ציי־כענט זיך אויס מיט איר איינגעווארצלטקייט, מיט דעם וואס די יצירות פון די שפעטערדיקע שרייבער זענען א המשך פון זייערע פארגייער.

ביאליק האט דערביי דערציילט, אז ער האט אמאל אין א מסובה פון באוואוסטע רוסישע שריפט-שטעלער ארויסגעזאגט א מיינונג וועגן דער רוסישער קלאסישער ליטעראטור, און זיין מיי־נונג, וועלכע האט ביי די רוסען שטארק אויסגענומען, האט ער בערך, אזוי אויסגעדריקט:

„די קלאסישע רוסישע שאפונג איז שטענדיק א לעבעדיקער המשך פון א העכערן שטאפעל צו די פריערדיקע שעפער. דער זון באזאראוו אין טורגעניעוו׳ס ווערק „פאטערס און קינדער״,

װעלכער קומט צוריק צו זײן פאטערס גוט, רעװאָלטירט קעגן אַלץ װאָס איז אַנגענומען, פעראַכט די טראַדיציע פון די פריערדיקע דורות, איז דער המשך פון דעם זון אין גאָגאָל'ס װערק „טאַראַס-בולבע", װאָס זײן ערשטער טאַט, בעת ער באַגע-גענט זיך מיט'ן פאָטער, איז צו „פאַרנײַנען אַביסל".

„בנוגע דער העברעאישער ליטעראַטור פלעגט ער זיך באַקלאָגן אויף דעם, װאָס בײַ אונז פעהלט דער המשך. שױן ניט רײדענדיק װעגן די אוצרות פון אונזער אַלטער קולטור, האָבן מיר דאָך לעצ-טענס געהאַט אַ גרױסע צאָל אַנגעזעהענע שרײבער — מענדעלע, שלום-עליכם, פּרץ, בערדיטשעװסקי און אחד-העם. און װאו איז זײער המשך? מיר פאַרלאָזן די דאָזיקע געבענשטע קװאַלן, צוליב אַ פאַרבײַגײענדיקער מאָדע, פון װעלכער עס װעט קײן שריד-ופּליט ניט בלײַבן. אָהן די דאָזיקע יסודות װעט אונזער קולטור אין ארץ-ישראל ניט אויפגעבױט װערן און דער מלך װעט פאַרבלײַבן נאַקעט . . .

אײן בערגל איז געװען אין רמת—גן, װעלכעס ביאַליק האָט אי-מער ליב געהאַט צו באַזוכן אויף זײַנע שפּאַצירן. װען געסט האָבן אים באַזוכט, פלעגט ער זײ ברענגען אַהין. פון שפּיץ-בערגעל האָט מען געזעהען אַ װוּנדערבאַרע לאַנדשאַפט פון פּרדסים און הײַזער, אײַנגעטונקען אין גראָז, אַ בילד פון תל-אביב אין איר גאַנצן שטח, אַרומגערינגעלט פון דעם בלויען ים. בײַנאַכט האָבן פון װײַטענס געפינקעלט מאַסן ליכט, באַזונדערס, בעת דער אויסשטעלונג. אין אײנע פון די נעכט, בשעת אַ שפּאַציר אויף דעם בערגעל, האָב איך געצװיגן דעם דיכטערס אויפמערקזאַם אויף דער שענקײט פון די ליכטער אויפ'ן האָריזאָנט.

ביאַליק האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט מיט רוגזה: „איך קען ניט פאַרטראָגן די אַלע ליכטער, װעלכע זענען פּוסט און זאָגן מיר אַבסאָלוט גאָר ניט. „בוטאַפאָרע", דער באַגריף פּאַסט זיך פאַר

זיי — שטאַטישע קליידער און שטאַטישע בלומען, וואָס ענטהאַלטן ניט קיין ממשות'דיקעס, קיין לעבעדיק-אמת. קוק אהין — האָט ער אָנגעוויזן מיט זיין האַנט אַרונטער — צו דעם פינסטערן טאָל, וואָס איז פאַרשפּרייט מיט צניעות'דיקע, איינזאַמע ליכטלאַך, וועלכע שטראַמען אַרויס פון אַ פענסטער אין אַ הויז אָדער פון אַ היל-צערנעם באַראַק — דאָס איז אמת'דיקע ליכט, וואָס דערוועקט אין געדאַנק אַ רייכע אַסאָציאַציע פון אַ פול לעבן, וואָס איז בעהאַלטן הינטער זיי, וואָס איז פאַרבונדן מיט'ן לעבן פון מענטשן, מיט זיין שווערער לאַסט, צער און פרייד, און דעריבער באַפרוכפּערט עס די פאַרשטעלונגס קראַפט און וויזיע."

אין יענער נאַכט האָב איך געפילט דעם באַגריף פון פּוסטער שיינקייט אין זיין גאַנצער טיפקייט.

און אין איינעם פון די טעג האָבן מיר געזעהן ביאַליק'ן אַ באַזאָרגטן, אַרומשפּרייזן. די קנייטשן אויף זיין געזיכט זענען געוואָרן טיפער און טיפער . . .

ביאַליק האָט פאַרלאָזט רמת-גן פאַר זיין לעצטע פאַטאַלע נסיעה. אַלעס אַרום איז פאַריתום'ט און פאַרשטומט געוואָרן, און אין איין טריבן פרי-מאָרגן, ווען דער מענטש איז אויפגעשטאַנען צו זיין אַרבעט אין אָנקום פון דעם נייעם טאָג, האָט אונז דערגרייכט דער אומגליק און דאָס ליכט איז פאַר אונז פינסטער געוואָרן. מיט שרעק האָבן מיר זיך איינגעקלאַמערט אין דער דערשיטערענדער ידיעה, וואָס האָט אַרויסגעקוקט צו אונז פון דער שוואַרצער ראַם אין דער פריה-מאָרגן צייטונג: ח. נ. ביאַליק איז ניטאָ מער — —

די לעצטע רעדע פאַר זיין פאַטאַלער נסיעה קיין וויען, פון וואַנען ער האָט זיך ניט צוריקגעקערט, האָט ער געהאַלטן אין „אהל שם". די רעדע איז דער „אני מאשים", איך באַשולדיק, פון ביאַליק'ן קעגן די שווערע זינד פון דעם ישוב. אָט וואָס דער דיכטער האָט געזאָגט:

„דער ישוב איז קראנק, און דאס זענען די סימנים פון זיין קראנקייט: א) בנוגע צו אונזערע ברידער, וואס האבן זיך אהער געראטעוועט פון דייטשלאנד און אנדערע לענדער. אנשטאט צו זארגן פאר זיי, צוגרייטן פאר זיי א מקום מנוחה, א דאך איבערן קאפ — זאל זיין כאטש אין צריפים, הילצערנע באראקעס, — האבן מיר אויסגענוצט זייער אומגליק. מיר האבן געהעכערט די דירה-געלט און אוועקגערויבט ביי זיי זייערע לעצטע פרוטות. ב) די העס-ליכע ספעקולאציע, וואס פרעסט אונז אויף ווי פארצייטן. דער בלאנק פון גאלד האט אונז פארבלענדעט. מיר בארימען זיך מיט אויפשטייג, מיט אויפבלי, בעת ס'איז דא בלויז א פוסטע מהומה פון ספעקולאציע. איין דונאם ערד געהט איבער צעהן מאל פון האנט צו האנט, יעדעס מאל מיט א געהעכערטן פרייז — און מיר מיינען אז דאס איז „פראספעריטי". יעדער דונאם באדן איז ווערט נאר אזוי פיל, וויפיל ער ליפערט שפייז דעם מענשן בעת ער איז אין א נויט. מיר טוען אבער מיט דעם באדן דאס זעלבע, וואס די ספעקולאנטן האבן געטון בעת דער מלחמה און רעוואלוציע אין רוסלאנד. איין זאק מעהל פלעגט איבערגעהן פון האנט צו האנט, און ביי יעדן איבערגאנג איז זיין פרייז געשטיגן ביז צו דער ווילד-סטער הויך. אבער סוף כל סוף איז דאס געווען ניט מער ווי איין זאק מעהל און די פאנטאסטישע „מיליאנען" זענען פארשוואונדן ווי רויך. ג) דאס לויפן פון דארף אין שטאדט. גאט האט מיט אונז געטאן א חסד, וואס ער האט אונז געבענשט מיט'ן אידישן ארבעטער, וואס איז געגאנגען אין דארף אריין, כדי צו באנייען די יסודות פון אונזער לעבן — אונז צובינדען צו דער ערד. אבער איצט, צוליב דער פאלשער מהומה פון פראספעריטי אין שטאדט,ווארפט דער ארבעטער אוועק זיין שווערע ארבעט אין דארף און לויפט אוועק צום גרינגן לעבן אין שטאדט, און דערפון נעמט זיך אויך די צרה פון „פרעמדער ארבעט". דאס גרויסע געווינס פון

צעהנדליקע יארן, די גרויסע נאציאנאלע פעסטונג — די אידישע ארבעט, ווערט חרוב און מיר שטעלן זיך ניט די פראגע: וואס וועלן מיר טאן מארגן אין טאג פון אויפברויז און סכנה, ווען פרעמדע ארבעטער וועלן פול מאכן אונזערע קאלאניעס? ווער וועט אונז ביישטעהען און ווער וועט אונז שיצן אין טאג פון שטורם? ד) די הויפט קראנקייט אונזערע איז — די שרעקליכע אינעווייניקסטע צוברעקלטקייט, די פיל-פארטייאישקייט, דער ברו-דער-האס, וואס פרעסט אונז אויף, דער אינעווייניקסטער חורבן פון די פארטייען, ווי זיי האבן זיך ארויסגעוויזן ארום דעם באוואוסטן פראצעס (דער פראצעס וועגן די באשולדיקטע אין דר. ארלאזאראף׳ם טויט א. ש.).

„דער ישוב אונזערער, האט דער דיכטער פארענדיקט זיין רעדע, איז קראנק און קראנק איז תל-אביב. הלואי, ווען איך וועל זיך צוריק אומקעהרן, זאל איך זוכה זיין צו זעהן סימנים פון אויסבעסערונג".

די לעצטע טעג פאר זיין פטירה

דר. דוד ראטבלום, אן אינטימער פריינד פון דעם דיכטער, האט פארעפנטליכט אין דער העברעאישער צייטונג „הארץ" באלד נאכ'ן טויט פון דיכטער אן ארטיקל, וואו ער שילדערט ביאליק'ס לעצטע טעג אין וויען. מיר ווען דא איבערגעבן אייניקע טיילן פון דעם זעהר אינטערעסאנטן ארטיקל:

„דעם 12-טן יוני, 1934, אינדערפריה, האבן מיר באגעגנט ביאליק'ן אין אן אויסגעצייכנטן געמיט-צושטאנד. אויך פרוי ביאליק האט אויסגעזעהן גוט.

„נאך דער ערשטער באגריסונג האט ביאליק אונז דערציילט, אז די נסיעה איז געווען א וואונדערבארע און אז אויף דער שיף האט ער אפגעפרישט זיינע כוחות. ער האט צוגעגעבן: „די לאנדשאפט, וואס מיר זענען פארבייגעפארן אין עסטרייך, איז מלא חן. די שעהנקייט פון די בערג ארום וויען מאכט מענשן ממש פאררוקט. א וואונדערבארע סביבה!"

„ווען מיר האבן געגעסן פרישטיק, האט אונז ביאליק דערציילט אין א שפאס, אבער אויך מיט ערנסטע און טיפע באמערקונגען, וועגן א פאסירונג, וואס האט געטראפן אויף דער שיף:

א ספרדישער יונגערמאן, א פארביטערטער און א סקעפטיקער, האט פארפירט א שמועס מיט א פרומען פוילישן אידן פון לאדז, וואס האט אין ארץ ישראל אנגעזאמלט א גרויס פארמעגן. אין לויף פון דעם שמועס האבן זיי אנגעהויבן רעדן וועגן רעליגיעזע ענינים. מיט גרויס התלהבות האבן זיי געפירט א וכוח וועגן גן-עדן און גיהנום, וועגן שכר און עונש אויף יענער וועלט. דער וכוח איז

אַזוי ווייט אַוועק, אַז דער פּוילישער איד האָט פאַרגעשלאָגן דעם ספּרדישן יונגענמאַן, אַז יענער זאָל אים פאַרקויפן זיין חלק עולם-הבא.

דער ספּרדי האָט איינגעשטימט, און ביידע צדדים האָבן אָנגעשריבן אַ קאָנטראַקט צווישן זיך, לויט וועלכן דער ספּרדי האָט פאַרקויפט דעם פּוילישן אידן זיין חלק עולם-הבא פאַר 20 פונט. אויף דער שיף האָט מען פיל גערעדט דערפון, ביז ביאַליק האָט זיך וועגן דעם דערוואוסט.

דער דיכטער איז געווען זעהר אויפגעבראַכט קעגן דעם מקח-וממכר, און דעריבער האָט ער איינגעלאַדן דעם ספּרדי צו זיך און אים געמאַכט אַ שטרענגן פאַרוואורף פאַר דער לייכטזיניקייט, מיט וועלכער ער באַציהט זיך צו זאַכן, וואָס זענען פאַרבונדן מיט נצחיות, און אים אָנגעוויזן אויף דער געמיינהייט פון זיין טאַט. דער מאָראַלישער פאַרוואורף האָט געווירקט אויף דעם ספּרדי אַזוי, אַז ער האָט פאַרזיכערט דעם דיכטער, אַז ער איז גרייט צו נעמען אויף זיך יעדע שטראָף, וואָס מען וועט אויף אים אַרויפוואַרפן און אַז ער איז גרייט מבטל צו זיין דעם אָפּמאַך.

דעמאָלט האָט דער דיכטער איינגעלאַדן דעם פּוילישן אידן צו זיך, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער איד איז ניט בלויז אַ פרומער, נאָר אויך אַ תלמיד-חכם. ביאַליק האָט געמאַכט דעם אידן אַ שטאַרקן פאַרוואורף און האָט אים געזאָגט, אַז ער איז דער שולדיקער, ווייל ער האָט אָנגעבאָטן דעם ספּרדי דעם מקח-וממכר, און אים געבראַכט צו אַזאַ לייכטזיניקן שריט, אַ זינד און פאַרברעך.

ווען דער פּוילישער איד האָט געזאָגט ביאַליק'ן, אַז ער האָט דאָס געטון כדי צו באַשטראָפן דעם אפּיקורס, דעם ספּרדישן אידן, האָט ביאַליק אים געזאָגט, אַז ער זאָל זיך ניט איינרעדן דאָס ער וועט באַקומען „אויף יענער וועלט" דעם ספּרדי'ס טייל גן-עדן, נאָר דורך דער קניה פון יענעמ'ס עולם הבא האָט ער אויך אָפּגעקויפט

דעם ספרדי׳ם עונש פאר אלע עבירות, וואס יענער איז אין זיין לעבן באגאנגען.

דער פוילישער איד האט זיך דערשראקן פון ביאליק׳ס פירוש און האט מודיע געווען, אז ער איז גרייט מבטל צו מאכן דעם אפּ-מאך און געבעטן ביאליק׳ן אים מיטצוהעלפן אין דעם.

ביאליק האט דערקלערט דעם אידן, אז ער וויל זיך ניט מישן אין דעם ענין. ער האט אים געראטן, אז זיי זאלן דעם סכסוך אי-בערגיבן צו בוררים. דער פארשלאג איז אנגענומען געווארען. די בוררים האבן אויסגעגליכט דעם סכסוך צווישן ביידע צדדים דער-מיט, וואס זיי האבן דעם אפמאך מבטל געמאכט און באשטראפט ביידע צדדים: דעם פוילישן אידן מיט 70 פונט און דעם ספרדישן מיט 30 פונט.

אין דעם ארטיקל גיט איבער דר. ראטבלום אויך א באמערקונג פון ביאליק׳ן וועגן זיך: ער האט געזאגט, אז יעדעס מאל ווען ער דארף רעדן פאר אן עולם, שרעקט ער זיך אביסל. ער האט אונז דערציילט, אז ביים ערשטן באנקעט וואס מ׳האט איינגעארדענט פאר אים אין ווארשא איידער ער האט פארלאזן די שטאָדט, נאכ-דעם ווי דער „השלח" האט אויפגעהערט צו ערשיינען, איז אויף איינעם פון די רעדנער, א באוואוסטער שרייבער, געפאלן אזא שרעק, אז ער האט געמוזט אונטערברעכן זיין רעדע.

„דער רעדנער האט מיך פארגליכן צו א דעמב און האט גערעדט א סך וועגן די אייגנשאפטן פון דעם בוים, און האט זיך אזוי פאר-פּלאנטערט, אז ער האט ניט געקענט ענדיקן די רעדע".

„פינף אזייגער נאכמיטאק, שרייבט וויטער דר. ראטבלום, בין איך געגאנגען מיט ביאליק׳ן שפּאצירן אין פארק. ביאליק האט די גאנצע צייט גערעדט בלויז וועגן ארץ-ישראל׳דיקע ענינים. קודם-כל, וועגן די פארטיי-קריגערייען. ער דענקט ניט, אז די מחלוקת׳ן וועלן

אפשטעלן דעם אויפבוי פון לאנד, אבער דאס וועט געווים פיל שטערן.

„ער האט אויך גערעדט וועגן די אימיגראציע באשרענקונגען מצד דער ענגלישער רעגירונג. אויף א מאמענט האט ער זיך אפגעשטעלט, מיך אנגענומען ביים עלנבויגן, אויפגעהויבן די אויגן און געזאגט: „דאס איז א היסטארישע עולה, וואס מען טוט אונז. קיינמאל וועלן זיי, די ענגלענדער, זיך ניט קענען רעכטפערטיקן פאר דעם געריכט פון דער געשיכטע. ארץ-ישראל איז די נאציאנאלע היים, וואס מ׳האט אונז מבטיח געווען און זי געגעבן צו אונז, אן אפמאך, וואס איז אנגעשריבן און גע׳חתמ׳עט. איז וואו איז דאס געהערט געווארן אזא זאך, אז מ׳זאל א פאלק ניט געבן קיין דריסת-הרגל אין זיין אייגן פאטערלאנד?״

ווען זיי זענען דעם צווייטן טאג געפארן צום סאניטאריום, וואו מען האט בעדארפט ביאליק׳ן אונטערזוכן, האט ער אויפ׳ן וועג געזאגט צו דר. ר., אז ער וויל זעהר זעהן דעם דריטן באנד פון דעם „ספר-האגדה״, וואס ער גיט איצט ארויס צוזאמען מיט ראווניצקי׳ן אין א נייער אויסגאבע.

ער האט געזאגט, אז „דער דריטער באנד איז א נאציאנאלער אוצר, וועלכער שטייגט אריבער די ערשטע צוויי בענדער. אין דעם באנד איז אויפגעזאמלט אזוי פיל נאציאנאלע חכמה, נאציאנאלע רעיונות און געפיהלן פון אידישן פאלק, אז מיר דארפן זיך באציהען צו דעם באנד ווי צו א גרויסן ווערק פאר זיך גופא. צום סוף האט ער מוסיף געווען:

„מיר דארפן אויסגראבן נאך זעהר א סך נאציאנאלע אוצרות. אין דער הינזיכט האבן מיר ביז איצט זעהר ווינציק אויפגעטון. מיר האבן נאך ניט אויסגעפארשט דאס גייסטיקע לעבן פון אונזער פאלק אין די פריהערדיקע יאָרהונדערטער. מיר האבן נאך ניט אפילו קיין איין ריכטיק געשיכטע-בוך. יאסט, צונץ, גרעץ, דובנאוו

און אלע זייערע פארגייער און נאכפאלגער האבן געטון בלויז פאר-בערייטונגס-ארבעטן".

ווען זיי זענען געקומען אין סאניטאריום, האט ביאליק זיך אוועקגעזעצט אויף א שטול, פאררויכערט א סיגארעט און אנגע-הויבן רעדן וועגן סטיל און פארם. ער האט זיך אפגעשטעלט אויף דעם רמב"ם, אויף וועמען ביאליק האט געזאגט, אז זיין סגנון איז געווען דער קאנצענטרירטסטער, קלארסטער און פיינסטער צווישן אלע פילאזאפן, רבנים און שרייבער פון מיטל-אלטער. ער האט זיך זעהר מצער געווען פון דעם, וואס אפילו תלמידי-חכמים לערנען ווינציק דעם „משנה-תורה, שוין אפגערעדט פון דעם, וואס דאס ספר האט ניט אריינגעדרונגען צווישן די ברייטע שיכטן פון פאלק. און ער האט מוסיף געווען:

„דער רמב"ם איז איינער פון די פלענער, וואס זייער פארווירק-ליכונג האב איך מיר געשטעלט פאר מיין לעבנס-ציעל. אמאל שרעק איך זיך, אז איך וועל אוועק פון דער וועלט ניט דערגרייכנדיק דעם ציעל, וואס איך האב זיך געשטעלט. צו די פלענער געהערן, אויסער די פולשטענדיקע אויסגאבע פון „ספר-האגדה", אויך דער „ספר-השבת" — שבת-בוך — „ספר ישראל", די „משנה-תורה", אויס-געפארשט אויף א וויסנשאפטליכן אופן.

„די אגדות פארענדיק איך איצט צוזאמען מיט ראווניצקי'ן. דאס „שבת-בוך" איז ערשט אנגעהויבן געווארן און איך האף, אז דאס בוך, וואס וועגן זיינע פארבערייטונגען האב איך שוין גע-רעדט מיט מיינע פריינד אין ארץ-ישראל וועט ברענגען גרויס חשיבות צו דער אויפקלערונג וועגן דעם ערב שבת. אין דעם בוך וועט אריינגיין אלץ וואס איז געשריבן, דערציילט, געזונגען און געדיכטעט געווארן וועגן שבת, אנהויבנדיק פון דער תורה ביז היינט. איך האף, אז דאס ספר וועט אינגיכן פארענדיקט ווערן,

ווייל מיינע פריינד אין ארץ-ישראל האבן מיר צוגעזאגט זייער שטיצע.

„וועגן „אידן בוך" האב איך דיר שוין דערציילט ווען דו ביסט געווען אין ארץ-ישראל. דאס איז א פאלקלאריסטיש בוך, וואס גיט איבער ידיעות וועגן אידישן פאלק, זיינע שבטים און ריכטונגען אין דער געגנווארט. אין דעם בוך וועט אויפגעזאמלט ווערן אלץ וואס אידן אויף דער גאנצער וועלט טוען און דענקען איצט. פאר-שטעהט זיך, אלץ פון נאציאנאל-רעליגיעזן שטאנדפונקט, אבער אויך דער געזעלשאפטליכער שטאנדפונקט וועט באהאנדלט ווערן.

„דער פלאן איז ביי מיר אין געדאנק אויסגעארבעט מיט אלע פרטים, און איך זעה פאר זיך ממש דאס בוך פארטיק. אבער איך האב נאך ניט אויפגעשריבן דעם פלאן. איך וועל מוזן האבן מיט-העלפער אומעטום, ווייל וועגן די אידן אין כינע וועט געשריבן ווערן אין בוך אזוי ווי וועגן רוסישע און פוילישע אידן. איך האף, אז איך וועל זוכה זיין צו זעהן דעם סיום פון דעם בוך".

„ער האט זעהר פיל גערעדט וועגן רמב"ם און זיין בר-פלוגתיה דער ראב"ד און דערביי ארויסגעוויזן אויסערגעוויינליכע בקיאות אין דער ליטעראטור וועגן דעם ענין.

„נאכדעם האט ער זיך ווידער צוריקגעקערט, און מיט גרויס צער און א ציטערדיקער שטימע גערעדט וועגן די מחלוקת'ן אין ארץ-ישראל. ער האט געזאגט: „הערך נאר, איך האב אלעמאל נאכ-געדענקט וועלכע פארטיי פון די פילע פארטייען וועט אין דער צו-קונפט רעפרעזענטירן אונזער פאלק. פאר מיינע אויגן האבן זיי אלע דורכגעשפרייזט ווי שעפסן און איך מוז דיר זאגן, אז קיין איינע פון זיי איז נישט די ריכטיקע. ווייסטו וועלכע פארטיי וועט רעפרעזענטירן דאס פאלק אויף שטענדיק? (ער האט זיך אפגע-שטעלט אינמיטן און געזאגט מיט געפיהל) ד י ת ו ר ה א ו ן ד י מ ס ו ר ה.

„עטליכע טעג נאך דער אפעראציע האט ער מיט מיר גע־שמועסט. ער האט זיך זעהר געפרעהט, וואס ער קען הערן פון פענסטער לעבן גארטן דאס סוויסטשען און געזאנג פון די פייגל, וואס פארזאמלען זיך יעדן טאג פינף אזייגער אין דעם גארטן פון סאניטאריום.

„איך האב דאן באמערקט דעם דיכטער, אז יארנלאנג האלטן די פייגל אפ דא א קאנגרעס יעדן טאג פינף אזייגער. אויף דעם האט ער באמערקט, אז זיי האלטן ניט אפ קיין קאָנגרעס, נייערט זיי פארזאמלען זיך צו דאווענען מנחה, און האט צוגעגעבן: „איך גלויב באמונה שלימה, אז די פייגל זאמלען זיך צונויף אינדערפריה און אין אוונט, כדי תפילה צו טון".

פאר דער צווייטער אפעראציע האט דר. ר. געזאגט דעם דיכ־טער: „גאט פון אברהם, יצחק און יעקב זאל דיר העלפן", און ער האט געענטפערט: „זיי מתפלל פאר מיר".

„דאס זענען געווען די לעצטע ווערטער, וואס ביאליק האט צו מיר גערעדט".

אויך אין דער אידישער פרעסע זענען פארעפענטלאכט גע־ווארן אייניקע ארטיקלען וועגן די לעצטע טעג פון ביאליק'ן אין ווין. דער אינטערעסאנסטער צווישן זיי איז, נאך מיין מיינונג, דער ארטיקעל „א געשפרעך מיט ביאליק'ן אין טאג פון זיין טויט", פון דעם באוואוסטן שרייבער מ. גראס. מיר דרוקן דא איבער דעם ארטיקעל, מיט אייניקע פארקירצונגן:

„דאנערשטאק האט ביאליק שוין געוואלט פארלאזען דאס בעט — אבער א נאכט פריהער האט אים דער טויט פלוצלונג פאר־שטעלט דעם וועג. עטלאכע קורצע, גיכע אויגענבליקן האט גע־דויערט דער איבערגאנג, דאס אריבערשוועבן פון לעבן צום טויט. ער האט געהאט „קפיצת הדרך".

קיינער האט זיך ניט גערעכט אויף דעם דאזיקן שוידערלעכן סוף. קאַרגע צוויי וואָכן נאָך דער אָפּעראַציע איז זיין צושטאַנד געוואָרן וואָס אַמאָל בעסער. די דאָקטוירים זענען געווען מיט אים צופרידן. זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן דעם פּאַציענט קליינע „קאָנ-צעסיעס" אין עסן, אין דער באַוועגונג. מען האָט אים דערלויבט צו לייענען, צו שמועסן אַביסל.

„ביאַליק האָט דאָס אַלץ אָנגענומען מיט כמעט קינדערישער דאַנקבאַרקייט, ווי אַ הימלישע מתּנה. ער האָט געשמייכלט צו די דאָקטוירים, צו גוטע פריינט, וואָס זענען אים געקומען מבקר חולה זיין. פון צייט צו צייט האָט ער זיך געמאַכט מיט אימיצן אַ ווער-טעל, געפּרובט פאַרטרייבן די מרה-שחורה פון זיין פאַרמאַטערטער פרוי, וואָס האָט וואָכן לאַנג געוואַכט ביי זיין בעט, נאַכט פאַר נאַכט . . .

„ער האָט זיך געגרייט פאָרן פון וויען קיין קאַרלסבאַד אויף אָפּרו — און ער האָט דאָס אַלץ געוואָלט מאַכן וואָס גיכער, ניט פאַרלירן קיין צייט, ליקווידירן וואָס שנעלער „די חול-המועד טעג" פון דער קראַנקהייט. דער גאַנצער ענין איז עפּעס ניט געווען לויט זיין אַקטיוויסטישן טעמפּעראַמענט. דער קאָפּ איז פול מיט גע-דאַנקען, מיט פּלענער, מיט לעבעדיקער קראַפט. זיין שטאַרקע פּער-זענלעכקייט, איינגעשטעלט אויף שאַפערישער דינאַמיק, פאַרטראָגט ניט אַזוי פיל רו. ער וויל באַלד צוריק אַהיים, קיין תּל-אָביב, צוריק צו זיין שטילן שרייב-טיש, צו זיין גייסטיקער לאַבאָראַטאָ-ריע . . .

„ביאַליק רעקלאַמירט" זיין געזונט ביי די דאָקטוירים. ער איז אומגעדולדיק; ער וויל וואָס פריער פּאַרטיק ווערן, די דאָק-טוירים טרייסטן אים: נאָך אַ טאָג, נאָך צוויי . . . עס ווערט אַלץ בעסער . . . דער דיכטער פילט זיך אַלץ לייכטער, פרישער. דאָס פיבער איז אַוועק. די יסורים זענען אַוועק . . .

דער ווינער אינדוסטריעלער מ. דעלפינער, דעם דיכטער׳ס נאהענטסטער פריינד פון תל-אביב, וואס איז די גאנצע צייט מיט ליבע, מיט איבערגעבנקייט געשטאנען ביי זיין בעט, אפגעהיט זיין געזונט, זיין רוה, ווי א וואונדערלאכן אוצר, געפרעט זיך ווי א קינד מיט ביאליק׳ס א שמייכעל, מיט זיין פרייען בליק — איצט ערשט קאן ער לייכט אפאטעמען. איבערגעקומען די שווערסטע טעג — איצט קאן ער זיך שוין פארלאזן אויף ביאליק׳ס געזונדע נאטור, אויף זיין שטארקן לעבענס-ווילן, אויף די געטרייע קראפט — רע-זערוואוארן, וואס געפינען זיך אין דעם דיכטער׳ס ארגאניזם.

„נעבן דעלפינער׳ן האלט דער ווינער שריפטשטעלער דר. דוד ראטבלום משמורה ביי ביאליק׳ס בעט. אנדערע נאהענטע מענשן קומען, געווען: ליטעראטן, פאליטיקער, קולטור טוערס, פריהער זענען די דאקטוירים געווען שטרענג, האבן קיינעם ניט צוגעלאזט. אין די לעצטע טעג, ווען ער האט אנגעהויבן ווערן וואס אמאל בעסער, איז דער „רעזשים״ געווארן א לייכטערער.

„א קארגן מעת-לעת פאר זיין טויט בין איך געזעסן ביי ביאליק׳ס בעט אין דעם האלב-טונקעלן צימער פון דעם סאני-טאריום. עס איז געווען אוונט, אבער דאס ליכט האט נאך ניט געברענט. ביאליק׳ס גרויסער, שעהנער קאפ, ווי דער פראכטפולער קאפ פון א לייב, וואס רוט, שימערירט געל אויף דעם ווייסן קושן. דורך דעם אפענעם פענסטער רינען אריין בלוי-צארטע ליכט-שטראמן, עס איז דאס ציטריקע ליכט פון „שעת רחמים בין השמשות״ . . .

ביי זיין בעט ליגן ספרים, זשורנאלן, ארץ-ישראל צייטונגן, בריוו, דעפעשן פון אלע טיילן פון דער אידישער וועלט. אלע האבן א חלק אין דעם משורר האומה — אידן פון פוילען און פון ארץ-ישראל, פון אמעריקע, אפריקע און פון אומעטום. אלע פאדערן ידיעות וועגן זיין געזונט. אלע האבן טענות, זענען ברוגז, אז מען

ענטפערט זיי צו קנאפ אדער צו שפעט.

„אפילו קראנק זיין לאזט מען מיך ניט ביחידות" . . .

„ביאליק שמייכעלט מיד. ער הייסט מאכן ליכט. ער בעט זיין פרוי, זי זאל ארויסגייען אויף א קליינעם שפאציר אין דעם שכנות'דיקן פארק. זי איז פארמאטערט פון לאנגע, ניט געשלא-פענע נעכט, פון דער שווערער זארג פאר זיין טייערן לעבן.

„מיר בלייבן א ווײַלע אליין אין צימער. די מינוטן פאר-גיין לייכט. נאר וואס זענען אנגעקומען פרישע ידיעות פון דייטשלאנד. ביאליק וויל וויסן, וואס דארט טוט זיך. איך גיב אים איבער בקיצור די לעצטע מעלדונגן וועגן „דער נאכט פון די לאנגע מעסערס" אין מינכען און אנדערע דייטשע שטעט, וועגן די קורצע פראצעסן, וואס היטלער האט געמאכט מיט זיינע געטרייע, וועגן די נייע איבערקערענישן, וואס זענען נאך צו דערווארטן."

דער דיכטער הארכט זיך איין און שווייגט. א ווײַלע דאכט זיך מיר, אז ער איז שוין אפשר ווייט, ווייט אוועק פון דער דא-זיקער רויער, פארפלאנטערטער ווירקליכקייט . . . אפשר האלט ער שוין ביים סך-הכל? . . . אפשר האט ער אין דער רגע שוין גע-מאכט גאנץ שטיל זיין חשבון מיט דער דאזיקער צואוויטאקטער וועלט, געגרייט זיך אפשר צו דעם ווייטען וועג, וואו די אלע פראב-לעמען האבן שוין גאר קיין חשיבות ניט? . . .

און פלוצים כאפט ביאליק זיך אויף ווי פון א לייכטען דרימעל און זיין קול קלינגט אזוי מאדנע, אזוי פארהוילן, גלייך ווי ער וואלט גערעט דורך א צארטן שלייער:

„גערעכטיקייט . . . צדק . . . דאס איז דער סוף . . . דער ליכטיקער סוף . . . ער וועט קומען פאר אלעמען . . . גערעכטיקייט איז דער אינערלאכער גלייכגעוויכט פון דער וועלט . . . די האר-מאָניע . . . פאר אונז אידן איז דאס קיין נייעס ניט . . . זיי דער-שרעקן זיך אלע מאל פאר דעם אומבעקאנטען פענאמען, וואס האט

ניט קיין שורש אין זייער נשמה . . . "

שוויים פערעלט זיך אויף זיין שטערן. ער נעמט אין דער האנד דעם „דבר", וואס איז נאר וואס אנגעקומען פון ארץ-ישראל. ער ווארפט א בליק אויף די ידיעות, אויף די מאמרים. אלץ איז אזוי נאהענט, אזוי היימיש . . . זיין געדאנק פערוויילט א רגע ביים ישוב, ביי זיינע נויטען, ביי די וועטאקן, מיט וועלכע עס ראנגעלט זיך זיין יונגער לעבן.

ווי ווייט איך זאל מיך ניט אויסהיטן פון פאליטיק — ניט ווילענדיק ווערן אנגערירט אין אונזער שמועס געוויסע אקטועלע פראגן, וואס שטעען היינט אין צענטער פון דעם געזעלשאפטלאכן לעבן אויף דער גאנצער וועלט:

„פיזישע ברוטאליטעט", זאגט ביאליק, אין דער פאליטיק און אין ספארט, דאס איז א מאדע זאך . . . זי איז אונטערגעווארפן אונטער די קאפריזען פון דעם צייט געשמאק . . . זי איז פארגענגליך און ווערט נמאס מיט דער צייט . . . ווארים די געוואלד איז אין גרונט מאנאטאן . . . זי ווערט פארצערט דורך זיך אליין . . . נאר דער גייסט איז אייביק . . . ער איז געווען אין אנהויב און קומט נאך אלעמען . . . "

די דאזיקע ווערטער דערמאנען זיך מיר ערשט איצט, נאך אלעמען . . . איך בין געקומען צו ביאליק'ן ניט צוליב א ציימונגס שמועס. מיר האבן גערעט וועגן ליטעראטור און איך האב מיך געפרובט ווייטער ציהען דעם שמועס, וועלכן איך האב געהאט מיט ביאליק'ן מיט עטלאכע יאר צוריק בעת דעם לעצטן ציוניסטן-קאנגרעס אין באזעל.

— — — — — — — — — —

מיר האט ער איבערגעריסן דעם שמועס. מיר האבן אים אפגעלייגט אויף אן אנדער מאל. פרוי ביאליק איז צוריקגעקומען. דער טעלעפאן קלינגט. דער אוונט ווערט אלץ טונקעלער, שפעטער.

דעם דיכטער'ס גרויסער, שעהנער קאפּ שימערירט געל אויף דעם ווייסן קושען. דער שטערן איז פייכט, די אויגען זיינען אביסעל מאט, פאלען צו . . .

איך געזעגן זיך מיט ביאליק'ן. זיין ברייטע האנט האלט מיין האנט א לענגערע ווייל. ער אנטשולדיקט זיך.

„אויב ניט אקטועלע פּאליטיק, וועט דאך אונזער שמועס סיי-ווי ניט עובר ווערן . . . מיר'ן נאך האבן צייט . . . "

אבער זיין צייט איז אין יענעם אוונט שוין דערגאנגען פּא-מעלאך צו איר סוף . . . ער האט דאס ניט געפילט. קיינער האט דאס ניט געוואוסט. דעם גאנצן מארגענדיקן טאג איז ביאליק גע-ווען פריש. ער האט זיך געפילט פריי און האט זיך געגרייט צו פארלאזן דעם סאניטאריום א טאג שפּעטער.

בייטאג האט ער אויפגענומען פארשיידענע באזוכערס. ארום אוונט האט ער זיך געוואלט אביסל אפּרוהן. ער האט זיך געהייסן דערלאנגן א בוך און האט געלייענט. די דאקטוירים האבן אים שוין מער ניט געהיט אזוי שטרענג. זיי האבן זיך פארלאזט אויף זיין „געזונטער נאטור", אויף זיין ווילען געזונט צו ווערן . . .

ביאליק האט געבלעטערט אין דעם בוך. פּלוצים האט דאס בוך זיך ארויסגעגליטשט פון זיין האנט . . .

„דאק-טאר . . . !" האט ער א געשריי געטאן — און שוין איז זיין הארץ געשטאנען שטיל, גלייך ווי דער טויט וואלט שוין אלץ געוועזן צוגעגרייט פון פריהער און האט נאר געווארט אויף דעם ריכטיקן אויגענבליק, אויף דעם לעצטן . . .

שלוסווארט

„און כאטש דיין אנהויב וועט זיין קליין, דאך וועט דיין ענדע זיין זעהר גרויס" (איוב ח׳ ז׳) — דאס איז געווען דער לעבענס־וועג פון דעם „משורר לאומי".

ארעם און עלענד איז געווען די קינדהייט פון דעם אינגעל „דער צארטער מיט אויגן קלארע, אויפגעהויבענע צום הימעל". און ווי אזוי דער דיכטער שילדערט זיין קינדהייט:

„פארוואלקענט ווי דער הארבסט און פרייד אין צער אין שטומען
די קינדהייט דיינע איז פארלאפן וויסט און בלאס".

קוים זיבן יאָר אלט געווארן איז זיין פאטער געשטארבן. ווי האט די מוטער אויפגענומען דעם טויט פון איר מאן? דערציילט אונז דער דיכטער אין ליד „שבעה":

„די מאמע איז געזעסן און געשוויגן א פארגליווערטע
דאס פנים — א שטיק אייז, איר הארץ — א טויטער שטיין.
די מורא פאר מארגענדיקן טאג — האט איר די האר פון קאפ
געהויבן"

— — — — — — — — — — —

ווי וועט זי אויסהאלטן איין טאג מיט דריי יתומים אויפן האלז?"

צוליב דער ביטערער נויט האט זי געמוזט זיך שיידן מיט איר ליבלינג חיים־נחמן און אים אוועקשיקן צום זיידען „א טיפן זקן, א קפדן, וועלכער איז געווען זייער שטרענג צום איניקעל. וועגן דער באציהונג פון זיין רבי׳ן דערציילט דער דיכטער:

„דער רבי האט א שווערע האנט געהאט פארביטערט, האסטיק
און האפט האט ער זיין ביטער הארץ אויף מיינע ביינער
אויסגעלאזט.

נאך שטרענגער איז געווען צו אים דעם זיידענ׳ס בני משפחה, וועלכע האבן אים זייער אכזריות׳דיג בעהאנדעלט.

אויך אין דער וואלאזשינער ישיבה, וואוהין ער איז שפעטער אנגעקומען, איז זיין וועג ניט מיט בלומן געווען אויסגעשפרייט. ער האט דארטן געליטן אי מאטעריעל, אי גייסטיק, ווייל ער איז דאן היגנעריסן געווארן פון די השכלה אידעען פון יענער תקופה.

זייער טרויעריק איז געווען זיין לאגע אין אדעס, אין די ערש-טע יארן, וואו ער האט פאר זעקס חדשים צייט „געהונגערט, זיך געפייניקט, זיך ארומגעוואלגערט אין קעלערס מיט שווינדזוכטיקע צוזאמען". אויך אין די שפעטערדיקע יארן האט ער געלעבט ניט ווי גאט אין אדעס, נאר אין גרויס נויט און דחקות.

גאנץ אנדערש איז געווען דער וועג פון ביאליק׳ן אלס דיכטער. אין א קורצער צייט, בערך, איז דער באשיידענער, שעמעוודיקער יונגערמאן בארימט געווארן אלס א בעדייטענדער פאעט. ער איז געווארן דער ליבלינג פון דער אידישער אינטעליגענץ. זיינע קרעפ-טיקע, נאציאנאלע לידער זענען אויפגענומען געווארן מיט גרויס בע-גייסטערונג און התלהבות פון נאציאנאלע אידן. זיינע צארטע, לי-רישע לידער האבן אים אוועקגעשטעלט ביי דער מזרח-וואנט פון דער העברעאישער ליטעראטור. ער איז געווארן דער ב ע ל שם-טוב אין דער העברעאישער דיכטונג.

אבער ווי האט דער גרויסער דיכטער אברהם רייזען געזאגט — „ביאליק איז געווען מער ווי א דיכטער". ער איז געווען א ריזיקע פערזענליכקייט, א גרויסער גייסט, א בעדייטענדער דענקער און תלמיד-חכם.

אויך איצט אין ארץ-ישראל, וואו עס זענען פערזאמעלט אונ-זערע גרעסטע אינטעלעקטועלע כחות, איז ער געווען דער כהן-גדול צווישן די אינטעלעקטועלע און דעם המון-עם, די באליבטסטע און געאכטעסטע פערזענליכקייט אין לאנד.

ווי באוואוסט האט ביאליק זייער ליב געהאט קינדער. אין איינעם פון זיינע לידער שרייבט ער:

„און אפשר צו די קינדער אין די גאסן גיין, וואס שפילן אומשולדיק —

איך וועל זיך אויסמישן מיט זיי, זייער גערייד און געפלאפל לערנן

„פון זייער אטעם ריין ווערן, מיין מויל מיט זייער ריינקייט אפוואשן".

אויך די „משה'לאך און שלמה'לאך" מיט זייערע „כשר'ע אויגעלאך" האבן אים געליבט אהבת נפש. קינדערלאך פלעגן דערציילן איינער דעם אנדערן מיט גרוים חדוה וועגן דעם גליק, וואס זיי האבן געהאט צו זעהן ביאליק'ן, אדער הערן זיינע שמועסן מיט זיי אין די שולן אדער פריוואט.

מאקסים גארקי האט כאראקטעריזירט ביאליק'ן אלס דעם „איוב פון דעם צוואנציקסטן יאָרהונדערט". איז דאס בלויז א האלבער אמת, ווייל ביאליק איז געווען ניט נאר דער מוכיח און מקונן, דער איוב און ירמיהו פון אונזער דור, נאר אויך דער גרויסער דערמוטיקער און טרייסטער פון אידישן פאלק, דער ישעיהו פון נחמו, נחמו עמי — — —

פארטיף איך זיך אין זיינע שירים און שריפטן פיל איך און בין זיכער, אז ניט נאר אונזער דור, נייערט נאך מער די קומענדיקע דורות וועלן שעפן פיל בעגייסטערונג און אינספיראציע פון די מעינות הישועה, פון די הילפס-קוואלן פון ביאליק'ן.

איינע פון די פראבלעמען, וואס האבן געפלאגט און געמאטערט דעם משורר איז געווען די פראגע, ווי אזוי ער וועט שטארבן?

„כיוואלט געוועז א בעלן וויסן

ווי וועט זיין מיין טויט?"

שרייבט ביאליק אין איינעם פון זיינע ערשטע לידער אין אידיש. קוים אלט געווארן דרייסיק יאר (אין יאר 1904) אין פולן בליה פון זיינע פיזישע און גייסטיקע כחות, קומט ער ארויס מיט זיין בארימטן שיר „אחרי מותי", נאך מיין טויט. צו דער טעמע קערט ער זיך אום א סך מאל אין פארשיידענע שירים זיינע.

משמעות, אז ער האט געזעהן ברוח הקודש, אדער, ווי דאס ווערט איצט אנגערופן, אינטואיציע, אז ער וועט ניט שטארבן מיט א געוויינלאכן טויט. „פאר דער צייט איז ער דער מענטש גע-שטארבן", שרייבט ביאליק אין דעם דערמאנטן ליד.(*

ער באמיהט זיך אויך צו טרעפן, וואס עס וועט פאסירן מיט זיינע יצירות, אדער, ווי ער דריקט זיך אויס, עכט אידיש, מיט זיין „נשמה" נאך זיין טויט: צי זיין נשמה וועט „פארפאלן ווערן פלוצלונג אין א שווארצן תהום" אדער

„אפשר וועט זי זיך אויסגיסן
אין א פערעל-טרער".
„און וועט ציטערן, שעמערירן
דורות לאנג נאך מיר,
ערגעץ אין א פרעמדענס הארצן,
אין א פרעמדער קרוין?"

אין אן אנדער ליד זאגט ער נביאות:

„נאר סיוועט מיין צארן לאנג זיך רויכערן נאך מיר
ווי סירויכערט זיך דער קראטער פון וואולקאן
דערנאך, ווי סיאיז זיין פייער אויסגעלאשן.

---

*) אין ארץ ישראל דערציילט מען: א קורצע צייט פאר זיין טויט, האט ביאליק געזאגט צו א אינטימן פריינד: — ווען דו וועסט פארענדיקן דיין ארבעט וועגן רמ"בם קום צו מיין קבר, קלאפ אן און זאג: חיים נחמן, איך האב פארענדיקט מיין ארבעט.

און לעבן צווישן אייך כל-זמן דער דונער דונערט,
און כוואליעס, כוואליען זיך אין אקעאנען".

איצט נאך זיין הסתלקות קענן מיר געוויסערמאסן ענטפערן אויף דעם טויט פראבלעם, וואס האט דעם דיכטער געמאטערט פאר א סך יארן.

ער איז ווירקליך געשטארבן „פאר דער צייט" פארהעלטניס-מעסיק יונג און אין זיין פולער גייסטיקער רייפקייט. אבער ביאליק לא מת, זיין גייסט איז ניט געשטארבן. זיינע יצירות וועלן לעבן אזוי לאנג ווי דער לעצטער איד וועט לעבן אויפן ערד-קוגעל.

ווי איז געווען דעם דיכטערס געמיט אין זיינע לעצטע טעג, ווען ער האט געפילט, אז ער גייט אוועק פון אונז? געוויס האט ער ניט שלום געמאכט מיט'ן טויט, ווי אין די פריערדיקע יארן, ווען ער האט געזונגען:

„צו וואס זיך שרעקן פארן טויט — אז ס'זיצט זיין מלאך
רייטענדיק אויף אונז
און האלט זיין צוים אונז אין די מיילער:
מיט אויפלעבונג-געשרייען אויף די ליפן און מיט פריילאכן
געפילדער
דא טאנצן מיר אין גרוב אריין".

ווי געזאגט, איז ער די לעצטע טעג געווען אין אן עצבות'דיקן געמיט. ער איז געווען אונצופרידן פון דעם פירוד-הלבבות, פון דעם ברידער-קריג אין ארץ-ישראל, פון דעם ערב-רב פון ספעקו-ליאנטן, וואס האבן פאראומרייניקט די ארץ הקדושה, פון דעם וואס אידן ווערן אפגעריסן פון דער ת ו ר ה און דער מ ס ו ר ה.

איך שטעל מיר דעריבער פאר, לפי עניות דעתי, אז זיין טויט

איז פארגעקומען ווי ער האט פאראויסגעזאגט אין זיין ליד „און אז איר וועט געפונען": —

„און דער מענש האט איין תפילה געהאט — — — — —

און א לעבעולאנג האט זיך די תפילה געצויגן —

נאר ס'האט גאט ניט פארגונען;

געקראגן נישט דאס, וואס ער האט געוואלט, און וואס ער
האט געזוכט,

האט ער קיינמאל געפונען.

און ביזין לעצטן טאג האט דער מענש ניט פארצווייפעלט

זיין זעל האט געהאפט אלץ א שטילע,

און זיין הארץ האט געבעטן, געבעטן און געשטארבן

אין מיטן דער תפילה".

אינהאַלט

פאָרוואָרט — — — — — — 5

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט ביאַליק׳ן — — — — — — — 10

י. ח. ברענער און ח.נ. ביאַליק — — — — — — 21

באַגעגענישן מיט דעם משורר אין ארץ־ישראל — — — 24

ביאַליק׳ס קורצער באַזוך אין אַמעריקע — — — — — — 27

„עונג־ שבת" אין תל־אביב — — — — — — 39

דער דיכטער און זיינע קאָלעגן — — — — — —47

דער דיכטער און דער המון־עם — — — — — — 61

אין שרייבער פאַריין — — — — — — 72

ביאַליק׳ס באַציהונג צום ציוניזם — — — — — — — 80

שיחות־חולין — — — — — — — — 91

דער זעכציק־יעריקער יובל — — — — 110

נאָך די יובל פייערונגען — — — — — — — — 113

שמחת־תורה פייערונג אין תל־אביב — — — — — 122

די היטלער רדיפות אויף דייטשע אידן — — — — — — 127

מיין לעצטע באַגעגעניש מיט׳ן דיכטער — — — — — — 135

געזעגענונגס־שמועסן — — — — 144

די לעצטע טעג פאַר זיין פּטירה — — — — — — — — 154

שלוסוואָרט — — — — — — — 166